NEWARK EDITION

Forward

פאָרווערטס

Forward

די בעפרייאונג פון די ארבייטער איז די זאכע דער ארבייטער זעלבסט

ארבייטער פון אלע לענדער, פעראייניגט אייך.

Entered as Second Class Matter at Post Office New York, N. Y.

Vol. XXXIV. No. 11,853.—Daily | New York, Saturday, May 3, 1930 | וועטער: היינט, קיהלער | NEWARK | ניו יאָרק, שבת, מאַי 3, 1930 | 10 Pages | PRICE, THREE CENTS

וועהילען פאַרעפענטליכט סענזאַציאָנעלע געהיימע דאָקומענטען צו ווייזען ווי מאָסקווע פיהרט דורך גאַנצע קאָמוניסטישע אַרבייט אין אַמעריקע

געלד פאַר קאָמוניסטישער אַרבייט איז געגאַנגען דורך דער האַנדעלס-אַגענטור „אַמטאָרג"

די דאָקומענטען זיינען איבערגעכאַפּט געוואָרען פון קאָמי-מישאָנער וועהילען'ס געהיים-פּאָליציי.—באָריס סווירסקי, דער אונאָפיציעלער סאָוועטען „אַמבאַסאַדאָר" אין אַמע-ריקע ווערט דערמאָנט אין די דאָקומענטען. — נעמען פון אַנדערע קאָמוניסטישע אַגענטען ווערען אָנגעגעבען. — מאָסקווע שיקט אַן אַגענט צו טאָן קאָמוניסטישע אַרבייט פאַרשטעלט אַלס אַנגעשטעלטער פון האַנדעלס-אַגענטור, ווייזט א בריף. — סווירסקי זאָגט, אַז די דאָקומענטען זיי-נען געפעלשטע.

מאָסקווע האָט גערופען געהיימען מיטינג אין סיאַטעל צו אַראַנזשירען ראַיאָטען און מאַי דעמאָנסטראַציעס, זאָגט וועהילען

פּאָליס קאָמישאָנער וועהילען האָט נעכטען פאַרעפענטליכט א רייהע סענ-סאַציאָנעלע דאָקומענטען וועגען דער סאָוועטישער האַנדעלס-דעלעגאַציע „אַמ-טאָרג" און איהר ראָלע אין דער קאָמו-ניסטישער אַרבייט אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

מר. וועהילען האָט דערביי אַרויסגע-געבען פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס פון זעקס בריף, א מעמאָראַנדום און אַן אַרטיקעל אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ", וועלכע באַשטעטיגען, לויט זיין מיינונג, דעם פאַרדאַכט, אַז די סאָוועטישע האַנדעלס-אַגענטען פון „אַמטאָרג" און דער אונ-אָפיציעלער סאָוועטישער „אַמבאַסאַדאָר" אין וואַשינגטאָן, באָריס סקווירסקי, באַ-שעפטיגען זיך דאָ אויך מיט רעוואָלו-ציאָנערער אַרבייט און פיהרען אָן מיט דער היגער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער פּאָליס קאָמישאָנער האָט זיך דערביי ענטזאָגט צו זאָגען, ווען און ווי אַזוי ער האָט די „דאָקומענטען" אַריינ-געקראָגען. ער זאָגט בלויז, אַז ער האָט זיי באַקומען דורך דער „ביוראָ און קרי-מינעל אינפאָרמיישאַן" פון פּאָליס דע-פּאַרטמענט און אַז ער צווייפעלט ניט, דאָס זיי זיינען אמת'ע און ניט קיין גע-פעלשטע.

פון דער אַנדער זייט האָט דער הויפּט פון דער סאָוועטישער אינפאָרמיישאַן ביוראָ אין וואַשינגטאָן, באָריס סקוויר-סקי, שוין נעכטען פאַרעפענטליכט אַן ערקלעהרונג, אין וועלכער ער פאַרזי-כערט, אַז וועהילען'ס דאָקומענטען זיי-נען אַלע געפעלשטע און אַז אין זיי איז ניטאָ קיין איין וואָרט אמת.

סקווירסקי פאַרזיכערט דערביי, אַז שונאים פון סאָוועט רוסלאַנד האָבען געפעלשט די דאָזיגע דאָקומענטען, אום צו שעדיגען דאָ דער סאָוועטען-מאַכט און ניט דערלאָזען אַז די ענגע געשעפט-ליכע פאַרבינדונגען, וואָס זיינען לעצ-טענס איינגעשטעלט געוואָרען צווישען אַמעריקע און סאָוועט רוסלאַנד, זאָלען זיך ווייטער ענטוויקלען און פאַרשטאַר-קערען. אַן ענליכען סטייטמענט האָט שפּעטער אויך פאַרעפענטליכט דער ניו-יאָרקער אָפיס פון „אַמטאָרג". די פיה-רער פון דער מאָסקווער האַנדעלס דע-לעגאַציע לייקענען ענטשיידען אָפּ די באַהויפּטונג, אַז זיי האָבען אירגענד וועלכע פאַרבינדונגען מיט דעם קאָמו-ניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, אָדער אַז זיי זיינען אַגענטען פון דער היגער קאָ-מוניסטישער פּאַרטיי.

פון דער אַנדער זייט ווערט אין וועהילען'ס „דאָקומענט" בפירוש אַרויס-געבראַכט דער פאַקט, אַז דער „אַמטאָרג" איז ענג פאַרבונדען מיט דעם קאָ-מוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל און מיט דער סאָוועטישער געהיים-פּאָלי-ציי „א-גע-פע-או", וועמעס אַגענטען עס געפינען זיך אין אַלע לענדער, אַמעריקע אַריינגערעכענט.

איינע פון די דאָזיגע בריף זיינען געשריבען אויף לעטערהעדס פון ניו-יאָרקער אָפיס פון „אַמטאָרג"; אַנדערע — אויף די בלאַנקען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

אויף אַן אַנדער פּלאַץ געבען מיר היינט די אידישע איבערזעצונג פון די „דאָקומענטען" צוזאַמען מיט פאָטאָגראַ-פישע קאָפּיעס פון זייערע רוסישע אָרי-

(שלוס אויף לעצטער פּיידזש)

צוויי פון די געהיימע קאָמוניסטישע דאָקומענטען וואָס קאָמישאָנער וועהילען האָט פאַרעפענטליכט



КОМИНТЕРН.

мандату
Приложение к письму № 6см. от 3 Января 1930.

Распределение командируемых по Штатам САСШ.

Нью Йорк.
Богданов, Гарин, Герман, Васильев, Марков, Петров, Образцов.
Массачюсет.
Пвечко, Кучин, Розенгауз.
Иллинойс.
Шарков. Денисенко. Константинов.
Норт Каролайна.
Аникиев. Яковлев. Рабкин.
Саут Каролайна
Гартенберг.
Пенсильвания.
Кульчинский. Авдеев. Винокуров.
Коннектикут.
Тихомиров.
Мичиган.
Малышевич. Робертсон.
Джорджия.
Филипс. Флауерс.



Пролетарии всех стран соединяйтесь.

Исполком Коминтерна.

Секретариат Американского Отдела

№ 6 см.

Москва, Садовниковская пл. д. № 1.

Москва, 3 Января 1930 г.

Лично, под расписку.

Т.Г. ГРАФПЕНУ.
Амторг, Петровка 2/6.
Москва.

МАНДАТ.

Исполкомами Коминтерна и Профинтерна поручено нам выдать Вам настоящий мандат, согласно которого Вы вновь командируетесь в США в качестве генерального представителя по оперативно-административной части вышеуказанных организаций.

В Ваши обязанности входит выполнение постановлений, принятых на последнем, совместном, заседании заграничных секций Коминтерна и Профинтерна. Все изменения, равно как и все новые распоряжения будут Вам высылаться через дипломатических курьеров в одну из европейских стран, имеющих полпредства СССР.

Вою Вашу работу Вы должны координировать с тов Богдановым и консультировать его по вопросам, которые имеют какое либо отношение к торговым делам.

Тов-щи Дубровский и Шефтель обязаны передать Вам все дела, имеющие к их прежней работе по нашей линии, причем их деятельность, в будущем, должна ограничиваться нотариальными функциями, под флагом Красного Креста. Т. Шефтель откомандировывается в Европу.

Вы должны находиться в постоянной связи с тов. Краевским, который в своей политической работе, на территории Южной Америки, подчиняется Вам.

В связи с последними безменными выпадами предателей, Ваша штаб-квартира будет временно находиться в Сеаттле, в штате Вашингтон, куда Вы будете командированы Амторгом в качестве заведующего их отделением, куда предлагается перевести текущие дела. Архивы из подпольных квартир необходимо отправить в Москву грузовым пароходом.

Между 15 и 20 Марта созовите в Сеаттле с'езд всех наших главноуполномоченных, которые должны получить инструкции, литературу по организации первомайских выступлений от Вас, а ассигновки от тов. Северского, который продолжает заведывать Финансовой частью.

Товарищей командируемых из СССР в Ваше распоряжение распределите по районам согласно прилагаемого списка.

Приложите все усилия к окончанию работы в Сеаттле втечение шести месяцев. По окончании организации прочной базы со связями, квартирами, складами и типографией, вернитесь в Нью Йорк.

Обо всех существенных изменениях программы уведомляйте нас каблеграммами.

Срок действия настоящего мандата истекает 31 Декабря 1931 г.

Уполномоченный Исполкома Коминтерна:

Верно:

Приложение: Упомянутое

Адрес для телеграмм: Коминтерн, Москва. Кабелграмм: Поломаму-Москва. Код: Монограф.

נעמען פון אַגענטען וואָס מאָסקווע האָט באַשטימט פאַר אַמעריקע

קאָמינטערן (קאָמוניסטישער אינטערנאַ-ציאָנאַל). דעם 3טען יאַנואַר, 1930. ניו יאָרק — באָגדאַנאָוו, גאַרין, גערמאַן, וואַסיליעוו, מאַרקאָוו, פּעטראָוו, אָבראַצאָוו. מאַסאַטשוזעטס — פּלעטשקאָ, קוטשין, ראָזענהאַוז. איללינאָי — שאַרקאָוו, דעניסענקאָ, קאָנ-סטאַנטינאָוו. נאָרד קאַראָליינאַ — אַניקיעוו, יאַקאָוו-ליעוו, ראַבקין. סאַוט קאַראָליינאַ — האַרטענבערג. פּענסילווייניאַ — קולטשינסקי, אַוו-דעיעוו, ווינאָקוראָוו. קאָנעקטיקוט — טיכאָמיראָוו. מישיגען — מאַלישעוויטש, ראָבערטסאָן. דזשאָרדזשיאַ — פיליפּס, פלאַוערס.

א געהיימער אָרדער וועגען געהיימע קאָמוניסטישע ביזנעס

באַפאָלמעכטיגט פון מאָסקווער אינ-טערנאַציאָנאַל צו ג. גראַפּען.

איספּאָלקאָם פון קאָמינטערן (עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל). מאָסקווע, יאַנואַר 3, 1930. פּערזענליך. צו ט. ג. גראַפּען, אַמטאָרג, מאָסקווע.

מ א נ ד א ט.

די איספּאָלקאָמען (עקזעקוטיוון) פון קאָ-מינטערן און פּראָפינטערן (אינטערנאַציאָ-נאַל פון קאָמוניסטישע גווערקשאַפטען) האָבען באַפאָלמעכטיגט אונז אייך צו געבען דעם איצטיגען מאַנדאַט, לויט וועלכען איהר ווערט ווידער קאָמאַנדירט אין די פאַראיי-ניגטע שטאַטען אַלס הויפּט פאַרטרעטער פון דעם אַדמיניסטראַטיוון טייל פון די דערמאָהנטע אָרגאַניזאַציעס.

אין אייערע פליכטען געהט אַריין אויסצו-פיהרען די באַשלוסען פון דער לעצטער פאַר-אייניגטער זיצונג פון די אויסלענדישע סעק-ציעס פון קאָמינטערן און פּראָפינטערן. אַלע ענדערונגען און אַלע נייע פאַראָרדנונגען וועט מען אייך אַרויסשיקען מיט דיפּלאָמאַ-טישע קוריערען אין איינעם פון די אייראָ-פּעאישע לענדער, וואָס האָבען א דיפּלאָמאַ-טישע פאַרטרעטערשאַפט פון ראַטען-פאַר-באַנד.

אייער גאַנצע אַרבייט דאַרפט איהר קאָאָר-דינירען מיט חבר באָגדאַנאָוו, און איהר דאַרפט זיך מיט איהם באַראַטען אין אַלע פראַגען, וואָס האָבען א וועלכע עס איז שייכות צו האַנדעלס אַנגעלעגענהייטען.

די חברים דובראָווסקי און שעפטעל זיי-נען מחויב איבערצוגעבען אייך אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט זייער פריהערדיגער אַר-בייט אויף אונזער ליניע. אין דער צוקונפט דאַרף זיך זייער אַרבייט באַשרענקען בלויז מיט נאָטאַריאַלע פונקציעס, אונטער דער פאָהן פון רויטען קרייץ. חבר שעפטעל ווערט קאָמאַנדירט קיין אייראָפּע.

איהר דאַרפט זיין אין שטענדיגער באַרי-רונג מיט חבר קראַיעווסקי, וועלכער איז אין זיין פּאָליטישער אַרבייט, אויף דער טעריטאָריע פון סאַוטה אַמעריקע, אונטער-וואָרפען צו אייך.

אין פאַרבינדונג מיט די לעצטע ווילדע אָנפאַלען פון פאַררעטער, וועט אייער הויפּט קוואַרטיר צייטווייליג זיין אין סיאַטעל, וואַשינגטאָן סטייט, וואוהין דער אַמטאָרג וועט אייך קאָמאַנדירען אַלס פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיגער אָפּטיילונג, און וואוהין מען וועט דאַרפען אַריבערפיהרען אַלע לוי-פענדע אַרבייטען. די אַרכיוון פון די גע-היימע קוואַרטירען מוז מען אָפּשיקען קיין מאָסקווע מיט א פראַכט-שיף.

צווישען דעם 15טען און 20טען מאַרטש וועט אויך אין סיאַטל פאָרקומען א צוזאַמענ-פאָהר פון אַלע אונזערע הויפּט בעפאָלמעכ-טיגטע, וועלכע דאַרפען באַקומען אינסטרוק-ציעס און ליטעראַטור וועגען אָרגאַניזירען די אַרויסטריטען צום ערשטען מאַי פון אייך, און געלד פון חבר סעווערסקי, וועלכער איז אויך ווייטער דער פאַרוואַלטער פון דער פינאַנץ אָפּטיילונג.

די חברים, וואָס מען קאָמאַנדירט פון ראַ-טען-פאַרבאַנד אין אייער רשות, וועט איהר פאַרטיילען איבער די ראַיאָנען, לויט דעם צוגעלייגטען צעטעל.

טוט אַלץ וואָס איהר קאָנט צו פאַרענדי-גען די אַרבייט אין סיאַטעל אין פערלויף פון זעקס מאָנאַטען. ווען איהר וועט פאַרטיג ווערען מיט'ן אָרגאַניזירען א פעסטע באַזע מיט פאַרבינדונגען, קוואַרטירען, סקלאַדען און א טיפּאָגראַפיע, זאָלט איהר זיך אום-קעהרען קיין ניו יאָרק.

וועגען אַלע וויכטיגע ענדערונגען פון פּראָ-גראַם, זאָלט איהר אונז לאָזען וויסען דורך קאַבעלגראַמען.

דער איצטיגער מאַנדאַט בלייבט אין קראַפט ביז דעם 31טען דעצעמבער, 1931.

אונטערשריפט פון באַפאָלמעכטיגטען פון דער עקזעקוטיוו פון קאָמינטערן.

באַנדיטען נעמען צו 5 טויזענט דאָלער אין האָלד-אָפּ אויף אידישער בעקעריי

פינף מינוטען נאָכדעם ווי א געפּאַנ-צערטער אָטאָמאָביל האָט נעכטען פריה געבראַכט א 5 טויזענט דאָלער פּעיראָל צו ליוואַי'ס בעקערי, אין טהערעס סט. און פּאָרטער עוועניו, זיינען דאָרט אין דער בעקערי אַריין פיר יונגע האָלד-אַפּניקעס מיט רעוואָלווערס, צוגענומען די פּעי-ראָל און געמאַכט פּליטה.

די פיר באַנדיטען זיינען אַריין אין אָפיס אויפ'ן צווייטען פלאָר, און א זאָג געטאָן צו דער 23-יעהריגער מיידעל, פּעני שולמאַן, פון 342 מאַרסי עוועניו, ברוקלין, אַז זיי ווילען זעהן מר. ליוואַי. די מיידעל האָט געמיינט, אַז זיי זיי-נען סיילסלייט, האָט זי גלייך געלאָזט וויסען איבערהעכען ליוואַי, א פּאַרטנער אין דער בעקעריי, און ער האָט זיי איינ-געלאַדען אין זיין אָפיס. באַלד ווי זיי זיינען געווען אינסאַיד האָבען זיי אַרויס-געצויגען רעוואָלווערען און געהייסען לי-וואַי'ן, מיס שולמאַן און נאָך פינף אַנגע-שטעלטע, גלייך איבערצוגעבען די פּעי-ראָל.

די פּעי-ראָל איז שוין דאַמאָלס גע-לעגען אין סעיף, און די באַנדיטען האָ-בען, ווייזט אויס, דאָס געוואוסט.

„עפענט דעם סעיף!", האָבען די האָלד-אַפּניקעס א געשריי געטאָן, אַניט וועט איהר פיהלען דעם טעם פון קוי-לען!".

דאָ האָט איינער פון די באַנדיטען אַליין געפּרואווט עפענען די טיר פון סעיף. ער האָט קיין שום שוועריגקיי-טען ניט געהאַט, ווארים די אַנגעשטעל-טע האָבען נאָך ניט געהאַט אויספּייעט צו פאַרמאַכען דעם סעיף, ווען די חברה-לייט זיינען אָנגעקומען.

הכלל, די באַנדיטען האָבען צוגענו-מען די פּעי-ראָל און נאָך אַכט הונדערט דאָלער און אַנטלאָפען אין אַן אַטאָמאָ-ביל, אין וועלכען עס האָט געוואַרט אויף זיי זייערער א „קאָלעגע".

איינער פון די אַנגעשטעלטע, העררי ביער, האָט געפּרואווט זיי נאָכלויפען, אָבער די באַנדיטען האָבען איהם געהייסען זיך צוריקציהען אויב ער וויל ניט בלייבען ליגען א טויטער.

קערפּער פון ערמאָרדעטען יונגען-מאַן געפונען אין אַן אייז-באָקס

א יונגערמאַן מיט דעם נאָמען דזשאָהן מעקלעפלין, וואָס האָט „געאַר-בייט" אַלס „באַר-טענדער" אין א סאַלון אויף 2236 אַמסטערדאַם עוועניו, איז נעכטען פאַרנאַכט פּלוצלינג פאַרפאַלען געוואָרען. מען האָט איהם געלאָזט אַליין אין יענעם פּלאַץ, און ווען דער באַלעבאָס, וועלכער איז א קרוב פון דעם „באַרטענדער", איז אַריין ארום 2 אזייגער אין סאַלון, האָט ער מעקלעפלין'ען שוין ניט געפונען.

מען האָט איהם געזוכט און געזוכט ביז מען האָט איהם געפונען אַן ערמאָר-דעטען, א דערשאָסענעם, אין א גרויסען אייז-באָקס, וואָס שטעהט דאָרט אין קעלער. עס הייסט, עמיצער האָט איהם פאַרנאַרט אין קעלער, דערשאָסען און פאַרפּאַקט אין אייז-באָקס. וועד דאָס האָט מען נאָך קיין שפור ניט געפונען.

דער ערמאָרדעטער האָט געהאַט זיין היים אויף 717 וועסט 177טע סטריט. דעטעקטיווס זיינען אַוועק אַהין צו זו-כען צווישען זיינע איבערגעבליבענע זאַ-כען, אפשר וועט מען דאָרט כאַפּען א שפור צו דעם מאָרד. אָבער ביז איצט האָט מען נאָך ניט געפונען.

פּאָליציי גלויבט, אַז דאָס איז אויך איינער פון די לעצטע „גענגסטער-מאָר-דען", וואָס האָבען פּאַסירט אין ניו יאָרק און אומגעגענט. מיט עטליכע שעה פריהער איז אין ברוקלין אויף די טרעפּ פון האַמילטאָן עוועניו סטיישאַן געטויט געוואָרען אַן איטאַליענישער שוה-אַר-בייטער מיט דעם נאָמען אַליעזאַ, און אויך דער מאָרד איז א געהיימניס.

4 עלטערע פרויען איבערגעפאָרען פון טעקסי; איינע געשטאָרבען

אויטאָמאָביל'ען האָבען נעכטען אַרי-בערגעפאָהרען פיר אַלטע פרויען, ווען זיי האָבען געפּרואווט אַריבערגעהן די גאַס. איין פרוי, ארום 65 יאָהר אַלט, וואָס איז ניט דערקענט געוואָרען, איז דער-הרג'עט געוואָרען ביי דזשעראָם און קעלאָוויי, פון 236 איסט 248טע סט. וואָס האָט דעם אַטאָמאָביל געטריבען, איז באַפרייט געוואָרען.

די פּאָליציי האָט אויך ניט אַרעס-טירט די שאָפערס אין די דריי אַנדערע עקסידענטס, ביי וועלכע עס זיינען אי-בערגעפאָהרען געוואָרען דריי עלטערע פרויען ווען זיי האָבען געוואָלט אַרי-בערגעהן מעדיסאָן עוועניו, ביי דער 50טער סטריט, ניו יאָרק. די פאַרוואונ-דעטע זיינען: מיס עליזאַבעט גרילי, 75 יאָהר אַלט, פון 12 וועסט 55טע סטריט; מיס מערי לאַיאַנס און מיסעס נעלסי לאַיאַנס, 80 יאָהר אַלט, פון 1383 6טע עוועניו. מען האָט זיי צוגענומען אין פלאַוער האָספּיטאַל.

20 טויט, צעהנדליגע פאַרוואונדעט אין שרעקליכען שטורם אין די וועסט

שטורעם-ווינט בושעוועט אין 8 סטייטס פון דער מיטעל-וועסט. — טוט אָן שאָדען פאַר מיליאָנען דאָלאַרס. — צוויי פרויען און א קינד דערטרונקען ווען כוואַליעס פאַרטרינקען אָטאָמאָביל.

שיקאַגאָ, מאַי 2. — אין מידל וועסט האָט זיך דורכגעטראָגען א שרעקליכער שטורעם, וואָס האָט אוועקגערויבט 20 מענשען-לעבענס און האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט א גרויסען חורבן. דער געלט-שאָדען איז זעהר גרויס. זיבען פון די אומגעקומענע זיינען פרויען.

די באַריכטען, וואָס קומען אָן פון נעבראַסקאַ, ווייזען, אַז יענער סטייט האָט געליטען אַמשטאַרקסטען. אין דער שטאָדט טעקעמאַה אַליין זיינען אומגע-קומען 6 מענשען. דאַן איז די „טאָרניי-דאָ" אַריבער איבער דעם מיזורי טייך און האָט זיך צושפּרייט אין פאַרשיידע-נע זייטען. שפּעטער האָבען גענומען אָנקומען באַריכטען פון פאַרשיידענע ערטער, אַז דער שרעקליך שטאַרקער שטורעם, האָט דאָרט געבראַכט אומ-גליק. אַזוי האָבען געליטען אַכט סטייטס: נעבראַסקאַ, מיזורי, אייאָ-וואַ, וויסקאָנסין, נאָרטה דאַקאָטאַ, מי-נעסאָטאַ, אילינאָי, קענזעס.

א פאַרמער האָט געאַרבייט אויפ'ן פעלד ביי דער שטאָדט לאָוטאַן, נאָרטה דאַקאָטאַ, אין דער צייט, ווען דער עלעקטרישער שטורעם האָט זיך אָנגע-טראָגען מיט וואָלקענס, דונער און בליץ. ווען דער פאַרמער האָט געלאָזט שטעהן זיין אַקראייזען אין פעלד און זיך גע-לאָזט לויפען צו א שייער, איז ער גע-טראָפען געוואָרען פון א בליץ און איז געפאַלען א טויטער צו דער ערד.

ביי לעיק סיטי, מינעסאָטאַ, איז גע-שעהן אַזא טראַגעדיע: אַן אַטאָמאָביל איז פּלוצלינג קאַליע געוואָרען און איז געבליבען שטעהן אין א זאַמדיגער גרוב ביי דער אַזערע. אין אַטאָמאָביל האָבען זיך געפונען צוויי פרויען און א קינד. דערווייל האָט אויסגעבראָכען דער שטור-עם. דער לעיק איז אַרויס פון די ברעג-גען. דער רעגען האָט עמערוויז געגאָ-סען פון אויבען. און דער סוף איז גע-ווען, אַז ביידע פרויען זיינען דערטרונ-קען געוואָרען אַזוי זיצענדיג פאַרשפּאַרט אין דעם אַטאָמאָביל.

מאַסען הייזער זיינען פון שטורעם אַראָפּגעטראָגען געוואָרען. אין האָמער, נעבראַסקאַ, וואַלגערען זיך נאָך שטיקער ווענט אויף די גאַסען. אַם ערגסטען איז די לאַגע אין טעקעמאַה. ביי דולוטה, מינ., זיינען אומגעקומען צוויי יונגע פרויען, ווען זייער אַטאָמאָביל איז אין מיטען שטורעם אַרונטער פון גלייכען וועג און איז אַרונטערגעפאַלען אין א גראָבען.

דער געלט-שאָדען דערגרייכט אין שווערע הונדערטער טויזענדער. דער שאָדען אין טעקעמאַה אַליין איז נאָהענט צו צוויי הונדערט טויזענד דאָלער.

ביי וואַוקיגען, אילינאָי, זיינען אין דעם שטורעם אומגעקומען א סך פיה. ניט ווייט פון יענער שטאָדט, ביי דעם לעיק, איז א פישער אומגעקומען, ווען זיין קליינע שיפעלע הויז איז איינגעפאַ-לען.

דער „רעד קראָס" האָט אַרויסגע-שיקט מעדיצין און אַנדערע הילף צו די געליטענע געגענטען.

באַריכטען וועגען נעכטיגע שטור-רעמס קומען אויך אָן פון אַנדערע פּלע-צער. אין פּענסילוועניע, צום ביישפּיל, האָט אויך געשטורעמט אין פילע פּלע-צער. אין אַלטאָאָנאַ איז פון א בליץ געטויט געוואָרען אַן אַרבייטער אין דער דאָרטיגער צעמענט פאַבריק. אויך אין ניו יאָרק סטעיט האָט זיך געלאָזט פיה-לען דער בליץ-שטורעם. אין לאָנג איילאַנד האָט אויך איינער פאַרלאָרען זיין לעבען אין דעם שטורעם.

פאַרטיידיגונג פּרואווט וואַרפען חשד אויף הויפּט עדות געגען „דזשודעאַ" בעאַמטע

טריעל איבער בעאַמטע פון דזשודעאַ אינדוסטריעל קאָרפּאָריישאָן ווערט אַלץ מעהר פאַרפּלאָנטערט. — וועט זיך מעגליך ציהען נאָך א וואָך.

ווי עס ווייזט אויס, וועט זיך דער טריאַל געגען די בעאַמטע פון דער „דזשודעאַ אינדאַסטריעל קאָרפּאָריי-שאַן" נאָך אַזוי גיך ניט ענדיגען. די אַנקלאַגע האָט נאָך א גאַנצע רייהע עדות צו רופען, און דאַן וועט ערשט קו-מען די פאַרטיידיגונג מיט איהרע טענות און עדות.

פּריידאַג פאַרמיטאַג זיינען אויסגע-פרעגט געוואָרען פיר עדות: מאַקס פּערלמאַן, געוועזענער נשיא פון אָרדער בני ציון; היימאַן דאַניעלס, געוועזע-נער פּרעזידענט פון דער „דזשודעאַ אינ-דאַסטריעל קאָרפּאָריישאַן"; יחזקאל ראַבינאָוויטש, וועלכער איז ווידער גע-רופען געוואָרען אויפ'ן עדות-שטול, און ראָקוסין, דער אַדיטאָר פון דער „דזשו-דעאַ" קאָמפּאַני.

(שלוס אויף לעצטער פּיידזש)

איסט און וועסט פאַראייניגט פאַר'ן פאָלקס געצעלט קאַמפּיין

אַט איז א ווייטערדיגע ליסטע פון שטעט און גרופּען, וואָס האָבען אַריינגעשיקט נע-דער אין געציילטע אויפ'ן חשבון פון זייער קוואָטע:

מעמפיס, טענעסי	$210
ניו לאָנדאָן, קאָננ.	232
יאָנקערס, [illegible] פרויען קלאַב, בר. 530 א. ר.	54
סקרענטאָן, פּא.	500

ווער איז נעקסט?

אידישע פליהערקע

לינא בערנשטיין

אידישע מיידעל ברעכט פליה-רעקאָרד

פּאַריז, מאַי 2. — די יונגע פליהע-רין, לינא בערנשטיין, איז שוין אין דער לופט איבער 31 שטונדען צייט, און זי האַלט נאָך אין פליהען. מיט דעם האָט זי געבראָכען דעם פרויען-רעקאָרד פאַר האַלטען זיך לאַנג אין דער לופ-טען. ביז איצט האָט די ניו יאָרקער פליהערין, עלינאָר סמיטה, געהאַלטען די אויסצייכענונג פאַר האַלטען זיך לענגער פון אַנדערע פליהערינס אין דער לופטען. יענע האָט זיך געהאַלטען אין דער לופ-טען 21 שטונדען. אָבער מיס בערנ-שטיין האָט דעם דאָזיגען רעקאָרד שוין איבערגעיאָגט און זי האַלט נאָך אין פליהען. מיט א צייט צוריק האָט די זעלביגע פליהערין באַוויזען צו פליהען פון מאַרסעיל קיין עגיפּטען אָהן אַן אָפּ-שטעל.

50 פאַרוואונדעט אין שפּאַנישען ראַיאָט

מאַדריד, מאַי 2. — 50 פּערזאָן זיי-נען דאָ היינט פאַרוואונדעט געוואָרען, ווען די פּאָליציי איז באַפאַלען א דע-מאָנסטראַציע פון סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען, וואָס האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרונטערזעצען דעם קעניג און איינפיהרען א רעפּובליק אין שפּאַניען.

די דעמאָנסטראַנטען האָבען זיך פאַרזאַמעלט ביים וואָקזאַל צו באַגעגע-נען דעם באַריהמטען שפּאַנישען שריפט-שטעלער, אונאַמונאָ. ווען אָבער דער צוג איז אָנגעקומען, האָבען די פאַרזאַ-מעלטע גענומען שרייען „נידער מיט'ן קעניג!", „עס לעבע א רעפּובליק!".

די אַרבייטסלאָזיגקייט אין אַמעריקע און די יוניאָנס

זעהר אַן אינטערעסאַנטער, אויפקלערענדער אַרטיקעל — רייך מיט פאַקטען און ציפערען — פון ה. לאַנג

אין מאַי „צוקונפט"

דעטעקטיוו טויטעט פרוי און זיך אַליין נאָך א הוליאַנקע אין א קאַבאַרעט

מוטער פון 2 קינדער האָט געטאַנצט און געהוליעט מיט פרעמדען מאַן 4 שטונדען נאָכ-אַנאַנד. — זיי זיינען דערנאָך אַריינגעגאַנגען אין א זייטיגען צימער וואו ער האָט זי דערשאָסען און זיך אַליין גענומען דעם לעבען.

א מיטעל-יעהריגער מאַן האָט נעכ-טען פאַרטאָג דערשאָסען א יונגע פרוי, א גרושה, און זיך, נאָכדעם ווי ער האָט מיט איהר אָפּגעטאַנצט פיר שעה אין א ראָודהאַוז (א פאַרהעליכע קרעטשמע אַזאַ) לעבען פּלעינפילד, ניו דזשוירזי.

די טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזייגער איינס פאַרטאָג. דאָס פּאָר'ל איז נאָכ'ן טאַנצען אַריין אין א באַזונ-דערען צימער, וואו קיינער איז ניט גע-ווען, און באַלד האָבען די טענצער אין גרויסען זאַל דערהערט עטליכע מאָל דעם קנאַל פון א רעוואָלווער. ווען מען איז אַריינגעלאָפען אין רום, האָט מען געפונ-נען די פרוי און דעם מאַן ליגענדיג טויט.

די פרוי איז געווען מיסעס איידע טשיקערס, 30 יאָהר אַלט, א מאַמע פון צוויי קינדער. דער מאַן איז געווען א דעטעקטיוו מיט'ן נאָמען רוטהערפאָרד דעלי. זיין פרוי געפינט זיך אין א משוגעים הויז.

אַן אַנגעשטעלטער און צוויי אַריינ-געהער אין דער „ראָוד האַוז", וועמעס נעמען זיינען ניט פאַרעפענטליכט גע-וואָרען, ווערען פאַרהאַלטען אַלס עדות. זיי זאָלען האָבען צוגעזעהן די גאַנצע גע-שיכטע: ווי דער דעטעקטיוו פאַר-ברענגט מיט דער יונגער פרוי, ווי ער טאַנצט מיט איהר און ניט מיט קיין אַנדערער, ווי זיי געהען אַריין אין דעם געהיימניספולען צימער, און אַז. וו.

וואָס עס האָט געטריבען דעם מאַן צו זיין פאַרצווייפעלטען שריט, און צו עס איז דערביי געווען א זעלבסטמאָרד-אָפּמאַך, איז ניט באַוואוסט. מען ווייס בלויז, אַז דער דעטעקטיוו איז לעצ-טענס געווען אָנגעשטרענגט צוליב זיין פרוי'ס קראַנקהייט און צוליב פינאַנציע-לע שוועריגקייטען. די גענויע פאַרבינ-דונג, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער גרושה איז מען נאָך דערווייל ניט דער-גאַנגען.

אידישער לאַיער נעמט זיך דעם לעבען

מאַרקוס א. שערמאַן, 47 יאָהר אַלט, א לאַיער פון 4713 17טע עוועניו ברוקלין, איז געפונען געוואָרען אַן אויפ-געהאַנגענער אין סעלער פון זיין הויז. לויט ווי די פּאָליציי ערקלערט, איז שער-מאַן געווען די לעצטע צייט זעהר שטאַרק דערשלאָגען צוליב פינאַנציעלע פאַרלוס-טען, און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

גאָווערנאָר פאָדערט פּאָליס קאָמישאָנער פון באָסטאָן זאָל רעזיגנירן איבער גרעפט סקאַנדאַלען

באָסטאָן מאַי 2. — גאָווערנאָר פרענק עלען האָט היינט אַריינגעשיקט א בריף צום באָסטאָנער פּאָליס קאָמישאָנער, הערבערט ווילסאָן, אין וועלכען ער פאָ-דערט ער זאָל גלייך רעזיגנירען פון אַמט צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט'ן פּראָהיבישאַן סקאַנדאַל.

דער בריף לייענט זיך ווי פאָלגט: „אום צו ערפילען מיין פליכט און צוריקצוגעווינען דעם צוטרויען פון די בירגער צו דעם פּאָליס דעפּאַרטמענט, פאָדער איך אַז איהר זאָלט מיר גלייך אַריינגעבען אייער רעזיגנאַציע אַלס פּאָ-ליס-קאָמישאָנער פון באָסטאָן.

פריהלינגס-היצען בראָטען ניו יאָרק ווי אינמיטען זומער

נעכטען איז ווידער געווען א היי-סער טאָג. דער טערמאָמעטער איז אַרויף ביז 87 גראַד, וואָס דאָס איז העכער ווי עס איז ווען עס איז געווען דעם 2טען מאַי אין די לעצטע 16 יאָהר.

פילע טויזענדער האָבען זיך שוין אַרויס-געלאָזט צו די קאַונטרים און ים-ברעג-גען צו פאַרברענגען דאָרט דעם וויק-ענד. די קוני איילענדער ביזנעסלייט זיי-נען נעכטען אויך געווען שטאַרק צופרי-דען — זיי האָבען געהאַט א שטיקעל פּראָספּעריטי פון די גרויסע מאַסען, וואָס זיינען געקומען זיך אָפּקיהלען דאָר-טען. דער וועטער-נביא זאָגט אָבער, אַז היינט און מאָרגען וועט שוין זיין קיה-לער און עס וועט פון צייט צו צייט רעגענען. גאַנץ מעגליך, וועט דער שטור-רעם, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזא חורבן אין דער וועסט, היינט-מאָרגען קומען קיין נויאָרק. מען גלויבט אָבער, אַז דער שטורעם דאָ וועט זיין פיל מילדער.

איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער נעכטיגער היץ איז געווען דזשאָרדזש קוירן, פון 3254 בראָדוויי. ער איז זיך געגאַנגען אויפ'ן סאַידוואָק ביי 151 וו. 40טע סטריט, ווען ער איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלען. ער איז צוגענומען גע-וואָרען אין אַן ערנסטען צושטאַנד אין דעם האָספּיטאַל „פאַר די פאַרקריפּעל-טע".

ניין, ס'איז ניטא קיין געפאהר פאר א שפאלטונג אין דער ענגלישער לעיבאר פארטיי

די אפאזיציע צו מעקדאנאלד'ן איז זעהר שוואך. — די באציהונג פון די ליבעראלען צו דער ארבייטער רעגירונג

א בריף פון לאנדאן, פון י. ל. פיין.

די שטימונג, וואס האט זיך געשאפען דורך די לעצטע עטליכע וואכען אין די ענגלישע פאליטישע קרייזען, צווישען די ליבעראלען און דער לעיבאר-פארטיי פון איין זייט, און צווישען דער לעיבאר-פארטיי און „אי-על-פי" (איינדעפענדענט לייבאר פארטי) פון דער צווייטער זייט, האט פעסטגעשטעלט, אז צווישען די דריי פאליטישע לאגערען איז פארגעקומען עפעס אזוינס, וואס האט פארשטארקט די פריינדשאפט צווישען לאיד דזשארדזש'ן און מאקדאנאלד'ן, און די פיינדשאפט צווישען מאקדאנאלד'ן און מעקסטאן.

די געגנערשאפט, וואס די עקסטרעמע גרופע פון דער „אי-על-פי" מיט מעקסטאן אן דער שפיצע האט לעצטענס ארויסגעוויזען צו מאקדאנאלד'ן און זיין קאבינעט, איז אן אפענער סוד פאר אלעמען. יעדער איינער וואס פאלגט נאך די פאליטישע פאסירונגען אין ענגלאנד, וויסט, אז ניט נאר יעצט, נאר אפילו אין 1924, ווען מאקדאנאלד איז צום ערשטען מאל געווארען פרעמיער-מיניסטער און האט צוזאמענגעשטעלט זיין ארבייטער-קאבינעט, האט שוין דאן מעקסטאן, מיט א קליינעם הייפעל פון זיינע נאכפאלגער אין פארלאמענט, אנגעהויבען ארויסצוזייגען זיין געגנערשאפט צו מאקדאנאלד'ן און צום קאבינעט. דאן האט אבער די געגנערשאפט ניט אנגענומען אזא שטארקע פארמע, ווי יעצט. ווייל דאן איז די קאמוניסטישע פארטיי נאך געווען אויסגעמישט מיט דער אפיציעלער לעיבאר-פארטיי, און מעקסטאן, וועלכער האט דאן זעהר שטארק קאקעטירט מיט די קאמוניסטען, האט זיך ניט געקענט ארויסזייגען אזוי שטארק אין זיין אפאזיציע צו מאקדאנאלד'ן ווי יעצט, ווען די קאמוניסטען זיינען אויסגעשלאסען און אפגעזונדערט פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג.

היינט, ווען דער קאמוניזם אין ענגלאנד איז געווארען א טויטער בוכשטאב און ווען די אפיציעלע סאציאליסטישע און ארבייטער באוועגונג פון ענגלאנד האט פארטריבען פון זיך די קאמוניסטען, פיהלט זיך שארפער די געגנערשאפט פון מעקסטאן און זיינע צוויי טוץ חברים פון דער אינדעפענדענט לעיבאר פארטי.

גענאסע דזשאהן וויהטלי, וועלכער איז איינער פון די הויפט-עקסטרעמע פיהרער פון דער „אי-על-פי", וואס רעוואלטירען יעצט געגען מאקדאנאלד'ן און זיין קאבינעט, איז אויף קיין האר ניט מילדער פון מעקסטאן און זיינע פאליטישע אנשויאונגען. ער אטאקירט יעצט צוזאמען מיט מעקסטאנ'ען די „וואסערדיגע" פאליסי פון דער ארבייטער רעגירונג; ידאך, ווען מאקדאנאלד האט צום ערשטען מאל, אין 1924, געשאפען אן ארבייטער-קאבינעט, פון וועלכען גענאסע וויהטלי איז אויך געווארען א מיטגליד (ער איז דאן געווען געזונדהייטס-מיניסטער), איז ער דאן פלוצלינג שטיל געווארען און ער האט דאן (אין 1924) זאגאר פארטיידיגט די פראגראם וואס מאקדאנאלד האט אנגענומען פאר זיין קאבינעט. כאטש ווען מען זאל פארגלייכען די ארבייט וואס די ארבייטער-רעגירונג האט אויפגעטאן דאן, אין די ניין מאנאטען פון איהר עקזיסטענץ, מיט דער יעצטיגער ארבייט, וועלכע אלע צוגעבען, אז פאר דער זעלבער צייט האט מאקדאנאלד מיט זיין קאבינעט פיל מעהר אויפגעטאן יעצט, ווי דאן; דאך האט גענאסע וויהטלי דאן ניט קריטיקירט עפענטליך, ניט מאקדאנאלד'ן און ניט זיינע קאלעגען פון קאבינעט, טראץ דעם וואס מעקסטאן איז אויך דאן מיט זיי ניט צופרידען געווען. יעצט אבער איז וויהטלי פאראייניגט מיט מעקסטאן און ביידע טאדלען די רעגירונג.

אדער נעמט דעם אלטען פיאנער פון דער ענגלישער סאציאליסטישער באוועגונג, גענאסע דזשארדזש לענסבורי, וועלכער איז באקאנט אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער וועלט אלס „פאציפיסטישער" רעוואלוציאנער און עקסטרעמיסט; אויך ער איז געווען פון די יעניגע, וואס האבען זיך גרופירט מיט מעקסטאנ'ען אין 1924 אין דער שארפער קריטיק געגען מאקדאנאלד'ן און דער ארבייטער רעגירונג. אויך גענאסע לענסבורי איז דאן געווען איינער פון די, וואס האבען געוואלט, אז די ארבייטער רעגירונג זאל זיך גלייך נעמען דורכפיהרען די סאציאליסטישע פראגראם און זאל ניט איינגעהן אויף קיין פשרה, ווען זי זאל אפילו פאלען. ביי מעקסטאנ'ען אין די אויגען איז דאן לענסבורי געווען א גוטער איבערגעבענער סאציאליסט, וועמען די מאסען האבען געמעגט אנטרויען זייער שיקזאל. און ביי לענסבורי איז מעקסטאן געווען פארעכענט אלס א מוטיגער, קלאסען-באוואוסטזיניגער קעמפער און פיהרער, וועלכער איז פעהיג און פאסיג צו פיהרען די ארבייטער-מאסען אין סאציאליסטישען גן-עדן.

אבער היינט, זעקס יאהר שפעטער, ווען דער זעלבער מאקדאנאלד איז צום צווייטען מאל געווארען פרעמיער-מיניסטער פון אן ארבייטער-רעגירונג, און ווען דער קאבינעט האט זיך עטוואס געענדערט, איבערלאזענדיג גענאסע וויהטלי אין דרויסען און ארייננעמענדיג גענאסע לענסבורי אינעווייניג, האט זיך אויך געענדערט דער טעמפעראמענט פון די דערמאנטע גענאסען און זייערע נאכפאלגער. גענאסע וויהטלי, דער געוועזענער קאבינעט-מיניסטער, שטעהענדיג יעצט אין דרויסען, קריטיקירט שטארק מאקדאנאלד'ן און זיין קאבינעט, און ער האלט אין איין שרייען וואס אן ארבייטער-רעגירונג ד א ר ף טאן, וועהרענד דער רעוואלוציאנער לענסבורי, זיצענדיג יעצט אינעווייניג, פארטיידיגט די רעגירונג; ער טענה'ט איצט, אז די רעגירונג טוט אלעס וואס זי ק ע ן טאן, און האט שטארק פאראיבעל אויף מעקסטאן און זיינע עקסטרעמע חברים, וואס זוכען צו שפאלטען די איינהייט ניט נאר אין דער באוועגונג, נאר אויך אין פארלאמענט...

וואלט גענאסע מעקסטאן היינט געווען א קאבינעט-מיניסטער אנשטאט אן איינפאכער דעפוטאט אין פארלאמענט, וואלט ער זיכער ניט געגעבען אזא שטעלונג צו דער רעגירונג, ווי ער נעמט יעצט זייענדיג אויסער'ן קאבינעט. כאטש אין הארצען וואלט ער געבליבען דער זעלבער הונדערט - פראצענטיגער סאציאליסט, וואס וואלט געוואלט ברייננגען דעם סאציאליזם אין אונזער צייט, לויט דער צוגענומענער פראגראם פון דער „אי-על-פי", וואלט ער אבער אלס מיטגליד פון דער רעגירונג געוואוסט, אז א רעגירונגס קאבינעט קען ניט האנדלען אזוי ווי א פארטיי אין א פארלאמענט, און ער וואלט אהן שום צווייפעל געהאנדעלט אזוי ווי לענסבורי האנדעלט יעצט, אדער אזוי ווי גענאסע וויהטלי האט געהאנדעלט אין 1924, ווען ער איז געווען קאבינעט מיניסטער. מעקסטאן איז אבער ניט אין קאבינעט, ער איז אין פארלאמענט, אזוי צו זאגען, נאר א „רענק-ענד-פאיל'ער", וואס טראגט קיין פאראנטווארטליכקייט ניט צו דער רעגירונג און צום פארלאמענט אלס א גאנצעס, און דערפאר קען ער זיך ערלויבען צו טאדלען מאקדאנאלד'ן און זיין רעגירונג, זאגענדיג, אז ווען ער וואלט געווען אן דער שפיץ פון דער רעגירונג, וואלט ער אנדערש געפיהרט.

אין דיזער הינזיכט איז מעקסטאן ניט דער איינציגער, וואס דענקט, אז ווען מען זאל איהם געבען די רעגירונגס לייצעס, וואלט ער בעסער געפיהרט ווי מאקדאנאלד. מען קען געפינען נאך א פאר טוץ אזעלכע גענאסען וואס זיצען יעצט אין פארלאמענט, וואס דענקען אויך אזוי ווי מעקסטאן, כאטש זיי זיינען אפשר ניט אזוי פעהיג ווי ער און האבען ווייניגער ערפאהרונג פון איהם; און דאס איז אפשר איינע פון די הויפט אורזאכען, וואס ברייננגען ארויין רייבונגען און פיהרען אפט צו עפענטליכע ארויסטרעטונגען געגען די פיהרער.

וואלט די לעיבאר פארטיי געוואלט פארשטיקען די מיילער פון איהרע „אינערליכע" געגנער און געגעבען דזשאבס אזעלכע מעקסטאנס, וויהטליס, בראונס, דזשאהנס און אנדערע, וואס אטאקירען יעצט די ארבייטער רעגירונג, וואלטען זיי שטיל געווארען. די לעיבאר פארטיי וויל עס אבער ניט, און זי האלט דארום אט די גענאסען אויסער דעם רעגירונגס-קאבינעט, כדי זיי זאלען קענען צוגעבען דאס זאלץ און פעפער, וואס נויטיגט זיך פאר דער סאציאליסטישער פארטיי-פראפאגאנדע.

כאטש די אנגעשטריינגטע באציהונגען צווישען דער פארלאמענטארישער קאמיטע פון דער לעיבאר פארטיי און דער מעקסטאן גרופע פון דער „אי-על-פי" עקזיסטירען שוין א לענגערע צייט, האט עס אבער קיינמאל ניט אנגענומען אזא ערנסטען כאראקטער, ווי פאר די לעצטע פאר וואכען, זייט מאקדאנאלד האט רעזיגנירט פון דער „אי-על-פי" און זייט מעקסטאן מיט זיין קליינער גרופע האבען געווארנט עפענטליך ארויסצוטרעטען אין פארלאמענט און שטימען געגען דער רעגירונג. באזונדערס האט זיך פארשארפט די לאגע דעם 19-טען מערץ, ווען די פארלאמענטארישע קאמיטע האט פארוופען א ספעציעלען מיטינג און האט אויפגעפאדערט מעקסטאנען און זיינע 22 חברים, וואס האבען א פאר טעג פריהער געשטימט געגען דער רעגירונג אויף דער פראגע פון די „ארמיי-עסטימעיטס" (דער בודזשעט פאר אויפצוהאלטען די ארמיי), אז זיי זאלען געבען א חשבון פאר זייער האנדלונג. אויף יענעם מיטינג זיינען ארויסגעזאגט געווארען זעהר שארפע ווערטער פון ביידע צדדים. מעקסטאן און אויך איינער א יונגער „אי-על-פי"-דעפוטאט וו. דזש. בראון, וועלכער איז צום ערשטען מאל אין פארלאמענט און וועלכער האט שוין אויסגעפיעט צו ווערען איינער פון די גרעסטע קריטיקער פון דער רעגירונג, האבען דאן ארויסגעלאזט די קאץ פון זאק דורך א באמערקונג וואס גענאסע בראון האט געלאזט פאלען און וועלכער גענאסע מעקסטאן האט צוגעשטימט:

„דער פרעמיער מיניסטער און זיינע הויפט ארויסהעלפער (מיינענדיג הענדערסאן און טהאמאס), — האט געזאגט בראון, — האבען באלד א טאג נאך די וואהלען שוין געהאט ביי זיך באשלאסען זיך ניט צוצוריהרען צו דער פראגראם פון „לעיבאר ענד דהי נעישאן" וואס די ארבייטער פארטיי האט ארויסגעלאזט פאר די וואהלען, און דערפאר האט ער אזוי צוזאמענגעשטעלט זיין קאבינעט, אז קיינער פון אונזער גרופע (די לינקע אי-על-פי) זאל דארט ניט אריינגעהן, כדי מיר זאלען איהם ניט קענען שטערען אין זיין ארבייט און ער זאל קענען נאכפאלגען די פאליסי פון די קאפיטאליסטישע פארטייען; אבער מיר וועלכע זיינען געבונדען צו דער פראגראם וועלען אנווענדען אלע מיטלען, סיי אין פארלאמענט, און סיי אויסער דעם פארלאמענט, די פראגראם נאכצופאלגען". די פארלאמענטארישע קאמיטע האט דאן געענטפערט, אז אויב מעקסטאן, בראון אדער וועלכע אנדערע גענאסען גלויבען ווירקליך אז די נאציאנאלע לייבאר פארטיי האט פארלארען איהרע פרינציפען, דאן דארפען בעסער אזעלכע „עהרליכע" גענאסען זיך צוריקציהען פון דער פארטיי און זעהן וואס זיי קענען אויפטאן אליין. עס איז זאגאר אויף יענעם מיטינג אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וואס האט געווארענט מעקסטאנ'ס גרופע, אז אויב זיי וועלען פארזעצען זייער אונגעוויינטע טאקטיק אין פארלאמענט, וועט מען באטראכטען די פראגע פון זייער אויסשליסונג פון דער לייבאר פארטיי.

דאס אליין איז גענוג געווען צו מאכען א פאליטישען שטורעם, סיי אין די ארבייטער און סיי אין אנדערע קרייזען, וואס האבען אנגעהויבען צו טומלען וועגען דער שפאלטונג וואס האט זיך געשאפען אין דער לייבאר פארטיי. אבער א חוץ דעם איז אונטערגעקומען נאך א פאליטישע סענסאציע, וואס האט דעם טומעל נאך גרעסער געמאכט. די סענסאציע איז געווען א „לאנטש פארטי", וואס מרס. סנאודען האט געגעבען דעם 18טען מערץ, אין איהר אפיציעלער וואוינונג פון נומער 11 דאונינג סטריט, אויף וועלכער עס זיינען אנוועזענד געווען א חוץ מעקדאנאלד מיט זיינע קאבינעט מיניסטארען, אויך ללאיד דזשארדזש און נאך עטליכע וויכטיגע פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי, ווי אויך איינינע פראמינענטע לייטע פון דער ענגלישער פינאנציעלער וועלט.

אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט אזא סארט „לאנטש - פארטי" ניט ארויסגערופען קיין באזונדער אינטערעס, ווייל עס איז אן אנגענומענער מנהג אין ענגלאנד, אז דער פרעמיער - מיניסטער, ווי אויך דער פינאנץ-מיניסטער, אראנזשירען פון צייט צו צייט אזעלכע „ברעקפעסט - פארטיס", אדער „לאנטשען-פארטיס", צו וועלכע עס ווערען איינגעלאדען געסט אויך פון אנדערע קרייזען, כדי זיך דורכצורעדען וועגען פארשיידענע וויכטיגע ענינים. און אזוי ווי מעקדאנאלד האט שוין געהאט פריהער געגעבען א פאר „ברעקפעסט-פארטיס", צו וועלכע ער האט אויך איינגעלאדען פרעמדע געסט, וואלט מרס. סנאודען'ס „לאנטשען - פארטי" אויך באטראכט געווארען אלס א געוועהנליכע זאך, און מען וואלט וועגען דעם ניט געהאט פיל וואס צו ריידען. האט אבער געדארפט פאסירען, אז גראד אויף מארגען נאך מרס. סנאודען'ס לאנטש-פארטי זאל פארקומען דער מיטינג פון דער פארלאמענטארישער קאמיטע, מיט דער לינקער גרופע פון דער „אי-על-פי", און אז דעם זעלבען טאג זאל ללאיד דזשארדזש מאכען אן ערקלערונג אין פארלאמענט, אז ער ציהט צוריק דעם אמענדמענט וואס די ליבעראלע פארטיי האט אריינגעטראגען צום קוילען ביל, און אז ער וועט דארום ניט געהן געגען דער רעגירונג...

דאס האט ארויסגעגאסען פרישען אויל אויפ'ן פייער פון די צוהיצטע „אי-על-פי"-ערס, וואס זיינען באלד ארוים מיט א געשריי, אז די לייבאר פארטי איז געקומען צו א געוויסען אפמאך מיט די ליבעראלען, אום צו העלפען איהר עקזיסטענץ אין פארלאמענט. די אלגעמיינע פרעסע האט דעם פייער נאך מעהר צובלאזען דערמיט וואס זי האט גאנץ זיכער ערקלערט, אז די ארבייטער רעגירונג, וואס איז מיט א טאג פריהער געשטאנען ביים פאלען, איז דורך דעם געהיימען אפמאך מיט די ליבעראלען יעצט פארזיכערט, אם ווייניגסטענס, נאך אויף צוויי יאהר. און אנדערע האבען זאגאר ערקלערט, אז דער אפמאך איז א פשוט'ע קאאליציע, א פאראייניגונג צווישען דער ליבעראלער פארטיי מיט דער לייבאר פארטיי. די פארזיכטיגערע זיינען אבער אזוי ווייט ניט געגאנגען, נאר זיי האבען געזאגט, אז דער אפמאך איז דאס וואס מעקדאנאלד האט געגעבען א פארשפרעכונג צו ללאיד דזשארדזש'ען, אז אויב די ליבעראלען וועלען אונטערשטיצען די ארבייטער רעגירונג, וועט די רעגירונג זעהן דורך דער צייט פון איהר רעגירונגס-ארייננצוטראגען א ביל אין פארלאמענט וועגען פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט אין פארלאמענט, א רעפארמע צו וועלכער די ליבעראלען שטרעבען שוין לאנג.

די וואס זיינען אבער גענויער באקאנט מיט דער פראגע פון פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט, וואס שטעהט שוין אויף דער טאג ארדנונג פון די ענגלישע פאליטישע פארטייען פאר די לעצטע 25 יאהר, ווייסען גאנץ גוט, אז אין דער לייבאר פארטי גופא איז ניטא קיין געאייניגטע מיינונג וועגען דעם, און ביי דער „אי-על-פי" אודאי ניט. אלע ווייסען, אז מעקדאנאלד איז אומער געווען, און איז היינט אויך, איינער פון די שטארקסטע געגנער, אז דער סיסטעם פון פארלאמענטארישע וואהלען זאל זיין אויף דעם גרונד פון פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט; סנאודען ווידער, איז זעהר שטארק פאר דעם; און אזוי קען מען אויסרעכענען נאך א פאר צעהנדליג נעמען פון פאליטישע ארבייטער פיהרער וואס צוטיילען זיך פ א ר און ג ע ג ע ן דער דאזיגער פראגע. איבער די ארגומענטען וואס די אונטערשטיצער און געגנער גיבען אן, זיינען שוין אנגעשריבען געווארען פיל ביכער, און דא איז ניט דער פלאץ זיך לענגער אויף דעם אפצושטעלען. איין זאך איז אבער זיכער, אז די לייבאר פארטיי איז געאייניגט אויף דעם, אז ג ע וו י ס ע ר ע פ א ר מ ע ן זאלען געמאכט ווערען אין דעם יעצטיגען וואהל סיסטעם פון ענגלישען פארלאמענט, און אז די איינציגע פארטיי וואס איז יעצט געאייניגט אז די ענדערונג זאל זיין אויף דעם גרונד פון פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט, איז נאר די ליבעראלע פארטיי.

אין 1906, ווען די ליבעראלע פארטיי האט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פאליטישער מאכט (האבענדיג 356 מיטגלידער אין פארלאמענט), האט זי זיך גאר ניט געקימערט וועגען דער פראגע פון פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. דאן איז ללאיד דזשארדזש און זיין פארטיי צופרידען געווען מיט דעם יעצטיגען וואהל סיסטעם, כאטש די לייבאר פארטי האט שוין דאן פראטעסטירט געגען דעם „פלורעל וואוטינג" סיסטעם, וואו געוויסע קלאסען קענען האבען מעהר ווי איין שטימע. צום ביישפיל, איינער וואס האט שטודירט אין אן אוניווערזיטעט האט אין ענגלאנד צוויי שטימען אין פארלאמענטארישע וואהלען, איין שטימע אלס בירגער און אן עקסטרא שטימע אלס אוניווערזיטעט מיטגליד, דאס גלייכען, ווען איינער האט א ביזנעס אין איין געגענד און וואוינט אין א צווייטען געגענד, האט ער אויך צוויי שטימען. און ווען ער איז נאך דערצו אויך א מיטגליד פון אן אוניווערזיטעט, האט ער זאגאר דריי שטימען. אזא צאהל פריווילעגירטע בירגער איז דא היינט צו טאג אין ענגלאנד א גאנץ באדייטענדע, און זייט פרויען האבען געקראגען שטים-רעכט, האט זיך די צאהל כמעט פארדאפעלט. אט געגען דעם האט די לייבאר פארטיי אומער פראטעסטירט און האט געפאדערט, אז מען זאל עס אפשאפען דורך א געזעץ פון „עלעקטאראל רעפארם" (וואהל-רעפארמען). אבער ניט די ליבעראלע, און ניט די קאנסערוואטיווע פארטייען זיינען געווען גענייגט אזעלכע רעפארמען איינצופיהרען, ווייל עס האט זיך דאן פשוט ניט געלוינט.

אבער זייט 1919, ווען די פאליטישע מאכט פון דער ליבעראלער פארטיי האט אנגעהויבען ביסלעכווייז צו פאלען, האבען געוויסע ליבעראלען אנגעהויבען צו פאדערען אז מען זאל ענדערען דעם וואהל-סיסטעם אויף פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט. אבער אזוי גוט ווי ביי אנדערע פאליטישע פארטייען, אזוי איז אויך ביי די ליבעראלען, ניט געווען קיין געאייניגטע מיינונג וועגען דעם, און אפילו אין 1918, איז נאך דער פארשטארבענער מר. אסקוויטה ארויסגעטראטען אין פארלאמענט געגען דעם פלאן פון „פראפארשאנעל רעפרעזענטיישאן", וועהרענד ללאיד דזשארדזש איז געווען דערפאר. א פאלשטענדיגע איינינקייט וועגען דעם האט זיך אבער ארויסגעצייגט ביי דער ליבעראלער פארטיי ערשט נאך די לעצטע וואהלען פון פאריגען יאהר, ווען זיי האבען אנגעהויבען צו שרייען גאנץ הויך, אז דער עקזיסטירענדער וואהל-סיסטעם איז ניט יושר'דיג און ניט דעמאקראטיש, און

(שלוס אויף פיידזש 6)

איינציגע אינטערעסאנטע פאקטען און שטריכען פון דעם אידישען לעבען אין די תלמודישע צייטען

(נאטיצען)

פון דר. ז. קאדיש.

איך האב פארבאכטגען שבת געשריבען וועגען דעם באריהמטען ווערק פון שמואל קרויס „טאלמודישע ארכעאלאגיע", וואס דרוקט זיך איצט אין א נייער בעארבייטונג אויף העברעאיש, וואס דער מחבר אליין האט געמאכט. איך וויל דא דערפאר געבען היינט איינינע פאקטען און שטריכען פון דעם אידישען לעבען אין די תלמודישע צייטען.

אין קרויס'עס בוך זיינען ארץ-ישראל און בבל דורכגעמישט. איך דא אבער וויל זיך אפשטעלען נאר אויף דעם אידישען לעבען אין בבל. אין די תנ"ך צייטען, ווען אידען זיינען פארטריבען געווארען אין בבל, איז עס געווען פאר זיי אן „אדמת נכר", א פרעמדע לאנד. אין די תלמודישע צייטען אבער, נאכ'ן צווייטען חורבן פון ירושלים, זיינען ניט געווען מעהר פאר זיי קיין פרעמדע לענדער. נאר וואו זיי זיינען געקומען זיינען זיי געווען אין דערהיים. האבען זיי געדינט גאט און געלערענט זיין תורה. זיי האבען מעהר ניט אויפגעהאנגען זייערע הארפען אויף די ווערבע-בוימער, וואס האבען געוואקסען ביי די טייכען פון בבל, נאר זיי האבען געשפילט אויף זיי די שעהנסטע נגונים.

אט די טייכען פון בבל, די צאהלרייכע קאנאלען, וואס האבען דורכגעשניטען דאס לאנד פון די עלטסטע צייטען אן, זיינען געווען א גליק און א ברכה פאר די איינוואוינער. ווארים די קאנאלען האבען געמאכט בבל פאר איינע פון די רייכסטע און פרוכטבארסטע לענדער פון יענע צייטען. היינט איז דאס דאזיגע לאנד, וואס הייסט איראק, זומפיג און ארים. אין יענע צייטען אבער האט דארטען אלצדינג געוואקסען און געבליהט. דאס גאנצע לאנד איז געווען געדיכט באוואוינט, באדעקט מיט שטעט און גרויסע דערפער, און אויסגעארבייט און באפלאנצט אין אלע ווינקעלעך. די צוויי גרויסע טייכען פרת און חידקל און די צאהלרייכע טייכען, קאנאלען און אזערעס האבען געגעבען פייכטקייט און פרוכטבארקייט צו די פעלדער, וועלכע האבען ארייננגעבראכט א וואונדערליכען רייכען וואוקס פון תבואה, פרוכט און וויין.

אין אט דעם פרט איז בבל געווען גאר אן אנדער סארט לאנד ווי ארץ-ישראל. אין ארץ-ישראל האט שטענדיג געפעהלט רעגען. די ערגסטע זאך, פאר וועלכע דער איד האט זיך דארטען געשראקען, איז געווען, אז גאט זאל ניט פארהאלטען דעם רעגען פון הימעל. אין בבל אבער איז געווען פארקעהרט, דארטען האט מען מורא געהאט פאר צופיל וואסער, פאר פארפלייצונגען.

ווייל בבל איז געווען אזא פרוכטבארע לאנד, איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואס אידען האבען זיך דארטען אזוי שטארק גענומען צו ערד-ארבייט. לויט דער פרוכטבארקייט פון דעם באדען, האט דאס לאנד טאקע געקענט זיין דעמאלט א גן-עדן פאר פויערים. איז אבער געווען די צרה וואס פון אט דער גאנצער מזל-ברכה האט גענאסען נאר א קליינער קלאס פון רייכע פריצים. די רעגירונג פלעגט איבערגעבען איהרע גרויסע שטרעקעס לאנד צו רייכע ארענדאטארים, און זיי פלעגען עס פארדינגען אין קליינע שטיקלעך לאנד צו פויערים. דער רייכער פריץ פלעגט געוועהנליך געבען א חוץ די ערד, אויך די כלים און די געצייג, וואס זיינען נויטיג געווען צו גראבען די קאנאלען. דער „ארים", דער ארימער פעכטער, האט אבער געמוזט צאהלען דעם רייכען ארענדאטאר צוויי דריטעל ביז דריי פערטעל פון דעם גאנצען איינטראג, אדער א באשטימטע מאס תבואה, און ס'איז איהם ווייניג וואס געבליבען פון דעם רייכען איינטראג פון דעם פרוכטבארען לאנד.

דער דאזיגער סיסטעם פון פארדינגען דאס לאנד האט רואינירט די לאנדווירטשאפט. דער רייכער פריץ האט געהאלטען דעם פעכטער און דעם טאג-לוינער ניט מעהר ווי פאר א מיטעל צו פארגרעסערען זיין פארמעגען. דער פעכטער ווידער האט געזוכט ארויסצוקריגען וואס מעהר נוצען, וואס מעהר געווינס פון דעם שטיקעל לאנד, און עס האט איהם ווינציג וואס געקימערט דאס וואס דער באדען ווערט אויסגעצעהרט און פארלירט זיין זאפט און קראפט.

געווען אין בבל אויך א סך אידישע קליינע לאנד-באזיצער, וואס האבען אליין בעארבייט זייער שטיקעל באדען. אבער אויך זיי האבען ניט געהאט קיין לייכטען לעבען. ווער עס האט געקויפט א שטיקעל לאנד פאר הונדערט „זוז", דריקט זיך אויס די גמרא, האט געמוזט עסען זאלץ און גראז און שלאפען אויף דער הארטער ערד. ווארים דערעקס פיל אנדערע זאכען האט דעם פויער געדריקט א יאך פון קאפ-שטייער און פון א הויכען לאנד-שטייער, וואס איז זעהר שווער געווען צו צאהלען.

* * *

א סך בעסער ווי דעם אידישען פויער איז געגאנגען דעם אידישען האנט-ווערקער און סוחר אין בבל. א באלמעלאכע האט קיינמאל זיך ניט געהאט צו באקלאגען אויף נויט. „זיבען יאהר דויערט דער הונגער, אבער צום שוועל פון באלמלאכע קומט ער ניט צו", איז דא אין גמרא א ווערטעל פון יענער צייט.

די אידישע האנטווערקער האבען געפלאכטען קערב, געמאכט אלערליי כלים און געצייג, טייערע דעקעס מיט ארייננגעוועבטע דעקאראציעס, בונטפארביגע שטאפען פאר קליידער. זיי האבען אויסגעארבייט טייערע פערל און זיינען אויך געווען גארבערס און וועבערס.

אידישע סוחרים האבען געוואוינט אין די שטעט, האבען זיך אויסגעבויט שעהנע הייזער, געהאלטען שקלאפען און משרתים און אויסגעגעבען א סך געלט אויף שעהנע קליידער און צירונג. זיי האבען געפיהרט זעהר א ברייטען האנדעל. אויף די טייכען און גרויסע קאנאלען פלעגען זיי פיהרען שיפען און אלערליי סחורה אין די געגענדען, וואו זיי האבען אויסגעפעהלט. אין גרויסע קאראוואנען פלעגען זיי דורכציהען דורך סטעפעס מיט אלערליי פראדוקטען פון האנטווערק, מיט טייערע קליידער פון לייוונט און פורפור.

ווייל אידען האבען אין בבל געפירט א ברייטען האנדעל און האבען געהאט א פולשטענדיגע זעלבסטפערוואלטונג, האט זיך דערפאר אויסגעבילדעט ביי זיי א גאנצער סיסטעם פון האנדעלס-געזעצען. עס זיינען געווען פארבאטען אומעהרליכע מיטלען פון קאנקורענץ. דער פראפיט האט ניט געטארט זיין מעהר ווי א באשטימטער טייל פון דער ווערט פון דער סחורה. אט די אלע פארשיידענע געזעצען וועגען האנדעל און די אלע דיסקוסיעס וועגען זיי, וואס מיר טרעפען אין גמרא, זיינען ניט געווען קיין פלפולים גלאט אין דער וועלט אריין, נאר זיי זיינען געווען א נויטווענדיגער רעזולטאט פון די פאדערונגען פון אידישען לעבען אין יענע צייטען.

* * *

דעם אידישען הענדלער האט זיך געלעבט אין בבל פיל בעסער ווי דעם אידישען פויער. א סוחר, וועלכער האט ארייננגעטאן הונדערט „זוז" אין האנדעל האט געגעסען אלע טאג פלייש און וויין, שטעהט עס אין תלמוד יבמות ס"ג). דאך אבער האט דער גרעסטער טייל פון די אידען אין בבל אין דער תלמודישער צייט זיך באשעפטיגט מיט ערד-ארבייט. מ'האט פארגעצויגען צו לעבען בעסער אין ארימקייט און פון לאנד - ארבייט איידער צו לעבען אין רייכקייט פון האנדעל. „ס'איז בעסער צו לעבען אויף דעם מיסט-הויפען פון מתא-מחסיא איידער אין די פאלאצען פון פומפדיתא", איז געווען א לאזונג אין יענע צייטען.

אלע האבען דעמאלט געוואוסט, אז „ס'איז ניטא קיין מלאכה וואס איז ערגער ווי לאנד-ארבייט", אז „ווי גוט מען זאל דאס שטיקעל ערד ניט בעארבייטען, איז מסחר אלץ בעסער". פון דעסטוועגען זיינען אידען ניט געווען גענייגט צו האנדעל. ווארים זיי זיינען בכלל געווען פרום און קאנסערוואטיוו, און זיינען דעריבער געווען געגען דער פרייער באוועגליכקייט פון דעם סוחר. דער הענדלער, וועלכער איז שטענדיג געווען אויף דער רייזע אין פרעמדע געגענדען, האט געמוזט קומען אפט צו א נסיון. דערצו איז איהם אפט אויסגעקומען צו נארען זיינע מיטמענשען. דער קרעמער ווערט אין תלמוד גערעכענט צווישען די, וועלכע זייער פרנסה ברייננגט צו באראבערווען מענשען. (קדושין פ"ב).

אזוי ארום איז עס קלאר אז די אידען פון בבל, און אויך פון ארץ-ישראל, זיינען אבסאלוט ניט געווען דעמאלט קיין פאלק פון מסחור און האבען דורכאויס ניט ארויסגעוויזען קיין באזונדערע נייגונג צו האנדעלס-אונטערנעמונגען. א גרויסער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג האט זיך יא אפגעגעבען מיט האנדעל. ווארים בבל איז געווען דורכגעשניטען מיט ברייטע וועגען, אין וועלכע עס האט זיך באוועגט דער אויסטויש פון סחורות אין אזיען. עס וואלט דערפאר געווען א גרויסער וואונדער, ווען אידען וואלטען ניט גענומען קיין אנטייל אין דעם רייכען לעבען, וואס האט געברויזט ארום זיי. דער אידישער סוחר איז זיכער ניט געווען דעמאלט קיין זעלטענע ערשיינונג. אבער די ברייטע מאסען פון אידישען פאלק האבען געלעבט פון זייער שווערער ארבייט אויף די פעלדער און אין די ווארשטאטען. מען האט בארעכענט, אז איבער הונדערט חכמים, וואס ווערען דערמאנט אין תלמוד, זיינען געווען פשוט'ע ארבייטער הארעפאשניקעס.

* * *

אין בבל האט זיך אידען געלעבט דעמאלט גאנץ גוט, יעדענפאלס פיל בעסער ווי אין ארץ-ישראל, און דער אידישער לעבען איז דארטען געווען אויך פרעהליכער און פרישער. ווען די תלמידים פון רבי יוחנן, דעם באריהמטען אמורא פון ארץ-ישראל, האבען אים געפרעגט, פארוואס די יום-טובים זיינען אזוי פרעהליך אין בבל, האט ער זיי געענטפערט, אז די נביאות פון דעם נביא: „און איך וועל צושטערען איהרע גאנצע פרייד איהרע יום-טוב, איהרע ראש-חודש און איהרע שבת" (הושע ב, 13) איז געזאגט געווארען נאר אויף ארץ-ישראל, אויף בבל אבער איז די דאזיגע קללה ניט באפאלען (שבת ק"מ"ה).

עס ווייזט דערפון אויס, אז נאך אין רבי יוחנ'ס צייט, אין דריטען יאהרהונדערט, זיינען די יום-טובים געווען ארמעטיג אין ארץ-ישראל. ס'איז נאך דארטען ניט געווען אפגעווישט דער איינדרוק פון דעם חורבן, און א כמעט איז נאך געלעגען אויף די הערצער. און ווי האט געקאנט איינגעהן די אידען אין ארץ-ישראל זיך לוסטיג צו מאכען אפילו הונדערט יאהר נאך בר-כוכבא'ס אויפשטאנד, ווען אויף דעם ארט פון דער אמאליגער ירושלים איז געשטאנען א גוי'אישע שטאט מיט טעמפלען פאר די גריכיש-רוימישע געטער, און אידען איז געווען פארבאטען מיט טויט-שטראף צו באטרעטען דעם ארט פון זייער אמאליגער הייליגער שטאט. קוים מיט צרות וואס זיי פלעגען קריגען די ערלויבניש צו קומען אהין תשעה-באב זיך אויסוויינען און אז זיי פלעגען דארטען שטעהן א ביסעל לענגער, פלעגען זיי מוזען אונטערקויפען די רוימישע סאלדאטען, וועלכע האבען דארטען געהאלטען וואך.

גאנץ אנדערש איז דאס געווען אין בבל. דא האבען אידען געלעבט אונטער פיל בעסערע פאליטישע און עקאנאמישע אומשטענדען ווי אין ארץ-ישראל, און די אידישע פויערים, ארבייטער און באלמעלאכעס האט זיך פארהעלטניסמעסיג געלעבט גאנץ גוט. קיין הונגער האט מען אין די ערגסטע אומשטענדען ניט געליטען, ווייל די רייכע נאטור פון דעם לאנד האט אין אט דעם פרט פיל ארויסגעהאלפען מיט די טייטעלבוימער, וואס זיינען געוואקסען ווילד אויף די שטעגען און וועגען. די דאזיגע ווילדוואקסענדע פאלמען זיינען געווען פריי פון יעדער שטייער, און יעטוועדער האט געקענט פראנק און פריי עסען פון זיי.

האבען דערפאר אידען געטאן זייער טעגליכע ארבייט לוסטיג און פרעהליך. ביי די ברעגען פון פרת און חידקל און אויף די גרינע פעלדער פון דעם ברייטען פלאכען לאנד, האבען אידישע פויערים און פאסטוכער, מאטראזען, און וועבער געזונגען זייערע לוסטיגע און אומעטיגע מעלאדיען און פאלקס-לידער. אפילו גאר די שטרענג-פרומע האבען ניט געהאט אויסצוזעצען געגען דעם, וואס עס פלעגען זינגען די פויערים, אקערענדיג די פעלדער, און די מאטראזען, ציהענדיג די שיפלעך אויף די טייכען און די קאנאלען. פארקעהרט אבער, האבען די שטרענג פרומע געקוקט קרום אויף דעם, וואס די וועבער און אנדערע באלמעלאכעס האבען געזונגען א סך. דאס האט, לויט דער מיינונג פון די פרומע, געפיהרט אפט צו פארשייטקייט. ס'איז דערפאר געווען דעמאלט א ווערטעל: „געזאנג אין הויז — א חרבן ביי דער טיר". (סוטה, מ"ח).

די אידען אין בבל האבען דאמאלט שטארק ליב געהאט פרעהליכקייט און הוליאנקעס, און זיי זיינען בכלל געווען זעהר געזעלשאפטליך. „ענטוועדער געזעלשאפט אדער דער טויט", איז געווען א ווערטעל אין יענע צייטען. מ'האט געלעבט אין גוטע באציהונגען און א סך זיך גע'חבר'ט מיט פריינד, מיט באקאנטע און מיט שכנים. באזונדערס נאך, ווען דערזעלביגער מאן איז געווען דער שכן אי אויפ'ן פעלד און אי אין הויז.

פעהלער אויסבעסערונג

אין דער ערקלעהרונג פון דעם דעבארה סאנאטאריום, וואס איז נעכטען געדרוקט געווען אין „פארווערטס", איז דורכגעלאזען געווארען דער נאמען פון דעם שרייבער. די ערקלעהרונג איז געשריבען געווארען פון דר. הערים, דער געוועזענער קאמישאנער פון דער באארד אוו העלטה פון ניו יארק. דר. הערים איז איצטער דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דעם דעבארה סאנאטאריום.

בריף פון רוסלאנד צו קרובים אין אמעריקע

צו די לעזער פון „פארווערטס"

די לעזער וואס לייהען אונז אויס די בריעף פון זייערע קרובים פון רוסלאנד, וועלען קריגען צוריק אפגעשיקט די בריעף מיט א דאנק.

מיר דערמאנען ניט די נעמען פון מענשען און שטעדט צוליב פארשטענדליכע אורזאכען. מיר האבען עס שטרענג פארשפראכען צו די וואס לייהען אונז די בריעף.

מיר דרוקען אלערליי בריעף, סאי די וואס דערצעהלען פון צרות, סאי די וואס לויבען די קאמוניסטישע הערשאפט. סאמ'ן דרוקען די בריעף זיינען ניט אויסגעקליבען צו קריטיקירען אדער לויבען די סאוועט רעגירונג. מיר מיינען נאר די בילדער פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד, וואס די בריעף שטעלען מיט זיך פאר.

א בריף פון קרעמענטשוג

האכגעשעצטע טייערע פריינד: —

איהר בעט מיר איך זאל אייך ארומשרייבען, וואס עס טוט זיך אין אונזער שטעדטעל, קען איך אייך שרייבען, אז איך בין שוין א פאר יאהר ניט אין דער היים. איך בין לעצטענס געווען אביסעל צייט אין קרעמענטשוג, און אז איך וועל אייך שרייבען, וואס עס טוט זיך אין קרעמענטשוג, איז דאס אלץ איינס, ווי פון אונזער שטעדטעל. אזוי איז אין אלע שטעדט אין רוסלאנד.

איך מוז אייך זאגען, אז איך האב אייך א לאנגע צייט ניט געשריבען, ווייל איך בין א דערשלאגענער מענש, און עס איז ניטא קיין מוט צו שרייבען.

אמאליגע יאהרען האב איך פארבראכט אין קרעמענטשוג, און איצט האב איך אין שטאדט געפונען א חורבן, און די מענשען זיינען ווי מתים.

פון אמאליגע באקאנטע האב איך בלויז געטראפען צוויי מענשען — איינער האלט ביים בלינד ווערען, און דער צווייטער, וועלכער האט געזונדע אויגען, איז ניט פיל גליקליכער, ווי דער קראנקער בלינדער.

אלע זיינען דא שוואך און צובראכען. פון וואס צו לעבען איז דא ניטא. מיט קיין האנדעל טאר מען זיך ניט פארנעהמען, און די, וואס האבען ווען עס איז געהאנדעלט, האבען איצט גרויסע צרות. זיי קענען זיך ביז איצט ניט אויסצאהלען די נאלאגען, וואס מען האט זיי געשטעלט.

די נאלאגען קען מען ניט באצאהלען, נעהמט מען צו די שטוב. ניט נאר די שטוב און ניט נאר די שאפעס, שראנקען און קאמאדען נעהמט מען צו, נאר אפילו די בעטען מיט די בעטגעוואנד נעהמט מען צו. עס איז שרעקליך, שוידערהאפט!

אחוץ דאס אלעס, דער וואס האט ניט אפגעצאהלט די נאלאגען מחמת זיין ארימקייט, נעהמט מען איהם אויף צוואנג - ארבייט. דאס הייסט עסען דארף ער אין דער היים, אויב ער האט וואס צו עסען, און ארבייטען דארף ער פאר דער מלוכה אפצוארבייטען די נאלאגען.

דער, וואס האט אמאל געהאנדעלט, ווארפט מען איהם ארויס פון דער דירה.

ברויט גיט מען ארויס נאר אויף קארטאטשקעס, און דער, וואס האט ווען עס איז געהאנדעלט, באקומט קיין קארטאטשקעס ניט און במילא באקומט ער ניט קיין ברויט, קיין צוקער, קיין זייף, קיין פלייש, קיין העמד, קיין קאלאשען.

טאמער מאכט זיך טעג ווען מען קען קריגען צוקער, קאסט 68 קאפיקעס א קילא צוקער, אזעלכע צוקער, וואס עס צוקריכט ווי שנע. ברויט, אז מען קריגט, איז עס אזא ברויט, וואס מען טאר עס אפילו א הונד ניט געבען עסען. ברויט פון גערשטענע מעהל קאסט צוועלף קאפיקעס א פונט. דער ברויט איז שווארץ און ביטער, אז מ'קען דאס ניט עסען, אפילו ווען מען האט שוין אזא ברויט.

נאר עס געפינען זיך אין קרעמענטשוג גליקליכע מענשען. איהר וועט גארניט טרעפען ווער עס זיינען די גליקליכע מענשען. איהר קענט מיינען, אז די גליקליכע זיינען אזעלכע, וואס טראגען זיידענע קליידער און טייערע פוטערס? זיי זיינען אזעלכע, וואס פאהרען אין קארעטען און אין אטאמאביל'ען? אויב איהר טראכט, אז דאס מיינט א גליקליכער, האט איהר א גרויסען טעות. א גליקליכער איז דער ארבייטער, וואס שטעהט אפ אין אטשערעד (אין נעקסט) א גאנצע נאכט מיט א טאג, און ער באקומט אויף זיין ביכעל איין קילא מעהל אויף א חודש, אדער א הערינג, און אמאל א העמד און א שטיקעל זייף. אט דאס איז דער גליקליכער. זיין גליק איז ניט צום באשרייבען.

דער אומגליקליכער איז דער בורזשוי. דעם בורזשוי, דארפט איהר וויסען, חלילה ניט דער, וואס האט א פאבריק. אזעלכע זיינען גאר ניטא. דער בורזשוי איז אן אלמנה, וואס פארקויפט אין גאס בייגעל, סעמעטשקעס, קארטאפעל, צירבעלע אדער זויערע אוגערקעס. אט דאס זיינען אונזערע בורזשואזנע ספעקולאנטען.

איך האב געזעהן ווי עס קומען אייערע אמעריקאנער דעלעגאטען צו פאהרען קיין רוסלאנד. מען פיהרט זיי ארום ווי די בערען אין מאסקווע און אין לענינגראד. מען לאזט זיי ניט אפ, זיי זאלען, חלילה, ניט זעהן און ניט רעדען מיט די ארבייטער, וואס זיינען ניט קיין קאמוניסטען. מען לאזט ניט זעהן די ארבייטער, וואס פארדינען בלויז דרייסיג רובעל א חודש און דארפען מפרנס זיין א פאמיליע פון פינף קינדער. מען לאזט זיי ניט זעהן ווי די ארבייטסלאזע, נאר מען דערצעהלט זיי פון דעם קאמף מיט די בורזשואים און מען ווייזט זיי פאבריקען, וואו עס ארבייטען קאמוניסטען.

מען צווינגט אידישע ארבייטער צו ארבייטען שבת אין די פאבריקען. מען צווינגט. מען צווינגט צו ארבייטען יום כפור און ראש השנה און מען שרייבט אין די בלעטער, אז די ארבייטער אליין האבען זיך געבעטען מען זאל ארבייטען אום יום טוב. די מקוה האט מען פארמאכט מיט דעם אויסרייד, אז זי איז ניט היגיעניש. אן אנאליז פון די וואסער האט באוויזען, אז די מקוה-וואסער איז ריינער ווי די וואסער פון מאנכע ברונימער, פון וואס מענשען טרינקען. מען ווייס פארוואס מען האט די מקוה פארמאכט. מען קעמפט מיט דער רעליגיע. אין דער קאנסטיטוציע האט מען ארייננגעשריבען, אז אין רוסלאנד איז דא רעליגיאנס פרייהייט און אנדערע פרייהייטען. זאל אימיצער פרוּוען רעדען א ווארט, איז ער א קאנטער-רעוואלוציאנער און מען מעג איהם דערשיסען. דערשיסען איז א געוועהנליכע זאך. דאס טרעפט גאנץ אפט.

מען האט צוגענומען אלע אידישע אנשטאלטען און א סך בתי-מדרשים. די גרעסטע בתי-מדרשים האט מען צוגענומען, און די קליינע האט מען געלאזען. אידען ליידען איצט מעהר ווי אין די אלטע צייטען.

איהר קענט שוין פארשטעהן די לאגע. אזוי איז מיט אלע אנדערע שטעדט אין רוסלאנד.

האט רחמנות, לייזט אונז אויס פון גלות, וואס איז ערגער ווי אין מצרים. אין מצרים האבען די אידען כאטש געהאט ברויט און פלייש; אין מצרים האט מען ניט געמאכט קיין אויסנאהם מיט די, וועלכע זיינען אמאל קיין ארבייטער ניט געווען.

גוואלד, האט רחמנות אויף דעם כלל ישראל! שרייבט אין אלע בלעטער, שרייט אויף אלע פארזאמלונגען, שרייט אין אלע גאסען!

אפילו קיין לוח האט מען ניט געלאזען דרוקען. שיקט אונז פון אמעריקע א לוח, כאטש איין לוח פאר די אידען, וואס ווייסען ניט אויף וואסער וועלט זיי זיינען.

פון די בתי-מדרשים און שוהלען, וואס מען האט צוגענומען, זיינען די גרויסע שוהל, די נייע שוהל, כנסת ישראל, קירושנערשע שוהל, ליבאוויטשער, סאנדאמירער און נאך א סך.

צוזאמען האט מען צוגענומען שוהלען און אנשטאלטען ביי די אידען ארום צוויי און צוואנציג. דאס זיינען דאך געווען די הייזער, וואו פרומע אידען האבען געפונען זייער טרייסט, און פילע אנשטאלטען פאר אפילו ניט פרומע.

פון מיר אייער פריינד

א דיסקוסיע וועגען משה רבנו און לענין. — א בריף פון בריאנסק

א גוט יאהר, ליבע ברידער און שוועסטער!

אייערע לעצטע צוויי בריף האבען מיר ערהאלטען. איך וויל אייך דא ענטפערען אויף איינינע פראגען, וועגען וועלכע איהר רעדט אין אייערע בריף. איך ווייס אבער פריהער, אז איהר זייט שוין אנגעפילט מיט אזא גייסט, וועלכער וועט אייך ניט לאזען פארשטעהן. אמעריקע קען אנפילען אפילו ארבייטער ווי איהר מיט אזא גייסט, וואס איז שעדליך פאר אונז און פאר אייך. דאך וועל איך אייך פרואווען ענטפערען אויף איינינע פון אייערע פראגען.

ערשטענס, וויל איך אייך זאגען, אז מיר לערנען זיך ניט ביי די מוישע ראבייניו. נאר מיר לערנען זיך ביי דער סאוועטישער געשיכטע, ביי דער קאמוניסטישער פארטיי, ביי לענינ'ען און ביי מארקס'ן. איך האב זיך געלערענט אמאל ביי מוישע ראבייניו, און איך קען אייך זאגען, אז ער טויג ניט פאר א לערער. לענין איז בעסער.

איצט וועגען דעם, וואס איהר רעדט קאווער צו עלטערען, וועגען אונזערע פרינציפען, וועגען אונזערע אקשאנעס און זא ווייטער.

איהר דארפט פארשטעהן, אז מיר קענען לעבען גליקליך אהן דעם ראוו מיט זיינע ראבאנישע הייליגקייט, וואס האט געלעבט ווי א פאראזיט יאהרען לאנג אויפ'ן כעשבען פון אונזערע טאטעס, און וואס איז דער גרעסטער שונא דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

איהר זאגט: „אבער טאן עס געגען דער מאמע'ן?"

טא זייט ווייסען, אז מיר קענען פארקויפען און אפגעבען אונזער גוטס און אונזער קערפער פאר די עלטערען, נאר ניט אונזערע מייכעס, אונזערע געדאנקען. אונזערע אידעען זיינען ניט בלויז אידעען, נאר זיי בויען שוין א לעבען.

אונזער מאמען איז גארניט ערגער געווארען פון דעם סאוועטישען לעבען. דער עלטער לעבט איז געשטארבען און דער נייער לעבט. ביי אונז זיינען די באלעבאטים די ארבייטער און די פויערים, און ביי אייך אין אמעריקע זיינען די באלעבאטים א הייפעלע קאפיטאליסטען. ביי אייך לערנט מען צו ליבען אלע מענשען, און מיר לערנען צו ליבען נאר די מענשען, וואס לעבען פון אייגענער ארבייט. מיר לערנען פיינט צו האבען די רייכע. מיר ליבען נאר די ארבייטער און פויערים, און מיר דריקען די קאפיטאליסטען און די פריצים, ווייל אנדערש וועלען זיי אונז דריקען.

איהר שרייבט, אז מיר זיינען אויך רעליגיעז, ווייל מיר גלויבען אין דער סאוועטישער לערע ווי אין א גאט. זייט וויסען, אז גאט'ס רעליגיע הייסט גלויבען בלינד, און מיר פארשטעהען וואס מיר ווילען און וואס מיר טוען. מיר טוען עס ניט, ווייל משה און גאט ווילען, נאר ווייל מיר ווילען. דערביי זיינען מיר ניט רעליגיעז. מיר רייסען אויס די רעליגיע מיט'ן ווארצעל, און מיר פארבייטען עס אויף לענינ'ס לערע. ביי אייך אין אמעריקע זיינען אויך פאראן קאמוניסטען, וואס ווילען אייך אויפקלערען, און איהר לאזט זיך ניט אויפקלערען.

זייט געזונד און גליקליך, פון מיר אייער ברודער

בערל גענזער

א בריף פון א אידישען קאמסאמאלעץ (יונגער קאמוניסט) צו זיין חבר אין אמעריקע. — דער חבר איז ניט לאנג פון רוסלאנד

טייערער פריינד: —

די טעג האב איך באקומען דיין בריף, פאר וועלכען איך בין דיר זעהר דאנקבאר. נעכטען איז געווארען א יאהר זינט דו ביסט אוועקגעפאהרען קיין אמעריקע און פאר אזא קורצע צייט, וואס דו געפינסט זיך אין א קאפיטאליסטישער לאנד האסטו אויף אזוי פיל געענדערט דיינע מיינונגען, אז איך דערקען דיר איינפאך ניט. פון דיינע בריף קען מען זעהן, אז דו ביסט געווארען א אמת'ער קאנטער - רעוואלוציאנער.

צי דען פיהלסטו ניט אויף זיך דעם יאך פון דער עקספלואטאציע פון די באלעבאטים? צי דען קענסטו ארויסטרעטען און רעדען אזוי פריי, ווי ביי אונז? צי דען האסטו נאך ניט פארזוכט דעם טעם פון דער פאליציישער „נאגאיקע"? צי דען באצאהלט זיך דיין ארבייט דארט, ביי אייך, אזוי גוט, ווי ביי אונז? ווען דו וואלסט נאר געזעהן, ווי אזוי אלעס האט זיך דא ביי אונז, אזוי געענדערט פאר דעם יאהר צייט. מען בויט א נייעם לאנדווירטשאפטליכען זאוואד. די פאבריק, וואס מען האט נאך פאר דיר זייענדיג אנגעפאנגען בויען, איז שוין איצט פארטיג.

די אלטע געביידע פון דער געוועזענער גימנאזיע רייסט מען איצט ארונטער און אויף דעם פלאץ וועט מען אויפבויען א פיר - שטאקיגע הויז. אין צענטער פון שטאדט לעגט מען איצט דורך רעהרען פאר דער וואסערלייטונג. די פאבריק „פראלעטארי" האט זיך שטארק פארגרעסערט א. ז. וו. און דו שרייבסט גאר, אז אונזער בויאונגס-ארבייט ריהרט זיך ניט פון ארט. וויל איך, אז דו זאלסט וויסען, אז פאר דעם יאהר צייט האבען מיר געמאכט מעהר פראגרעס וויפיל פאר די פריהערדיגע דריי יאהר צוזאמענגענומען.

יעדען טאג טרעטען אלץ מעהר און מעהר ארבייטער אריין אין דער פארטיי. די ארבייטער יוגענד לערענט זיך שיסען, אום צו זיין גרייט אין פאל פון א מלחמה מיט די פיינד פון סאוועטען-פארבאנד.

איך קען דיר אויך מיטטיילען, אז איך בין די טעג געווארען א פולשטענדיגער מיטגליד פון דער פארטיי, אבער דערוויל האט מען מיר איבערגעלאזען ארבייטען אין „קאמסאמאל" (קאמוניסטישער יוגענד-פארבאנד). איך ארבייט צווישען די פיאנערען (מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער קינדער-ארגאניזאציע). איך בין פאראלגערט מיט ארבייט און האב כמעט יעדען טאג צוויי דריי זיצונגען פון פארשיידענע קאמיסיעס. אט, צום ביישפיל, היינט 4:30 איז געווען א זיצונג פון זאוועקאם (פאבריק קאמיטעט), נאכדעם בין איך אוועק עסען, און 6 אזייגער איז געווען א זיצונג פון דער „מאפר"-ארגאניזאציע (ארגאניזאציע צו העלפען די ארעסטירטע קאמוניסטען אין אנדערע לענדער); 7 אזייגער א זיצונג פון די אנפיהרער פון דעם פיאנערען-אפטיילונג, און 8 אזייגער א פארזאמלונג פון דער קאמסאמאלסקער גרופע און אזוי טאג איין, טאג אויס קומט אויס צו פארלירען גאר די צייט אויף געזעלשאפטליכער ארבייט. ניטא קיין צייט איבערצולעזען א ביכעל אדער אין אלגעמיין צו געניסען אביסעל פון לעבען.

די פריוואטע הענדלער האבען מיר איצט אזוי צוגעדריקט דורך דעם, וואס מיר האבען אויף זיי ארויפגעלייגט אזוינע גרויסע נאלאגען (טעקסעס), וועלכע זיי קאנען ניט צאהלען, אז זיי זיינען כמעט אינגאנצען פארניכטעט. דער גאנצער האנדעל געפינט זיך אין די הענט פון די קאאפעראטיוון. אין אלגעמיין קען איך דיר זאגען, אז מיר פראגרעסירען מיט יעדען טאג. עס זיינען פאראן א סך שוועריגקייטען אויפ'ן וועג, אבער מיט געמיינזאמע אנשטרענגונגען וועלען מיר זיי אלע בייקומען.

איך ארבייט איצט אויף דעם זאוואד „פראלעטארי", אין דער אייזען-גיסעריי אפטיילונג. מען האט מיר אהין טראנספערירט פון דעם מעכאנישען צעך. איך באקום איצט 68 רובעל מיט 40 קאפיקעס א מאנאט. די טעג האב איך באקומען א קופאן אין „צערעבקאם" (צענטראלער ארבייטער קאאפעראטיוו) אויף א קאסטיום. נאר איך ווארט, ווען איך וועל באקומען מיין געהאלט, וועל איך קענען קויפען דעם קאסטיום. ביי אונז צאהלט מען אויס די שכירות דעם 5טען און 20טען פון יעדען מאנאט.

איך קען דיר אויך מעלדען, אז דיין פריינד נ. האט מען אויסגעשלאסען פון קאמסאמאל דערפאר, וואס ער האט נאך בעת דו ביזט געווען געמאכט א רעליגיעזע חתונה. געדענקסט ווי מיר האבען אפגעמאכט צווישען זיך קיינעם ניט צו דערצעהלען וועגען דער חתונה. ווי אזוי „יאטשייקע" (קאמוניסטישע גרופע) האט זיך דאך דערוואוסט ווייס איך ניט.

שרייב מיר, וואס שטעלט מיט זיך אזוינס פאר אזא קאפיטאליסטישע לאנד ווי אמעריקע. איך, פונקט ווי דו, ווייס דאך גאר ניט וועגען דער צארישער רוסלאנד. מיר ווייסען בלויז פון די צייטונגען. דאס איז דאך אלץ געווען ניט אין אונזערע יאהרען.

זיי געזונד און שרייב דיין פריינד, צו וועלכען דו ווערסט פאליטיש א געגנער.

ל. מ.

אידישע אינטערעסען

פון צביון

א דעבאטע, וואס מען קען וויסען פאראויס אויף אויסוועניג וואס די דעבאטאנטען וועלען זאגען. — צוויי דעבאטאנטען, וואס ריידען אויף צוויי פארשידענע שפראכען. — וועלען און קענען. — אפעלירען און ארגומענטירען. — געפיהלען און לאגיק. — דער עלעמענט פון גלויבען. — דער רעזולטאט פון דער דעבאטע. — אויף וויפיל איז דער גרויסער עולם פאראינטערעסירט אין דער ציוניסטישער פראגע? — דער „אידישער קאנגרעס" געברויכט צו־שטארקע ווערטער.

עס וועט אפשר ניט זיין צו באשיידען פון מיר, ווען איך זאל זאגען, אז איך האב די דעבאטע וועגען ציוניזם — צווישען גענאסע אבראמאוויטש און דר. ש. לעווין — געוואוסט אויף אויסוועניג, איידער איך האב איהר נאך געהערט. אבער איך וועל בעטען, אז מען זאל מיר, צוליב מיין לאנג־יעהריגע פראקטיקע אויף דעם געביט, מיין אונבאשיידענהייט פארגעבען.

איך האב געוואוסט וואס דר. לעווין קען זאגען פאר'ן ציוניזם און איך האב געוואוסט וואס גענאסע אבראמאוויטש קען זאגען געגען. איך גלויב, אז איך בין א גענוגענדער בקי אין הלכות ציוניזם, און איך ווייס אלץ וואס מען קען זאגען פאר און געגען ציוניזם. מיך האט בלויז געקענט אינטערעסירען אין וואס פאר א פארם די דעבאטע וועט געפיהרט ווערען. עס הייסט, מיר האט אינטערעסירט מעהר די טעכניק פון דער דעבאטע, ווי איהר אינהאלט.

ביידע דעבאטאנטען האבען אייגענטליך געזאגט דאס, וואס מען האט ערווארט פון זיי, אז זיי זאלען זאגען. דר. לעווין איז געפלויגען אין די הויכע וואלקענס און גענאסע אבראמאוויטש האט איהם געשלעפט, אז ער זאל אראפּנידערען אויף דער הארטער ערד. דר. לעווין האט גערעדט וועגען דעם ווי גוט און ווי שעהן, ווי גערעכט און יושר'דיג עס וואלט זיין אז דאס אידישע פאלק זאל האבען א לאנד, א מלוכה מיט אלע פעלקער צוגלייך, און גענאסע אבראמאוויטש האט איהם געפרעגט און ווי אזוי מען קען עס פארווירקליכען. דר. לעווין האט גערעדט וועגען ו ו י ל ע ן און גענאסע אבראמאוויטש האט גערעדט וועגען ק ע נ ע ן.

דר. לעווין האט אפּעלירט פאר גלייכהייט און גערעכטיגקייט פאר דעם אידישען פאלק. אלע פעלקער האבען אייגענע לענדער, אייגענע מלוכות און דעריבער דארף עס אויך האבען דאס אידישע פאלק. און דר. לעווין קען אפּעלירען. ער איז פריהער פון אלץ אן אגיטאטאר און האט אלע אייגענשאפטען, וואס אן אגיטאטאר דארף האבען. ער האט טעמפּעראמענט, ער האט ווארעמקייט און אינטימקייט אין זיין שטים און ער האט אונטער דער האנט צו יעדער צייט א געלונגענעם משל, אדער ווערטעל. ער רעדט הויפּטזעכליך צום הארצען צו די געפיהלען. און די טעמע פאר דער אגיטאציע איז א גינסטיגע. שוין די פראגע אליין: „פארוואס אלע פעלקער יא און אידען ניט?" איז א שטארק אפּעלירענדע. עס איז דאך א פולשטענדיג גערעכטע טענה. ווארום זאלען טאקע אידען זיין אן אויסנאהם און ניט האבען קיין אייגען לאנד און קיין אייגענע מלוכה? און ווען מען וויל נאך מאכען דעם ענין אביסעל שטארקער זאגט מען „אידען און ציגיינער". איהר פיהלט זיך באליידיגט, דערנידעריגט, וואס אידען זיינען געגליכען צו ציגיינער און איהר מוזט עפּעס טאן, אז אידען זאלען מעהר ניט קענען צוגעגליכען ווערען צו ציגיינער. איהר מוזט האבען פּאלעסטינע, איהר מוזט האבען א אידישע מלוכה און איהר מוזט האבען א אידישען שטול צווישען די שטולען פון דער פעלקער־ליגע.

גענאסע אבראמאוויטש איז ניט קיין אגיטאטאר, ער איז מעהר א פּראפּאגאנדיסט. ער אפּעלירט ניט צו די געפיהלען, נאר צו דעם שכל, ער זוכט ניט ווייך צו מאכען אייער הארץ, נאר צו שארפען אייער מח. ער אפּעלירט ניט, נאר ער ארגומענטירט. איהר זאגט, אז אידען דארפען האבען אן אייגענע לאנד און אן אייגענע מלוכה מיט אלע פעלקער צוגלייך, מילא, איינפארשטאנען, אבער ווי אזוי קען מען עס קריגען? איהר זאגט פּאלעסטינע, אבער אלע ציפערען און אלע פאקטען ווייזען, אז פּאלעסטינע קען ניט ווערען קיין אידישע מלוכה. און די ציפערען און די פאקטען נעמט אבראמאוויטש דווקא פון ציוניסטישע קוועלען און ציוניסטישע אויטאריטעטען. קען דער ציוניזם געבען א וועלכען עס איז ענטפער אויף דער אזוי־גערופענער אידישער פראגע? אבראמאוויטש אנאליזירט די אידישע לאגע, אנאליזירט דעם ציוניזם און זיינע מעגליכקייטען און ער קומט צו דעם אונפארמיידליכען לאגישען שלוס, אז דער ציוניזם קען אויף דער אידישער פראגע קיין ענטפער ניט געבען.

דר. לעווין מיידט אויס צו ענטפערען אויף אבראמאוויטש'עס ציפערען און פאקטען. ער שלאגט ניט אפּ אבראמאוויטש'עס ארגומענטען, נאר אפּעלירט און אגיטירט ווידער אמאל. און דאס מאל שטארקער, טעמפּעראמענטפולער און ערפאלגרייכער ווי פריהער.

ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען א וועט ווער עס איז א בעסערער אראטאר, דאן וואלט אהן א צווייפעל דר. לעווין דעם וועט געוואונען. נאר אין א רעדנער־וועט וואלט מען געדארפט ארויסשטעלען געגען דר. לעווין'ען ניט אבראמאוויטש'ן, נאר דר. סינגאלאווסקי'ן. יענער איז א סך א גרעסערער מייסטער פון ווארט. ער איז ד ע ר מייסטער. ער איז דער בעסטער רעדנער, וואס איך האב ווען עס איז געהערט אין אידיש. אבער ס'איז געווען ניט קיין וועט ווער עס איז א בעסער רעדנער, נאר ווער עס קען בעסער ארגומענטירען און פארטיידיגען זיין שטאנדפונקט. אין דעם פּרט איז די דעבאטע געווען, קען מען זאגען, אן איינזייטיגע, ווייל בלויז אבראמאוויטש האט ארגומענטירט, דר. לעווין, אבער, האט הויפּטזעכליך אגיטירט און אפּעלירט.

* * *

וואס איז דער רעזולטאט פון אזא דעבאטע? — קיין רעזולטאט. יעדער פון די דעבאטאנטען געווינט ביי זיין צד. אבער ביי זיין צד האט יעדער פון די דעבאטאנטען שוין געוואונען איידער די דעבאטע האט זיך נאך אנגעפאנגען.

א דעבאטע וועגען ציוניזם וואלט אפשר געווען באלעהרענד, ווען זי וואלט פארגעקומען צווישען אבראמאוויטש'ן און א פיהרער פון די פועלי ציון. דאס וואלט געווען א דעבאטע פון ארגומענטען געגען ארגומענטען. א פועלי ציוניסט וואס זוכט צו טראכטען ניט בלויז ציוניסטיש נאר אויך סאציאליסטיש וואלט אויף אבראמאוויטש'עס באווייזען, אז פּאלעסטינע קען ניט ווערען קיין אידישע מלוכה, ניט געקענט ענטפערען אזוי איינפאך באלעבאטיש, אז מען וויל קען מען. ער וואלט געזוכט צו באווייזען, אז מען קען. און דאס וואלט געווען אינטערעסאנט צו הערען. ווארים אויב עס וואלט נאר אפּגעהאנגען פון ו ו ע ל ע ן וואלט ניט נאר פּאלעסטינע שוין לאנג געווען א אידישע מלוכה, נאר אויך דער עבר הירדן און עפּעס נאך.

אין א דעבאטע מיט א פועלי ציוניסט וואלטען ביידע דעבאטאנטען גערעדט מעהר אדער ווייניגער דיזעלביגע שפראך. די דעבאטע וואלט געמוזט געפיהרט ווערען אויף א סאציאליסטישען באדען. אין דער דעבאטע מיט דר. לעווינ'ען, אבער, האבען ביידע דעבאטאנטען גערעדט אויף צוויי פארשידענע שפראכען און ווען זיי וואלטען דעבאטירט ביז משיח וועט קומען, וואלטען זיי זיך אויך ניט צונויפגערעדט.

און ווען גענאסע אבראמאוויטש האט זיך טאקע ענדליך געכאפּט, אז ער קען זיך מיט זיין אפּאנענט ניט צונויפריידען, ווייל ער ענטפערט אויף ארגומענטען מיט גלויבען, און געגען גלויבען קענען קיין שום ארגומענטען ניט ווירקען, האט איהם דר. לעווין געענטפערט, אז מען מוז האבען גלויבען, און אפילו אין סאציאליזם שפּילט דער גלויבען א וויכטיגע ראליע.

און אין דעם פּרט איז דר. לעווין גערעכט. אין יעדער באוועגונג און אין יעדען אידעאל איז פאראן גלויבען. די גרויסע, ברייטע מאסען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג האבען ניט שטודירט מארקס'ען און זיי קענען דעם סאציאליזם וויסענשאפטליך ניט באגרינדען. פאר זיי איז דער סאציאליזם מעהר גלויבען ווי וויסענשאפט, מעהר וואונש ווי א היסטארישע אונפארמיידליכקייט. און אפילו ביי די וואס האבען דעם סאציאליזם שטודירט און קענען איהם וויסענשאפטליך באגרינדען איז אויך פאראן א געוויסע פּארציע גלויבען. דאס פארשטעהען געהט מיט דער צייט איבער אין גלויבען. אבער אויב דאס איז אפילו ריכטיג, קען דאך דער ענטפער פון גלויבען ניט באנוצט ווערען אין א דעבאטע. ווארים אויב עס האנדעלט זיך וועגען גלויבען איז דאך ניטא וואס צו דעבאטירען. אין א דעבאטע שטעלט מען ארויס ארגומענטען געגען ארגומענטען. אבער מען קען ניט ארגומענטירען געגען גלויבען. ווייל גלויבען פאנגט זיך אן, וואו ארגומענטען ענדיגען זיך.

איך האב זיך מיט איינינע יאהר צוריק געטראפען אין אטלאנטיק סיטי מיט מיין אן אלטען באקאנטען, א פּראמינענטער העברעאישער שריפטשטעלער און ציוניסטישער ווארט־פיהרער. ווי דער מנהג איז, האט זיך ביי אונז אין אווענט ענטוויקעלט א דעבאטע וועגען ציוניזם און עס איז געווען א דעבאטע ביז'ן גרויסען טאג. און עס פארשטעהט זיך, אז ביידע האבען זיך שטארק געהיצט. צום סוף שרייט מיין העברעאישער פריינד אויס: אבער אוב גאטעס ווילען, מען דארף דאך אויך האבען אביסעל גלויבען! — איהר זייט גערעכט, האב איך איהם געענטפערט. אבער ווען איהר זאגט עס מיר גלייך אין אנפאנג, וואלטען מיר פארשפּארט צו דעבאטירען א גאנצע נאכט.

* * *

דער עולם געהט צו א דעבאטע ניט פאר דעם צוועק אויסצוגעפינען דעם אמת. אין דער ווירקליכקייט קומט דער עולם מיט א פארטיגען אמת אין קעשענע. ער קומט בלויז זעהן ווי דער פארשטעהער פון זיין אמת וועט עס אריינפאהרען דעם אפּאנענט און וועט מאכען פון איהם אויסצודרעהען. דעריבער קומט עס קיינמאל ניט פאר, אז איינער זאל ניט געווינען א דעבאטע, ווייל ביי זיין צד געווינט ער דאך אלעמאל, אויסער ווען ער איז אינגאנצען א קאליקע. נאר אויך דאן האט בלויז דער דעבאטאנט פארלארען, אבער ניט דער אמת פון זיין פארטיי. ער איז בלויז געווען א שלעכטער פארטיידיגער פון דעם אמת פון זיין פארטיי.

זעהט איהר, ווען עס זאל זיין א דעבאטע וועגען דעם, אויב דער נייער הימעלשער קערפּער, וואס מען האט ניט לאנג צוריק ענטדעקט, איז ווירקליך א נייער פּלאנעט, אדער א נייער קאמעט, דאן וואלט איך זיך פארלאזען אויף דער אונפּארטייאישקייט פון עולם ארויסצוגעבען אן ענטשיידונג ווער עס האט די דעבאטע געוואונען, ווארים איך גלויב, אז פאר'ן עולם איז עס קיין אונטערשייד ניט, אויב ער איז א רייכער געווארען מיט א נייעם פּלאנעט אין הימעל אדער מיט א נייעם קאמעט. אין אלע אנדערע פראגען אבער, וואו עס זיינען פאראן שטארק פאראינטערעסירטע צדדים, קען ניט זיין קיין פולשטענדיגער אונפּארטייאישער אורטייל. און אויב איינער וועט מיר זאגען, אז אויך מיין אורטייל אין דעם פאל איז ניט אינגאנצען אונפּארטייאיש, וועל איך צו איהם גארנישט האבען.

* * *

נאך איין זאך האב איך דאך געלערענט פון דער דעבאטע. איך האב געזעהן, אז דער גרויסער, ברייטער עולם איז גארניט אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דער ציוניסטישער פראגע. איך האב דעם באווייז גענומען דערפון, וואס דער זאל, וואו די דעבאטע איז פארגעקומען, איז געווען ווייט ניט פול. ווארים אויב די גרויסע אידישע ניו יארק, וואס גיט אויס איבער הונדערט טויזענט דאלאר א וואך אויף אידישע טעאטער און ארום 50 טויזענט דאלאר א וואך אויף אידישע צייטונגען האט ניט געקענט געבען 15 הונדערט מענשען, וואס זאלען זיין פאראינטערעסירט צו קומען הערען אזא פּראמינענטע דעבאטע וועגען ציוניזם, דאן מוז איך קומען צום שלוס, אז דער אינטערעס פאר'ן ציוניזם איז ווייט ניט אזוי גרויס, ווי איך האב מיר פארגעשטעלט. די פראגע וועגען רוסלאנד, ווי איך זעה, אינטערעסירט שוין אונזער אידישען עולם א סך מעהר. די דעבאטע וועגען רוסלאנד האט געצויגען א סך א גרעסערען עולם.

* * *

דער „אידישער קאנגרעס" האט באשלאסען אנצופאנגען אן ענערגישען קאמף געגען דעם עקאנאמישען באיקאט אויף די אידען אין אמעריקע.

נו, דער „אידישער קאנגרעס" האט געמעגט זיין אביסעלע פארזיכטיגער און ניט געברויכען אזעלכע שטארקע ווערטער ווי „עקאנאמישער באיקאט", ווארים פארלויפיג איז נאך אין אמעריקע ניטא אט דאס, וואס מען איז געוואוהנט צו פארשטעהן אונטער דעם אויסדרוק „עקאנאמישער באיקאט". די אמעריקאנער גויים קויפען נאך אין אידישע קראמען און פיהרען נאך געשעפטען מיט אידישע פירמעס. און וואס זאל מען לייקענען, אידען מאכען נאך א לעבען אין אמעריקע און די מייסטע פון זיי א גאנץ פיינעם לעבען. הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער. עס איז אבער יא אמת, אז א סך גוייאישע פירמעס ווילען ניט אנשטעלען קיין אידען אין זייערע אפּיסעס. נאר ווי שטארק מיר דארפען עס ניט פארדאמען, איז דער אויסדרוק „עקאנאמישער באיקאט" דאך צו שטארק. בפרט, ווען מיר ווייסען, אז אין פּראפּארציע זיינען אין אמעריקע פאראן א סך מעהר אידישע פירמעס, וואס ווילען ניט אנשטעלען קיין אידען אין זייערע אפּיסעס, ווי גוייאישע פירמעס. ווארים ווען אלע אידישע פירמעס וואלטען האבען אידישע אנגעשטעלטע, וואלטען אין אמעריקע אויסגעפעלט אידישע קלוירקס און אידישע סטענאגראפיסטקעס.

נאר דער „אידישער קאנגרעס" האט אלעמאל ליב צו געברויכען שטארקע אויסדרוקען, פונקט ווי ער ליבט אלעמאל צו שרייען הויך. ווארים אין דעם ליגט זיין איינציגע גבורה. און אין דער אמת'ן, וואס קען דער „אידישער קאנגרעס" טאן די אמעריקאנער גויים, וואס ווילען ניט אנשטעלען קיין אידען אין זייערע געשעפטען? אט זאל בעסער דער „אידישער קאנגרעס" אנפאנגען מיט א לייכטערער ארבייט. זאל ער זעהן וואס ער קען טאן געגען די אידען, וואס ווילען ניט קיין אידישע אנגעשטעלטע. און אין דעם פּרט זיינען דאך די אידען ערגער ווי די גויים.

צוויי גליקליכע „מיסטייקס"

ראמאנטישע מעשה'לע — פון ז. ליבין

ווען נאר איך טראכט וועגען דעם, ווי אזוי איך און מיין הערשעל האבען זיך באקענט און ווי אזוי עס איז געקומען צו אונזער פארהייראטען זיך, הויבט זיך מיר אן צו גלויבען, אז עס איז פארט דא אזא מין זאך ווי באשערט, אדער ניט־באשערט.

אזוי דערצעהלט וועגען זיך די מאדאם איינבינדער, א פרוי אין די דרייסיגער, ניט קיין הויכע און איהר געשטאלט, א פולינקע, א ברייטגע און גאר ניט קיין מיאוס'ע.

איך בין געווען אויסגעגאנגען מיט איינעם א לואי בערגעל, און עס האט געהייסען, אז מיר זיינען חתן־כלה; צו קיין אפענע רייד איז נאך אפילו ביי אונז ניט געקומען און „ענגיידזשד" זיינען מיר אויך ניט געווען. דאס איז געווען, נאר דערפאר, ווייל איך האב זיך געקווענקעלט. ער, לואי, איז נאך מיר אויסגעגאנגען. ער איז געווען משוגע פאר מיר, נאר איך האב זיך ניט געאיילט. דער לואי איז געווען א גאנץ וואוילער בחור, אפילו ניט קיין איבעריגס יונגעל. איך בין דעמאלט אלט געווען א יאהר דריי־און־צוואנציג, און ער איז שוין געווען אין די דרייסיגער. אבער מיך האט דאס ניט געארט. ער איז געווען א פארמאן אין א פאר־שאפּ און ער האט געקראגען זעהר פיינע ווידזשעס. ער איז געווען ניט קיין פארשווענדער און ער האט פארמאגט פיינע עטליכע אפּגעשפּארטע דאלאר. און פאר מיר איז ער געווען גרייט צו געהן אין פייער און אין וואסער. נאך עפּעס האב איך זיך ניט געאיילט מיט איהם צו פארהייראטען זיך. ער האט געהאט א גרויסען גלאנציגען פליך, און איך האב דאס עפּעס אזוי ניט געגליכען. און זיינע הענט פלעגען אלע מאל זיין קאלט, ווי ביי א טויטען, און דאס האב איך נאך מעהר פיינט געהאט. האב איך זיך געגעשעלט מיט איהם חתונה צו האבען.

איינמאל באקום איך פון מיין לואי'ן א בריוועלע; אזא מין בריוועלע, וואס איך האב גארניט ערווארט צו קריגען. און אין דעם בריוועלע שרייבט ער מיר קורץ און דייטליך, אז אדער מיר זאלען גלייך חתונה האבען און גלייך איינפּיקסען א הויז, אדער עס זאל זיין א סוף. האב איך געלאכט פון דעם בריוועלע, ווייל עס איז מיר פארגעקומען אזוי קאמיש. אבער איך האב פארשטאנען, אז לואי מיינט עס ערנסט. איך האב זיך פארטראכט, און ביי מיר איז געווען אפּגעמאכט טאקע מיט איהם יא חתונה צו האבען. נאך אלעמען, האב איך איהם ניט פיינט געהאט, און ער איז געווען א וואוילער מענש, און מיך האט ער זעהר ליב געהאט; ער איז געווען א גוטער פארדינער, געהאט געלט, א גוטע שטעלע. נו, האב איך געדענקט, אז עס זאל זיין א חתונה. און איך האב איהם שוין געוואלט ענטפערען אויף זיין בריוועלע, געבען איהם אזא ענטפער, וואס וואלט טאקע געהייסען געהן מיט איהם צו דער חופה. מיט אמאל קלינגט דער טעלעפאן. געה איך צו און נעם דעם רעסיווער; הער איך אזא פיינע, אזא מוזיקאלישע מענערישע שטימע:

— העללאו, מאניושע.

פארשטעה איך דאך שוין, אז ס'איז דא א טעות מיט דעם טעלעפאן־נאמבער, ווייל איך הייס דאך גאר אסתר, און ניט מאניושע. נאר עס פאלט מיר איין צו האבען א ביסעל „פאן", און איך ענטפער:

— העללאו, העללאו!

— מאניושע — הער איך ווייטער אין טעלעפאן — מארגען נאך דער ארבייט וועלען מיר זיך טרעפען ביי דעם פינפטע עוועניו ארייננאנג פון דער אסטאר לייברערי.

— אלרייט — שפּאס איך ווייטער.

אבער דער בחור אויף דער צווייטער זייט, האט, א פּנים, דערקענט, אז ס'איז עפּעס ניט זיין מאניושע'ס קול, פרעגט ער מיך ווייטער:

— מאניושע?...

— יעס — ענטפער איך.

— ווער איז דאס? — פרעגט ער איבער.

— מאניושע — ענטפער איך. און איך האב זיך צולאכט.

פארשטעהט ער שוין, אז איך בין ניט מאניושע, נאר ער לאזט ניט אפּ דעם טעלעפאן, און ער רעדט ווייטער:

— און ווער זייט איהר?

— סאמבאדי — ענטפער איך, און איך לאך, און איך פרעג:

— און ווער זייט איהר?

— סאמבאדי — לאכט ער שוין אויך.

— און ווער איז מאניושע? — פרעג איך.

און ער ענטפערט:

— „עי סוויט, נאיס ליטל גוירל".

פאלט מיר איין ווידער צו מאכען שפּאס, און איך רייד ווייטער אין טעלעפאן:

— און פיליייכט זאלט איהר מאכען מיט מ י ר אייער אפּאינטמענט, און ניט מיט אייער מאניושע'ן?

— אלרייט — ענטפערט מען מיר — עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט.

— און וואו וועלען מיר זיך טרעפען? — געה איך אן מיט'ן שפּאס.

— וואו נאר איהר ווילט.

— אפשר טאקע אויפ'ן זעלביגען ארט, ביי דער אסטאר לייברערי?

— אלרייט — ענטפערט דער יונגערמאן און פרעגט: — און ווי איז אייער נאמען?

— אסתר.

— זעהר פיין.

— און אייער נאמען? — פרעג איך.

— סעם — ענטפערט ער.

און איך פרעג ווייטער:

— און איהר וועט טאקע קומען מיט מיר מאכען אן אפּאינטמענט?

— וואהי נאט? — זאגט ער.

— מיט א מיידעל, וועלכע איהר קענט ניט און ווייסט ניט?

— עס וועט אויסקומען זעהר ראמאנטיש — ענטפערט ער מיר.

— און ווי אזוי וועט איהר מיך דערקענען? — פרעג איך ווייטער, און איך לאך.

— לאמיר אפּמאכען עפּעס א סימן — שלאגט ער מיר פאר.

— צום ביישפּיל?

— איך וועל טראגען אין מיין לאץ א רויטע בלום, און לאמיר זאגען, אז אויך איהר וועט האבען מיט זיך א רויטע בלום... וועל איך צו אייך צוקומען, איך אנרופען ביי אייער נאמען, אסתר, און מיר וועלען זיך שוין דערקענען.

— אלרייט — לאך איך.

— אלרייט — מאכט ער, און ער פרעגט:

— איז אפּגערעדט? — אפּגערעדט — לאך איך און איך פרעג: — וויפיעל אזייגער זאלען מיר זיך טרעפען?

מאכט ער מיט מיר אפּ א צייט, ווען צו טרעפען זיך, און מיר זאגען זיך „גוד־באי", און שוין.

האב איך, נאטירליך, פארשטאנען, אז דא איז פארגעקומען א מיסטייק מיט א ניט־ריכטיגען טעלעפאן־נומער. און עס געפעלט מיר דער שפּאס, און עס איז ביי מיר דער מינדסטער געדאנק ניט געווען צו טרעפען זיך מיט א ווילד־פרעמדען מענשען. האב איך זיך אוועקגעזעצט ענטפערען אויף מיין חתן'ס בריוועלע, ווי איך האב דאס געוואלט פריהער טאן. נאר עפּעס האב איך ניט געקענט שרייבען, און איך בין געווארען עפּעס אין גאנצען א צעטראגענע. מיר האט זיך כסדר געדאכט: ווער איז עס אט דער מענש, וועלכער האט געוואלט אפּרופען עפּעס א מאניושע'ן, און דורך א מיסטייק מיך אפּגערופען, און געמאכט מיט מיר אן אפּאינטמענט? ס'איז מיר געווארען אזוי אינטערעסאנט מיט דעם מענשען צו טרעפען זיך. אבער איך האב נאך אלץ ניט געטראכט, אז איך וועל דאס טאקע טאן. אזוי... איך האב שוין די נאכט ניט געשלאפען. אויף מארגען, ווען איך בין אין שאפּ אוועק, האט זיך מיר ניט געארבייט, און איך האב זיך אליין ניט געקענט ערקלערען, וואס מיט מיר קומט פאר...

פון דער ארבייט בין איך דעם טאג אוועק, ווי אלע מאל. איך בין געלאפען האסטיג אהיים. איך האב זיך איבערגעטאן. איך בין געווען מאדנע אויפגערעגט. איך בין אוועק צו דער אסטאר־לייברערי. אויפ'ן וועג בין איך אריין אין א בלומען־סטאר און דארט געקויפט עטליכע רויטע ראזעס. איך האב געפיהלט ווי מיין גאנצער פּנים ברענט אויף מיר... און צו דער אפּגערעדעטער מינוט בין איך שוין געווען אויף דעם אפּגערעדעטען ארט. מיין הארץ האט אין מיר שטארק געקלאפּט. איך האב זיך ארומגעקוקט, און איך האב דערזעהן א יונגענמאן מיט א רויטער בלום אין לאץ פון זיין רעקעל. אזא שעהנער יונגערמאן, אזא אינטערעסאנטער... מיר האט זיך געדאכט, אז מיין הארץ פאלט פון מיר ארויס. דער יונגערמאן איז צו מיר צוגעקומען, מיך אנגעקוקט און געפרעגט:

— אסתר?

— אסתר!... — האב איך זיך צולאכט. ער האט אויך געלאכט, און עס איז געווען עפּעס א מאדנע געשיכטע. איך האב גלייך צו דעם מענשען דערפיהלט א נאהענטקייט, עפּעס אזוי ווי איך וואלט שוין מיט איהם פון לאנג אן געווען גוט באקאנט.

און ער זאגט צו מיר:

— איך בין זעהר הונגעריג, און אויב איהר זייט אויך הונגעריג, וואלטען מיר ביידע אריין דא ערגעץ אין א קאפעטעריע.

און ווייל ער האט גערעדט אזוי פשוט, אזוי אהן קונצען, און ווייל ער האט מיך גערופען אין א געוועהנליכער קאפעטעריע, האט זיך מיר ווידער געדאכט, אז איך בין דא מיט א מענשען, וועלכען איך קען שוין פון לאנג אן, און איך האב שוין גאנץ פשוט געענטפערט:

— אלרייט. איך בין טאקע אויך הונגעריג.

זיינען מיר ביידע אריין אין א דערבייאיגער קאפעטעריע. ער האט מיך געפרעגט, וואס איך וויל עסען. און באלד האבען מיר ביידע געגעסען. מיר האבען זיך עטליכע מאל אנגעקוקט, און מיר האבען געלאכט. איך האב ניט געוואוסט, וואס צו זאגען, און ווי עס האט אויסגעזעהן, האט ער אויך ניט געוואוסט וואס צו ריידען. האבען מיר געשוויגען, ביז איך האב די ערשטע גענומען ריידען, און איך האב איהם געפרעגט:

— און ווען וועט איהר מאכען אן אפּאינטמענט מיט א י י ע ר מאניושען?

און ער גיט מיר א מאדנעם ענטפער:

— מאניושע איז ניט מ י י נ ע.

קוק איך איהם אן, און ער פארשעמט זיך אין זיין פּנים, עפּעס ווי ער וואלט געווען א שעמעדיגע מיידעל, און ער זאגט צו מיר:

— און איך בין ניט דער, וואס האט מיט אייך געמאכט אן אפּאינטמענט דא צו טרעפען זיך.

האב איך זיך דערפיהלט ווי מיט קאלטע וואסער אפּגעגאסען... איך האב ניט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר... און ער נעמט מיר דערצעהלען:

— סעם איז מיינער א נאהענטער פריינד. די מאניושע, וועמען ער האט געוואלט נעכטען אפּרופען, און געקראגען א „ראנג נאמבער" און נאר אייך אפּגערופען, איז זיין „גוירל פריינד". היינט האט זי איהם אפּגערופען און איהם אנגעזאגט, אז זי איז קראנק. האט ער געמוזט צו איהר געהן. ער האט אבער ניט געוואלט אייך דיסאפּאינטען, האט ער מיך געבעטען, אז אויב איהר וועט טאקע קומען, זאל איך אייך באגעגענען...

איך האב זיך דערפיהלט ענטוישט און פארלארען, כאטש פאר מיר איז דאך געווען אלץ איינס. ניט איך האב געקענט י ע נ ע ם, ניט איך האב געקענט ד ע ם. אבער עס איז אויסגעקומען מאדנע, און איך בין געבליבען זיצען א פארלארענע. פונדעסטוועגען, ווען אין מיין ווייטערען געשפּרעך מיט דעם יונגענמאן, וועלכער איז מיט מיר איצט געזעסען, האב איך זיך דערוואוסט, אז ער האט ניט קיין „גוירל פריינד", און ער געהט מיט קיינעם ניט אויס, האב איך זיך דערפיהלט בארוהיגט, ווייל אט דאס, וואס איך בין דא אריינגעשפּרונגען צווישען א יונגענמאן און עפּעס א מאניושע, איז מיר ניט געווען איבעריגעס צום הארצען, און איז אויסגעקומען עפּעס אזוי ווי א שטערונג אין מיין פּלוצלינגער „אדווענטשור".

דער בחור, מיט וועמען איך האב זיך געטראפען, שוין איצט ניט איבער איין מיסטייק, נאר איבער צוויי מיסטייקס, ווייל איבער דעם ערשטען מיסטייק מיט'ן טעלעפאן־נומער האב איך דאך גאר געדארפט טרעפען זיך מיט א צווייטען — דער בחור'ל האט געהייסען ניט סעם, נאר הערי. און שוין ביי דער ערשטער באגעגעניש האט מיין הארץ דערפיהלט צו איהם א פריינדליכקייט. איין זאך איז הערי'ן ניט געווען צום הארצען וועגען מיר, און דאס איז טאקע געווען אט די געשיכטע, וואס איך בין געגאנגען טרעפען זיך מיט א יונגענמאן, וועמען איך האב ניט געקענט. אבער ווען מיר האבען זיך נעהנטער דערקענט, איז דאס אלץ פארשוואונדען געווארען. און טאקע די אויסערגעוועהנליכע ערשטע באגעגעניש אונזערע האט גערייצט זיין פאנטאזיע. און איהם, פונקט אזוי ווי מיר, איז די געשיכטע פארגעקומען עפּעס ראמאנטיש, אז עס האט פיל מיטגעבראכט צו דעם, וואס מיר ביידע האבען זיך פארליבט.

לואי, מיט וועמען איך האב שוין געהאט איינגעוויליגט צו הייראטען און מיט וועמען איך וואלט מסתמא חתונה געהאט, ווען ניט דער מיסטייק מיט דעם טעלעפאן־נומער, דער מיסטייק, וואס איז אונטערגעשפּרונגען אין אזא ריכטיגער און אויסגערעכענטער מינוט — לואי האט חתונה געהאט מיט אן אנדער מיידעל, און זי, די אנדער מיידעל, איז, נעבעך, זעהר, זעהר אומגליקליך, ווייל א יאהר נאך זייער חתונה האט לואי גענומען קרענקען, און ער איז האלב־פּאראליזירט געווארען, און צו אלע צרות, איז שוין דא א קינד. פארקרענקט האט דער ארעמער מענש ביז דעם לעצטען דאלאר. פריינד האבען זיי אויסגעהאלפען און מ'האט פאר זיי געעפענט עפּעס א סטארקע, און ס'איז אן אומגליקליך לעבען ביי זיי. און דאס וואלט דאך געווען מיין ראליע....

פאר הערשלען לעב איך זעהר גוט און זעהר גליקליך. ער איז משוגע פאר מיר, און איך האב איהם אויך זעהר ליב.

אידישער סטאָרקיפּער אין קליינער שטעטעל לײַדעט פון „טשעין סטאָרס" מעהר ווי דער אידישער סטאָרקיפּער אין גרויסער שטאָט

פארוואס דאס איז אזוי. — דער אידישער קאסטימער און דער קריסטליכער. — פארוואס דער אידישער גראסערימאן לײַדעט אם מעהרסטענס פון די „טשעין סטארס". — „פארווערטס" רעפּארטער באזוכט די קליינע שטעטלאך און שילדערט די איצטיגע לאגע פון די דארטיגע אידישע סטארקיפּערס.

פון ד. באטווינניק

אין יעדען ווילעדזש האבען פארמערס צו דערצעהלען פון א וואלף, וואס איז אמאל, אין א קאלטען ווינטער, געקומען ארום א פארם.

די געשיכטע וועגען א וואלף האנדעלט זיך אין א גאר שווערען קאלטען ווינטער. ווען די קעלטען ווערען גאר אויסערגעוועהנליך, און אין וואלד פרירען אויס אלע קליינע חיה'לאך, קריכט אוועק דער וואלף צום מענשליכען ישוב זוכען שפּייז.

אט דאס איז איצט די געשיכטע מיט די טשיין־סטארס און די קליינע ביזנעסלייט.

די טשיין סטארס, וועלכע פערקאנקורירען און שטופּען ארויס די קליינע ביזנעסלייט פון פּרנסה, איז ניט קיין נייע געשיכטע. איצט אבער, איז נאך א קאלטער בייזער ווינטער געקומען אין דער ביזנעס וועלט. צייטען זיינען שלעכט. און די טשיין סטאר, ווי א וואלף, וואס זוכט חיונה, האט זיך דערנעהענטערט און ארויפגעווארפען אויף די קליינע ביזנעסלייט גאר נאהענט; די טשיין סטאר האלט די ארימע סטארקיפּערס ביים גארגעל.

איינינע טשיין סטארס, וועלכע זיינען אין די איסטערן סטייטס ניט געווען, האבען איצט געעפענט סטארס אין די איסטערן שטעדט. טשיין סטארס, וואס האבען געהאט דריי־פיר סטארס אין א שטעדטעל, האבען איצט געעפענט צעהן און פופצעהן סטארס אויף פארשידענע בלאקס.

די טשיין־סטארס, וואס האבען פריהער ניט געהאלטען קיין פלייש אין זייערע גראסערי סטארס, האבען איצט אריינגענומען דעם דאזיגען ארטיקעל. און נאך אנדערע ארטיקלען, זאגאר אידישע מצות. איצטער, ווען די צייטען זיינען שלעכט, מאכען די טשיין סטארס אפּטערע און ביליגערע ספּעשעל סיילס. לעצטענס האבען זיך בעוויזען אין די איסטערן שטעדטלאך די בעריהמטע סירס ראעבעק סטארס. די סטארס פארקויפען פון א שפּילקעל ביז א הויז, פון א היטעל ביז אן אטאמאביל. איצטער קומען אן נייע טשיין סטארס פון פוירניטשור און הארדוועיר, אזעלכע טשיין סטארס מיט גרויסע קאפּיטאלען, וואס זיינען שטענדיג געווען בלויז אין די סאוטהערען און ווייטע וועסטערן סטייטס. איצטער קומען זיי אן, ווייל זיי זוכען ביזנעס. צייטען זיינען שלעכט. מאכען די טשיין סטארס אפּטערע און ביליגערע ספּעשעל סיילס; דער וואלף דערנעהענטערט זיך און ווערגט דעם מענשליכען ישוב. אזוי פיהלען איצט די קליינע ביזנעסלייט אין דער קאונטרי שטעדטעל.

אמשטארקסטען האט עס צוגעדריקט דעם אידישען סטארקיפּער, און דער אידישער סטארקיפּער מאטערט זיך איצט אויף א שרעקליכען אופן.

פארוואס דעם אידישען סטארקיפּער האט עס צוגעדריקט אויף א שווערערען אופן ווי דעם קריסטליכען, איז גאר אן אינטערעסאנטער ענין. דאס איז אן ענין, וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם אידישען לעבען אין דער אמעריקאנער קליין שטעדטעל. איך לאז דעריבער די פראגע איבער פאר א בעזונדערען ארטיקעל, וועלכען איך וועל שרייבען גלייך נאך דעם ארטיקעל.

מיט דעם היינטיגען ארטיקעל וויל איך ערקלערען דעם אונטערשייד פון דעם נויארקער אידישען קליינעם ביזנעסמאן און דעם קאונטרי אידישען ביזנעסמאן.

ס'איז א ביזנעס פּאגראם אויף דעם קליינעם סטאר קיפּער, און פונקט ווי אין א פּאגראם איז די שרעק א גרעסערע אין א דארף ווי אין דער גרויסער שטאדט, פונקט ווי תל אביב איז געווען אין דער שחיטה צייט אין פּאלעסטינע, מעהרער בעשיצט ווי א קאלאניע. אזוי איז דער נויארקער קרעמער מעהרער בעשיצט ווי דער קאונטרי קרעמער.

קודם כל, אז א אידישער סטארקיפּער ווערט אין נויארק ארויסגעשטויסען פון ביזנעס, זוכט ער א דזשאב. אין נויארק זיינען דא שעפּער, וואו אידען ארבייטען. אין דער קאונטרי איז כמעט ניטא קיין דזשאב פאר א אידען.

צווייטענס, נויארק איז א שטאדט פון קווארטאלען. ניט אין אלע קווארטאלען זיינען דא גענוג טשיין סטארס. ווען א איד זיצט אין זיינע פאר בלאקס, ריהרט איהם ניט אן אזוי שטארק די טשיין סטאר, וועלכע איז פאר פינף און אפּט פאר צעהן בלאקס ווייטער. דער עולם געהט טאקע קויפען אין דער טשיין סטאר, אבער ניט פאר יעדע קלייניגקייט וועט א בעל הבית'טע לויפען פאר עטליכע בלאקס אין דער טשיין סטאר.

אין דער קאונטרי שטעדטעל איז די ביזנעס אויף מעין סטריט. אויף דער הויפּט גאס. אהין קומען אלע קויפען. אלע האבען אויטאמאבילס, און אפילו אז מען וואוינט אונטערען שטאדט, פארט מען צו מעין סטריט. אויף מעין סטריט זיינען די טשיין סטארס. אזוי ווי זיי בעווייזען זיך, דערשטיקען זיי דעם אינדעפּענדענט ביזנעסמאן. איהר קענט זעהן ווי עס שטעהען צוויי טשיין סטארס מיט א סך סייד־וואק, און צווישען די צוויי טשיין סטארס איז דא א לעדיגע סטאר. דאס האט מען אן ארימען אידען ארויסגעקוועטשט.

דריטענס, אין נויארק בויט דער אידישער ביזנעסמאן זיין לעזונג אויף דעם אידישען עולם. מיט וואס די אינדעפּענדענט סטאר איז בעסער אפּ פאר דער טשיין סטאר, איז די פערזענליכע בעקאנטשאפט צווישען דעם קרעמער און דעם קאסטאמער; „פוירסאנאל קאנטעקט" רופט זיך עס אין דעם ענגלישען לשון, ווען מען שמועסט וועגען עקאנאמיקס. די פערזענליכע בעריהרונג מיט'ן בעל הבית און בעל־הבית'טע פון דער סטארקע שפּילט א וויכטיגע ראליע. אן עכטע אידישע בעל הבית'טע פיהלט זיך בעסער צו קויפען ביי די מענשען וואס זיינען אליין די בעלי הבתים, און וועמען זי קען גוט, ווי ביי א קלוירק, א פרעמדען מענשען פון דער טשיין סטאר, וועמעס בעל־הבתים עס זיצען ערגעץ אין פּאריז.

אין דער קאונטרי שטאדט איז דער „פוירסאנאל קאנטעקט" פונקט פארקערט. דער אידישער סטאר־קיפּער האט קריסטליכע קאסטימער. זיי האבען די גאנצע צייט געקויפט ביי איהם, ווייל ער האט געלייזט ביליגער ווי דזשעק היקס, דער קריסטליכער ביזנעסמאן, וועלכער איז זייערער א שכן פון געבארען טאג אן.

איז געקומען די טשיין סטאר, און דזשעק היקס איז אונטערגעגאנגען. דער אידעל האט זיך אלץ געווארפען, געהאפט אנצוהאלטען די סטארקע. דזשעק היקס איז געווארען א קלוירק אין דער טשיין סטאר. ער פארקויפט איצט ביליגע וואארע פאר דער טשיין סטאר, און אז איינער מענש איז ער דאך אויך, טא פארוואס זאל מען קויפען ביי אידען?

אלזא אין דעם קאנטרי שטעדטעל איז דער „פוירסאנאל קאנטעקט" פאר'ן קאסטאמער דווקא אין דער טשיין סטאר.

נאך א זאך מוז מען צוגעבען צו דעם ביזנעס חורבן אין דער קאונטרי שטעטעל. די אידישע קאסטאמערס אין דער קאונטרי שטעדטעל זיינען מעהר אויסגעמישט מיט דעם אלגעמיינעם לעבען. וואס אנבאלאנגט צום קויפען, זיינען זיי מעהר אמעריקאניזירט ווי די אידען אין די ניו יארקער גרויסע אידישע קווארטאלען.

אט די אלע זאכען שטעלען איצט אוועק דעם ארימען אידישען ביזנעסמאן אין א שרעקליכער לאגע, און פילע, פילע זיינען שוין אויס ביזנעסלייט.

איך האב נאר וואס פארענדיגט א רייזע איבער א רייהע שטעטלאך פון דריי פארשידענע סארטען כאראקטערע, און איך בין אויפ'ן וועג צו אנאנדער סארט געגענד.

איך בין געווען אין א רייהע שטעטלאך אין ניו־דזשוירזי, ווי פערט עמבאי, פליינפילד, עליזאבעט, ניו־בראנזוויק און אנדערע קלענערע שטעטלאך ארום.

איך בין געווען אין א רייהע קליין

(שלוס אויף פיידזש 6)

די מיידעל וואס טרינקט און רויכערט ווערט אוים יחסנ'טע אין אמעריקע

מען האט זיך דא ווידער פארבענקט נאך דער פרוי, וואס האט פיינע, איידעלע מאניערען.

פון מ. גלעבאוויטש

נישטא קיין נייעס אונטער דער זון: די געשיכטע ווידערהאלט זיך, און פונקט אזוי ווי מען גיט זיך א כאפּ צו עפּעס נייעס ווען דאס אלטע ווערט דערעסען, אזוי כאפּט מען זיך צוריק צום אלטען ווען דאס נייע ווערט נמאס.

ערשט ניט לאנג צוריק האט מען כמעט אומעטום, אפילו אין די גאר מעסיגע קרייזען, חוזק געמאכט פון דער מאנירליכער דאמע, וועלכע האלט זיך פיין און באשיידען אין א געזעלשאפט. די גרעסטע יחסנ'טע איז געווען די פלעפּער־מיידעל מיט דעם קורצען קליידעלע און מיט דעם סיגארעטעל אין מיילכעל; מען האט אנגעקוקט פון דעם וואס זי, די פלעפּער־מיידעל, קאן טרינקען אביסעל בראנפען אין א געזעלשאפט, און אויך פון דעם וואס זי ווייסט ניט פון קיין באשיידענקייט און שעהמט זיך ניט מיט איהר נאקעטקייט.

איצט אבער האט זיך מיט אמאל דאס רעדעל איבערגעדרעהט, און מען כאפּט שוין ווידער ניט קיין התפעלות פון דער „פלעפּער־מיידעל". פארקערט. מען איז געווארען מיד פון איהר, און מען האט זיך גאר פארבענקט נאך דער ליידי...

מען וויל אין דער פרוי ווידער זעהן די דאמע מיט מאניערען; מען וויל אין איהר ווידער זעהן באשיידענקייט, פיינקייט און צערטליכע ווייבליכקייט.

און קיינער האט דאס אזוי שטארק ניט דערפיהלט ווי די פרוי אליין.

מיט דעם ספּעציעל שארפען ווייבליכען חוש, וואס פרויען פארמאגען אין אזא גרויסער מאס, האבען זיי גלייך דערפיהלט, אז עס הויבען שוין אן בלאזען נייע ווינטען, און עפּעס ווי דורך א כשוף האבען זיי זיך אנגעהויבען בייטען און גענומען ווערען אנדערע.

דערווייל באשטעהט דאס בייטעניש בלויז אין אויסערליכקייט. מען האט מיט אמאל אויפגעגעבען די פלעפּפערדיגע מאדעס און מען האט זיך אנגעהויבען אנטאן אין לאנגע קליידלאך; מען האט זאגאר אנגעהויבען טראגען מופטעס, פונקט ווי אין יענע צייטען, ווען די באבעס זיינען נאך יונגע „בארישנעס" געווען; אויף פארמעלע אונטערהאלטונגען האט מען אנגעהויבען זעהן לייטיש געקליידעטע דאמען, וועלכע האלטען זיך צירליך־מאנירליך און ריידען ניט ארויס קיין הויך ווארט און געבען ניט קיין איבעריגען שמייכעל — און ווען מען האט זיי דערזעהן, האט מען זיך שטארק דערפרעהט איבער זיי.

אין דער לופט איז שוין דאס לאנג געווען.

די פרויען אליין, וועלכע האבען זיך אזוי גייציג א כאפּ געטאן צו דעם אזוי גערופענעם מאדערניזם און צו דעם חשק צו זיין „פונקט ווי מאנסבילען", האבען דערפיהלט, אז ס'איז עפּעס ניט דאס וואס זיי האבען געמיינט, און ווען זיי האבען דאס דערפיהלט, האבען זיי גענומען פּרואווען אריינצוקריכען צוריק אין זייער אייגענער הויט.

און פון די מאנסבילען איז שוין אפּגערעדט. זיי האבען זיך אין דער פלעפּער מיידעל זעהר שנעל ענטוישט. ווייל זיי האבען באלד באמערקט, אז דאס איז עפּעס א מין באשעפעניש, וואס האט ניט קיין באשטימט פּנים און איז גלאט ניט אהער און ניט אהין.

מיט א צייט צוריק — געדענק איך — האט דער אידישער אקטיאר סעמיועל קעסטין געזונגען א לידעל „גיט מיר די מיידלאך פון אמאל". ער האט דאס לידעל געזונגען אין עפּעס א פּיעסע, וואס מען האט געשפּילט אין איינעם פון די אידישע טעאטערס, און דער גאנצער עולם האט דאס לידעל נאכגעזונגען, און דערנאך איז דאס געווארען איינע פון די פּאפּולערסטע לידלאך.

נו, קען זיין, אז א היבשען חלק אינ'ם ערפאלג פון יענעם לידעל האט טאקע געהאט קעסטין, ווייל ער האט דאס זעהר גוט געזונגען. אבער איינע פון די אורזאכען, פארוואס דאס לידעל איז דאמאלט געווארען אזוי פּאפּולער, איז זיכער געווען דער פאקט וואס דער עולם איז אין דער אמת'ען קיין מאל ניט געווען בעגייסטערט פאר דער פלעפּער־מיידעל.

וועגען דער מיידעל פון אמאל האט מען אלע מאל גערעדט מיט מעהר רעספּעקט, און די מיינונג ביי אלעמען איז געווען, אז זי פארדינט רעספּעקטירט צו ווערען.

און דאס איז געווען ניט מעהר ווי נאטירליך, ווייל פיינע האלטונג און סימפּאטישע באשיידענקייט מוזען ארויסרופען רעספּעקט.

האט עס דעריבער געמוזט קומען דערצו, אז די פלעפּער־מיידעל זאל ווערען אויסגעשפּילט און אז די דאמע מיט מאניערען, די ליידי, זאל ווידער ארויס אויף דער מארק און ווערען די גרויסע יחסנ'טע.

עס איז אבער א גרויסע פראגע צי ס'וועט זיך דער היינטיגער פרוי איינגעבען צו ווערען פונקט אזא ליידי ווי די אמאליגע ליידיס זיינען געווען...

אויסערליך יא, אבער ניט אינערליך.

מען וועט זיך טאקע אנטאן ווי ליידיס; מען וועט טראגען לאנגע קליידער, מופטעס און די אלע אנדערע זאכען, וואס די ליידיס פון אמאל האבען געטראגען; מען וועט אפשר טאקע מעהר ניט אויפדרעהען אזוי פיל ווי מען האט זיך איינגעוואוהנט אויפצודרעהען; מען וועט טאן אלץ וואס די ליידיס פון אמאל האבען געטאן. אבער מען וועט אלץ ניט זיין קיין אמת'ע ליידיס.

אין איינער פון די ניו יארקער ענגלישע צייטונגען איז מיט עטליכע טעג צוריק געווען אן ארטיקעל וועגען דער זעלבער פראגע. דער שרייבער פון דעם ארטיקעל האט געראטען די היינטיגע פרויען, אז אויב זיי ווילען ווירקליך ווערען ליידיס ניט נאר אויסערליך, נאר אויך אינערליך, זאלען זיי זיך נעהמען שטודירען די עטיקעט־ביכער, וואס זיינען אנגעשריבען געווארען אין אמעריקא מיט היבשע עטליכע צעהנדליגע יאהר צוריק.

פון יענע ביכער נעמט דער שרייבער ארויס איינינע פונקטען, וואס דארפען באשטעטיגען אז די באנעמונג פון די פרויען אין די אמאליגע צייטען איז געווען די באנעמונג פון אמת'ע ליידיס, און דערפון פיהרט ער אויס, אז אויב די היינטיגע פרויען וועלען זיך אויך אזוי באנעמען, וועלען זיי זיך מיט רעכט קענען אנרופען „ליידיס".

האב איך יענע פונקטען פארזיכטיג איבערגעלעזען און איך מוז זיך מודה זיין, אז לויט מיין מיינונג זיינען זיי אויך ניט מעהר ווי אויסערליכע זייטען פון „ליידישיפּ".

דארטען, אין יענע פונקטען, ווערט גערעדט וועגען די כללים ווי אזוי זיך צו באנוצען מיט גאפּעל־מעסער, ווי אזוי צו רעדען און ווי אזוי זיך צו האלטען אין דער געזעלשאפט פון א מאן. אבער אט די אלע זאכען קען מען זיך אויסלערנען זעהר גרינג און זיי דורכפיהרען זעהר פּינקטליך, און דאך ניט זיין קיין אמת'ע ליידי.

מען זאגט, אז ווען א שיקסע דינט ביי א רב, לערנט זי זיך אויך אויס פּסק'ענען שאלות.

דאס קען זיך זיין אמת. אבער דאס מיינט נאך ניט, אז ווען א שיקסע לערנט זיך אויס פּסק'ענען שאלות, איז זי שוין א רב. זי בלייבט אלץ א שיקסע.

דאס זעלבע איז מיט די פרויען, וועלכע לערנען זיך אויס די אלע אויסערליכע זאכען, וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר א פיין־ערצויגענער ליידי. זיי לערנען זיך אויס טיש־מאניערען. זיי ווייסען ווי מען באדארף זיך באנוצען מיט גאפּעל־מעסער, זיי ווייסען ווי מען דארף זיך האלטען אין א געזעלשאפט און ווי מען דארף פארשנירעווען דאס פּיסקעלע ווען מען רעדט מיט א מענשען; זיי ווייסען אויך ווי צו געהן און ווי צו זיצען און ווי אזוי צו שמייכלען. אבער קיין ליידיס זיינען זיי נאך אלץ נישט.

א ליידי דארף מען זיין אין דער נשמה, אין גייסט, און ניט נאר אין די קליידער און אין אויסערליכער באנעהמונג.

און לאמיר דא זיין גאנץ דרייסט און זאגען, אז צווישען די היינטיגע מיידלאך, וועלכע מאכען דעם איינדרוק פון „פלעפּערקעס", געפינט מען אפט אזעלכע, וואס זיינען אין גייסט אמת'ע ליידיס.

אויסערליך ניט, אבער אינערליך יא.

און צווישען די דאמען, וועלכע האלטען זיך צירליך־מאנירליך און טהוען זיך דווקא אן זעהר וואזשנע, און קומען אריין אין דער העכסטער געזעלשאפט, געפינט מען אפט אזעלכע, וואס זיינען דווקא ניט קיין ליידיס אין גייסט.

דאס אויסערליכע פארבלענדעט אמאל צופיל און מען זעהט ניט דעם תוך. און די צרה היינטיגע צייטען באשטעהט אין דעם, וואס אפילו דאן ווען מען וויל ווערען בעסער און פיינער, כאפּט מען זיך אן דער אויסערליכער זייט פון בעסערקייט און פיינקייט, און אויפ'ן תוך קוקט מען זיך ניט אום.

פארט נאך רוסלאנד

בלויז די נייעס פון אייער קומען ברענגט פריד און גליק צו אייערע קרובים. קענט איהר זיך פארשטעלען וואס אייער באזוך וועט מיינען פאר זיי? מאכט שוין רעזערוואציאנס צו קריגען די בעסטע פּלעצער אויף פיינסטע און שנעלסטע שיפען.

אלע נויטיגע פּאפּירען באזארגט פון אמאלגאמייטעד באנק טרעוועל דעפּארטמענט.

AMALGAMATED BANK
TRAVEL DEPARTMENT
11-15 UNION SQUARE, NEW YORK CITY

FORWARD
A JEWISH DAILY

Copyright 1930 by Forward Association

Published by THE FORWARD ASSOCIATION
ADOLPH HELD, President. B. FINEBERG, Sec-Treas.

PUBLICATION OFFICES
NEW YORK — 175 East Broadway — Phone, Dry Dock 2000
395
CHICAGO, ILL. — Kedzie Ave. at Thirteenth St. — Phone, Crawford 1600

פרעזידענט הואווער פאַרזיכערט שוין ווידער

פרעזידענט הואווער, אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר דער „יונאַיטעד סטעיטס טשיימבער אָוו קאָמערס“ אין וואַשינגטאָן, האָט ערקלערט, אַז אין דעם עקאָנאָמישען קריזיס, וואָס דאָס לאַנד מאַכט איצט דורך, איז שוין די ערגסטע צייט אַריבער און ווען אַלע כחות וועלען בלייבען פאַראייניגט ווי ביז איצט, וועלען מיר שנעל קומען צו זיך.

עס וואָלט זיך אודאי געוואָלט גלויבען דעם פרעזידענט'ס ווערטער, און זיינע ווערטער וואָלטען געווען אַ סך באַגלויבטער, ווען ער וואָלט שוין אונז עטליכע מאָל פריהער ניט ענטוישט. ביי עטליכע פריהעריגע געלעגענהייטען איז דער פרעזידענט אַרויסגעקומען מיט דער ערקלערונג, אַז די אַרבייטסלאָזיגקייט איז שוין קלענער געוואָרען, אָבער באַלד נאָכדעם האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקומען פאַקטען, וואָס האָבען געוויזען אַ גאַנץ אַנדער בילד. פון אַרבייטס-ביוראָ פון ניואָרק סטעיט און פון אַ סך אַנדערע סטעיטס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען די ציפער פון אַרבייטסלאָזיגקייט, און די ציפער האָבען געוויזען פונקט פאַרקערט, ווי דער פרעזידענט האָט פאַרזיכערט.

עס איז נאַטירליך גרינג צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס דער פרעזידענט קומט אַרויס פון צייט צו צייט מיט זיינע אָפּטימיסטישע ערקלערונגען. ער פיהלט עס אַלס זיין פליכט צו באַרוהיגען דאָס לאַנד און מאַכען גרינגער אויף די הערצער. אָבער צו פאַרוויגען דאָס לאַנד אין אַ פאַלשען אָפּטימיזם, שרייען „שלום, שלום!“ דאָרט, וואו קיין שלום איז ניטאָ — דאָס טאָר מען אויך ניט. ווייל אויב פון געוויסע זייטען האָט מען עפּעס געטאָן צו פאַרלייכטערען די שווערע ליידען פון די אָרימע און אַרבייטסלאָזע — און געטאָן האָט מען זעהר, זעהר ווייניג — וועט מען נאָך הואווער'ס אָפּטימיסטישע ווערטער איינגאַנצען אָפּלאָזען די הענט.

פרעזידענט הואווער רעדט וועגען דעם פאַרבעסערטען צושטאַנד אין לאַנד בכלל, און ער שטעלט זיך ניט אָפּ ספּעציעל וועגען דער לאַגע פון די אַרבייטער, וואָס זיי טראָגען אויף זייער רוקען אַריבער דעם שווערסטען טייל פון דעם קריזיס. ער דערמאָנט די אַרבייטער נאָר פאַרבייגעהענדיג דאָרט, וואו ער באַמערקט, אַז קיין „שטאַרקע פאַרקלענערונגען אין ווידזשעס“ זיינען דאָס מאָל ניט געווען.

ווען דער פרעזידענט דריקט זיך אויס, אַז קיין „שטאַרקע פאַרקלענערונגען“ אין ווידזשעס זיינען ניט געווען, הייסט עס, אַז ער ווייס דאָס, וואָס מיר אַלע ווייסען זעהר גוט, אַז „שוואַכע“ פאַרקלענערונגען זיינען יע געווען. און עס איז נאָך אַ פראַגע, וואָס עס מיינט אַ „שטאַרקע“ פאַרקלענערונג און אַ „שוואַכע“.

דריי דאָלאַר, לאָמיר זאָגען, איז געוויס ניט קיין סך פאַר פרעזידענט הואווער, וואָס איז קיינמאָל קיין קבצן ניט געווען און היינט אויך ניט. וואָס איז דריי דאָלאַר פאַר פרעזידענט הואווער? אָבער דריי דאָלאַר פון די ווידזשעס פון אַן אַרבייטער, וואָס קריגט 35 — 40 דאָלאַר אַ וואָך — אָ, דאָס איז שוין גאָר אַ „שטאַרקע פאַרקלענערונג“.

אָבער אָנגענומען אויף אַ מאָמענט, אַז אין דער הינזיכט פון שניידען ווידזשעס איז דער פרעזידענט גערעכט. אָבער דאָס שוואַכט נאָך אַלץ ניט אָפּ דעם פאַקט, אַז די אַרבייטער זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען געליטען און זיינען נאָך איצט אויך די וואָס ליידען, אויב אפילו די לאַגע ווערט שוין בעסער, ווי הואווער פאַרזיכערט. די באָסעס האָבען גאַרניט געדאַרפט שניידען ווידזשעס: זיי האָבען בעסער אָפּגעזאָגט אַרבייטער, און געלאָזט די איבערגעבליבענע טאָן די אַרבייט פון זייערע אָפּגעזאָגטע חברים פאַר די זעלבע ווידזשעס. און ווען די באָסעס האָבען אונטערגעצויגען דעם סך הכל, האָבען זיי געפונען, אַז זיי האָבען נאָך אַלץ פיין פּראָפיטירט דערפון.

אָבער וואָס איז געוואָרען מיט די אָפּגעזאָגטע אַרבייטער? יענע אַרבייטער, וואָס מען האָט ביי זיי טאַקע קיין ווידזשעס ניט געשניטען, נאָר גלאַט קיין דזשאָב ניט געגעבען?

זייער לאַגע ווערט נאָך ניט בעסער, מר. פרעזידענט, אפילו אויב דאָס ערגסטע פון דעם קריזיס איז שוין פאַרביי. אויב דער קריזיס איז שוין גרינגער געוואָרען, מיינט עס העכסטענס, אַז מען האָט שוין אויפגעהערט אָפּצוזאָגען נייע טויזענטער אַרבייטער פון די דזשאָבס, אָבער עס מיינט נאָך ניט, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבען אַריינצונעמען צוריק די אָפּגעלייגטע אַרבייטער. דאָס זאָגט נאָך אפילו הואווער ניט מיט קיין פולען מויל. און ווער ווייס ווי לאַנג די אַרבייטסלאָזע וועלען נאָך דאַרפען וואַרטען ביז זיי וועלען זיך קענען אומקערען צוריק צו זייערע דזשאָבס.

און פאַר די איז דאָס ערגסטע פון דעם קריזיס נאָך ווייט, ווייט ניט אַריבער. פאַרקערט, ער ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. וואָרים וואָס אַ טאָג לענגער, אַלץ מעהר אין חובות מוז ער פאַרקריכען, אַלץ מעהר מוז ער באָרגען און זאָרגען, און אַלץ שווערער ווערט איהם אפילו צו מאַכען חובות און צו באָרגען און זאָרגען. ווייל עס קומט אַ מאָמענט, ווען אפילו דער בעסטער גראָסערימאַן ווערט מיד צו „פאַרשרייבען“. און די אַרבייטסלאָזע דערנעהענטערען זיך אַלץ מעהר און מעהר צו — הונגער.

ווען מיר זאָלען אָננעהמען אפילו די קאָנסערוואַטיווסטע ציפער פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט, דאָס הייסט, אַז עס זיינען דאָ אין לאַנד ניט מעהר ווי דריי מיליאָן אַרבייטסלאָזע; און ווען מיר זאָלען אָננעהמען אפילו, אַז נאָר אַ העלפט פון זיי זיינען פאַמיליען-מענשען, דאַן קומט עס אויך אויס, אַז אַרום אַכט — נייַן מיליאָן מענשען אין די רייהען פון די אַרבייטער דערנעהענטערען זיך צום פונקט פון הונגער, אָדער האָבען שוין דעם פונקט לאַנג דערגרייכט.

וואָס-זשע פאַר אַ נחמה איז פאַראַן פאַר אָט די אַכט — נייַן מיליאָן מענשען אין הואווער'ס ווערטער, אַז דאָס ערגסטע פון דעם קריזיס איז שוין פאַרביי?

אפשר איז עס שוין טאַקע פאַרביי, אָבער עס ווענדט זיך פאַר וועמען.

דער פרעזידענט האָט אין זיין רעדע אויך אָנגעוויזען, אַז עס איז נויטיג צו זוכען וועגען און מיטעל ווי אַזוי צו פאַרמיידען אַזעלכע קריזיסען אין דער צוקונפט. און ער רעקאָמענדירט דאָס באַוואוסטע מיטעל — אַ קאָמיסיע צו שטודירען די לאַגע. אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון קאָמיסיעס. וואו אַ צרה, דאָרט אַ קאָמיסיע. און וואָס זיינען אָט די קאָמיסיעס, און וואָס איז דער נוצען פון זיי? די אַלע קאָמיסיעס, וואָס פלאָדיען זיך אַזוי גרינג אין אַמעריקע, דאַרפען אין אמת'ן אָנגערופען ווערען חברה-קדישא'ס אויף צו באַגראָבען אין אַ שטאַטען יעדען וויכטיגע פראַגע, וואָס דאָס לעבען אין אַמעריקע רוקט אַרויס. ווערט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו שטודירען, דאַן איז עס שוין אַ סימן, אַז די זאַך וועט ווערען באַגראָבען.

פרעזידענט הואווער מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי דער איצטיגער קריזיס וואָלט פון הימעל אַרונטערגעפאַלען, און גלייך ווי פריהער וואָלטען קיין קריזיסען ניט געווען. געווען שוין קריזיסען, מר. פרעזידענט, און געווען שוין מענשען, וואָס האָבען זיי אויסגעשטודירט. אפילו די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטען גיבען צו, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם מוזען קומען קריזיסען פון צייט צו צייט. עס איז אפילו אויסגערעכענט געוואָרען, אַז זיי קומען אונגעפעהר אַלע זיבען יאָהר. די זאַך איז שוין אויסגעשטודירט געוואָרען, און גוט אויסגעשטודירט געוואָרען. און אין אַלע ציוויליזירטע לענדער זיינען שוין אפילו אויסגעפונען געוואָרען רפואות אויך. איינע פון זיי איז — אַרבייטסלאָזע אינשורענס, און שטיצע פון שטאַאַט, וואָס דאָס מיינט ווידער שטיצע פון די אַרבייטער פאַר זיך אַליין, ווייל די אַרבייטער זיינען אַ טייל פון שטאַאַט. אין די מעהרסטע ציוויליזירטע לענדער זיינען שוין אָט די רפואות אויסגעשטודירט און אויסגעפּרובירט געוואָרען. די סאָציאַליסטען האָבען זיי שוין לאַנג געפאָדערט אין אַמעריקע, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע לענדער. קינד און קייט ווייס עס.

בלויז דער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען מאַכט זיך ניט וויסענדיג, און ער רעדט פון נייע קאָמיסיעס, מיט נייע „שטודיומס“. דאָס מיינט — אַ נייע חברה קדישא, און פון חברה קדישא'ס איז נאָך קיינער ניט געזונט געוואָרען.

לידער

פון אברהם רייזען

א.

צום אַרבייטער

אַרבייטער, מיין ברודער,
ווער און וואו דו ביזט,
איצט אין דעם גערודער
העכער זיי געגריסט.

אַז דו זאָלסט דערהערען
און דו זאָלסט פאַרשטעהן,
אַז דיין גאַנג דיין שווערען
געהסטו ניט אַליין.

און אין דיינע צילען
הערען מיינע טריט,
און מיין גאַנג דערפיהלען
ווען דו זעהסט מיך ניט.

און אין אַלע ווייטען
קום איך נאָענט אָן,
און ביי אַלע שטרייטען
מוטיגט מיך דיין פאָהן.

און ווי דו, אַ מידער,
געה איך מיט אין גאַנג
און מיט דיינע לידער
און מיט דיין פאַרלאַנג.

ב.

אין דעם טאָג...

אין דעם טאָג אין דעם באַשטימטען
געהען מיר אַרויס צו אייך,
און דעם לעבען דעם פאַרקרימטען
איבערשאַפען—שעהן און רייך.

דער, וואָס געהט אַליין, באַזונדער—
איהם פאַרלאָקען מיר אין גאַנג.
וואָך פאַרוואַנדלען מיר אין וואונדער,
און דאָס טומלען—אין געזאַנג.

אין אַ שאַפען—זייער האַנדלען,
און דאָס לעבען — אין אַ ציל;
אומעט—אין אַ פרייד פאַרוואַנדלען
און די אַרבייט אין אַ שפּיל.

ג.

די וועגען

(פאַנטאַזיע)

די וועגען שיידען זיך פאַנאַנדער
און ביידע וועגען פיהרען וואו;
איין וועג—ער לאָקט מיט ווייטען וואונדער,
דער צווייטער וועג—מיט נאָהנטער רוה.

איין וועג—מיט יונגע בוימלאַך, שלאַנקע,
וואָס פרעהען זיך מיט יעדען ווינט;
דער צווייטער—דעמבען, אין געדאַנקען
פאַרטיפט, דערפאַהרען און באַזינט.

איין וועג—מיט הייזער ערשט געבויטע,
און קינדער שפּילען זיך אַרום;
ביים צווייטען—שלעסער שוין פאַרגרויטע
און טיף פאַרטראַכט און שוויגען שטום...

איין וועג איז גלייך—דו זעהסט די צילען,
דער הימעל שפּרייט אויף איהם זיך קלאָר;
דער צווייטער—נעבלען איהם פאַרהילען
און סודות פון אַ ווייטען דור.

6 קריסטליכע מיידלאַך פאַרקלאָגען ווינער „בעל מופת“, אַז ער איז דער פאָטער פון זייערע קינדער

גאַנץ ווין לאַכט פון דעם טשיקאַווען פּראָצעס אין וויענער געריכט. — אינטערעסאַנטע טיפּען און סצענעס פון דעם לעבען אינ'ם וויענער אידישען קוואַרטאַל.

פון אונזער וויענער קאָרעספּאָנדענט מאַסקוף

מאַריץ שעריל איז אַן עכטער ווינער אידישער טיפּ, פון דעם אידישען דיסטריקט פּראַטער. ער איז אַ קורצער, דיקער, מיט 2 לאַנגע שפּיציגע רויטליכע באַקען בערד. ער טראָגט אַ סאַמעטענעם ראָק. אַ גרויסע צופּלעטשטע צילינדערהוט. גאָלדענע אויגען-גלעזער. צוהאַקטע לאַק-שיך און צוריסענע האַנדשוה.

פון פאַך איז ער אַ „וואונדערמאַן“. אַ בעל-מופת, הייסט עס. און זיינע וואונדער פּראַוועט ער פאַר זיינע חסידים אין קאַפעהויז, וואו ער זיצט ביי אַ טישעל און טרינקט איין גלאַז קאַלטע וואַסער נאָכ'ן צווייטען.

— הערר אָבער (וועיטער), — רופט ער אַלע ווייַלע, — ביטע נאָך איין גלאַז וואַסער, אָבער פריש אונד זעהר קאַלט.

ברענגט איהם דער וועיטער גאַנצע דריי גלאַז וואַסער, אום דער הערר שעריל זאָל האָבען גענוג.

— הערר אָבער, — שרייט ער צום ווייטער, — ביטע, ברינגען זי מיר איין צינדהעלצ (מעטש).

ברענגט מען איהם.

— הערר אָבער, — פאַרלאַנגט ער ווייטער. — ביטע זעהר, ברינגען זי מיר איינע צייטונג.

ברענגט מען איהם אַ צייטונג. אָבער אַזוי ווי צייטונגען זיינען, ברוך השם, פאַראַן אַ סך און פאַרשידענע, ניט דער הערר מאַריץ פיל צו לייענען. ער פאַרלאַנגט אַלעמאָל אַן אַנדער צייטונג. און אַזוי ווי ער זיצט אין קאַפעהויז פון אין דער פריה ביז אַזייגער 4 אין דער נאַכט, האָט מען פון איהם צו זינגען און צו זאָגען.

אָבער עס טרעפט אָפט, אַז דער הערר מאַריץ שעריל טרינקט אַ קאַפּע אויך אין קאַפעהויז און ניט בלויז וואַסער.

דאָס פּאַסירט דאַן, ווען איינע פון זיינע חסידות'טעס צאָהלט פאַר איהם אַ „צעכע“, טריט איהם, הייסט עס.

טהוט דער הערר „וואונדערמאַן“ אַ פרעהליכען גלעט ביידע לאַנגע רויטליכע באַקען-בערד און שרייט אויס:

— הערר אָבער, ברינגען זי מיר איינע נוסשאַלע גאָלד טירקיש ברוין דאָפּעל מאָקאַ מיט שלאַגאָבערס שום-שפּריץ!

דאָס הייסט אויף פּראָסטע לשון אַ קאַפּע און נישט מעהר.

הערר מאַריץ שעריל טרינקט דאַן דאָס טעפּעל קאַפּע מיט פייערליכע באַוועגונגען, ווי אַ טערקישער סולטאַן אין האַרעם.

אַ „וואונדערמאַן“ איז הער מאַריץ שעריל בלויז פאַר פרויען. דאָס הייסט, ער איז אַ בעל-מופת פאַר די שעהנע שיקסלאַך פון „פּראַטער“, וועלכע קומען צו איהם זיך „פּראַוועון“ און זיך אויסרעדען פאַר איהם זייערע שווערע הערצער.

איינע האָט אַוועקגעוואָרפען דעם חתן, ווייל עס געפעלט איהר אַן אַנדער חתן. אַ צווייטע האָט געכאַפּט פּעטש פון איהר חתן. אַ דריטע וויל הייראַטען גראַד מיט דעם חתן פון איהר פריינדין. בעט זי דעם הערר „וואונדערמאַן“, אַז ער זאָל באַווייזען אַ „וואונדער“, אַ מופת, הייסט עס, אַז איהר פריינדין זאָל גע'הרג'עט ווערען פון אַן אויטאָמאָביל. וואָס איז, קאַרג אויטאָמאָבילען פאָהרען דאָ, און קאַרג מענשען ווערען גע'הרג'עט.

אַ פערטע האָט עפּעס אַן עסק מיט דער פּאָליציי, ניט דאָ געדאַכט, האָט זי מורא פאַר אַן אומגליק, בעט זי אַ ברכה ביים „וואונדערמאַן“, אַז מען זאָל זי ניט כאַפּען.

אַ פינפטע בעט אַ ברכה, אַז איהרע פיינד זאָלען צופּלאַצען ווערען און גלאַט האָבען אַ מפּלה, און אַ. וו. א. וו.

און דער הערר „וואונדערמאַן“ ווינשעוועט אַז אַלע זיינע חסידות'טעס, וואָס קומען זיך צו איהם פּראַוועון. ער ווינשעוועט זיי אַן אַלדאָס גוטס, גיט זיי עצות, פאַרזיכערט זיי, אַז זייערע פיינד וועלען האָבען אַ מפּלה. און די חסידים־טעס זענען איבערצייגט, אַז דעם הער מאַריץ'עס ברכות ווערען מקוים, און אַז ער באַווייזט מופתים. און זיי וואָלטען פאַר זייער „וואונדערמאַן“ ניט געגונען אַ זאַק מיט באָרשט.

מאַנכעס מאָל באַווייזט דער הערר „וואונדערמאַן“ מאַריץ, זיינע וואונדער אויף אַ געהיימניספולער וויזע. ער פאַרשליסט זיך אין אַן עקסטרא צימער מיט אַ חסידה, מורמעלט עפּעס געהיימניספולע שפּרוכען מיט אויגען פאַרגלאָצטע צו דער סטעליע. מאַכט געהיימניספולע באַוועגונגען מיט די הענט און דער „מופת“ פּאַסירט.

פון דעם מאַכט ער אַ לעבען.

קיין גרויסער גביר איז דער הערר „וואונדערמאַן“ ניט. וואַרשיינליך עסט ער אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלע און טרינקט אַמאָל אַ גלאַז ביער אָדער אַ קאַפּע. קיין ראָטשילד איז ער זיכער ניט.

איצט האָט מיט דיזען „וואונדערמאַן“ הערר מאַריץ שעריל, פּאַסירט אַן עכטע ווינער געשיכטע, פון וועלכער אידען האָבען געהאַט גענוג צו רעדען, לאַכען, און מאַכען שפּאַס, און פון וועלכער דער הער „וואונדערמאַן“ אַליין איז, נעבעך, פאַראומגליקט געוואָרען און געמוזט געהן זיצען אין חד-גדיא (טורמע).

וואַרשיינליך האָט ער זיך אַליין ניט געקענט „אָנווינשעווען“ און באַווייזען אַ „מופת“.

צוערשט האָבען גענומען רעדען די ווייבער פון פּראַטער בסוד סודות:

— וויפיעל האָט ער באַקומען דער הערר וואונדערמאַן, קליינע (קינדער)?

— צוויי קליינע, האָב איך געהערט.

— וואָס זאָגען זי? איך האָבע געזעהן דאָס ער האָט דריי קליינע.

— ווי זאָ?

— איך זאָגע איהנען, פרוי פּאָלאַק, איך האָבע געהערט זאָגען דאָס ער בעקאָמען האָט 4 שטיק.

— אונד איך זאָגע איהנען, פרוי יעקעלעס, דאָס מיר האָט געזאָגט די פרוי פּימפּעריל, דאָס די פרוי צימערמאַן האָט איהר געזאָגט, דאָס...

הכלל, די ווייבער האָבען אַזוי לאַנג „געזאָגט“ ביז גאַנץ ווין האָט שוין געוואוסט, אַז דער „וואונדערמאַן“ הערר מאַריץ שעריל איז מיט מזל געוואָרען אַ טאַטע פון 6 קליינע קינדער.

— ווי אַזוי? — האָט מען געפרעגט.

— סטייטש, ווי זאָ? ווי איסט דען דאָס מעגליך? — האָבען געפרעגט די אידען אין די קאַפּע הייזער.

אַז בסך הכל האָט הער מאַריץ שעריל געפיהרט אַ גט פּראָצעס מיט זיין פרוי, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

אַ קדיש האָט ער געוואָלט נעביך האָבען, ווי דאָס לעבען. איז דער הערר מאַריץ שעריל, דער „וואונדערמאַן“, אַוועק פון זיין פרוי. אַ יאָהר צייט האָט ער געלעבט אָהן דער רביצין, הייסט עס. אָבער דאָס געריכט האָט ניט אָנערקענט זיינע רעכט. דער ריכטער האָט ניט געוואָלט געבען אַ גט און האָט פאַראורטיילט דעם „וואונדערמאַן“ צו געהן ווידער לעבען מיט זיין פרוי.

דיזער סאָרט אידען איז אַ מערקווירדיגער טיפּ אין ווין. זיי זיינען עכטע „דייטשען“ דערביי אָבער זיינען זיי אידען און אויך האַלבע גוים. מען קאָן פון זיי ניט דערגעהן אַ טאַלק.

דער „וואונדערמאַן“ הערר מאַריץ שעריל, צום ביישפּיל, איז פרום. ער דאַוונט און עסט ניט קיין טרפות, נאָר „עכט כשר“ שינקע (חזיר-פליש). ער היט אָפּ אַלע אידישע מנהגים און ימים טובים. אָבער אַז ער האָט גערעדט, אַז ער וועט זיך גט'ן מיט זיין פרוי, און וועט ווידער הייראַטען, האָט ער געזוכט אַ קריסטליכע כלה. ער האָט געוואָלט גט'ן זיין אידישע פרוי, ווייל זי האָט איהם ניט געבאָרען קיין קינדער, און האָט געזוכט קריסטליכע כלות, אום צו באַקומען אַ קריסטליכען קדיש, אַ שגצ'על, הייסט עס.

אַ מאָדנער טיפּ אידען. ווייסט זיי דער גוטער יאָהר!

די כלות האָט זיך דער הערר וואונדערמאַן אויסגעקליבען טאַקע פון די שיקסלאַך, זיינע חסידות'טעס. ער האָט זיי אַזוי לאַנג אָנגעווינשעוועט, ביז עס זיינען זיי מקוים געוואָרען זיינע ברכות.

גאַנצע זעקס כלות האָבען דעם הערר וואונדערמאַן מאַריץ שעריל געבראַכט אין שטוב אַריין זעקס קינדער. אַלע האָבען גע'טענה'ט, אַז דער הערר וואונדערמאַן האָט זיי פאַרשוואַכט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט זיך גט'ן מיט זיין פרוי, וועט ער מיט זיי הייראַטען.

וואָס האָט דער הערר שעריל געזאָלט טאָן מיט גאַנצע 6 קדישים, לויטער גוי'עשע שקצים'לאַך, אַז ער האָט אַליין ניט געהאַט צו עסען? האָט ער, דאָס הייסט, ער מיט זיין פרוי, אַרויסגעוואָרפען די 6 כלות מיט די 6 קדישים.

זיינען די כלות געגאַנגען און האָבען פאַרקלאָגט דעם הערר וואונדערמאַן אין געריכט. האָט מען איהם טאַקע, נעבאַך, אַרעסטירט אויף דער קלאַגע פון פאַרפיהרטע מיידלעך.

דער פּראָצעס איז געווען אַ קאָמעדיע מיט אַ טראַגעדיע צוזאַמען.

די קריסטליכע מיידלעך זיינען געקומען אין געריכט און צוויי פון זיי האָבען זאָגאַר מיטגעבראַכט זייערע פּיצעלע קינדער אויף די אָרעמס.

דער הערר „וואונדערמאַן“ מאַריץ שעריל איז געזעסען אויף דער אָנקלאַגע באַנק, ווי ער וואָלט געזעסען אין זיין קאַפּעהויז. ער האָט געגלעט די צוויי באַקען-בערדלעך און געווינשען דעם ריכטער, אַז דער הערר ריכטער זאָל קיינמאָל ניט געפּראָוועט ווערען מיט אַזאַ אומגליק.

— עס געהט יעצט ניט וועגען מיר, הערר שעריל, נאָר וועגען איהנען, — מאַכט דער ריכטער.

— יאַ, אָבער עס קען, גאָט בעהיטע, פּאַסירען יעדען מענש זאָ איין אונגליק.

— ענטפערט דער הערר שעריל מיט אַ זיפץ.

פאַרטיידיגט האָט ער זיך מיט דער טענה, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. ער דערקענט ניט די מיידלאַך. אמת, ער האָט געזוכט כלות, אַלע מאָל אַן אַנדערע. עס זיינען צו איהם געקומען זעהר פיעל מיידלעך פון פּראַטער. ווי זאָל ער זיי איצטער דערקענען?

זיי האָבען איהם אָנגעגעבען סימנים, אָבער דער הערר שעריל האָט זיי ניט געוואָלט גלויבען. זיי טשעפּען זיך צו איהם אומזיסט, האָט ער גע'טענה'ט. ווייל וואָרום מוז ער גראָד זיין דער פאָטער פון זייערע קינדער?

אַ גרויס געלעכטער האָט אַרויסגערופען איינע אַ ציגיינער מיידעל, וועלכע שפּילט אין אַ וואָדעוויל אין פּראַטער, און וועלכע איז אויך געקומען מיט אַ קינד אין געריכט. מאַרושקאַ איז געווען איהר נאָמען. זי האָט גע'טענה'ט, אַז דער הערר שעריל האָט איהר פאַרשפּראָכען צו הייראַטען מיט איהר, און אַז ער איז דער פאָטער פון איהר קינד.

צוערשט האָט הערר שעריל געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער.

— ווי זאָ, הערר ריכטער? — האָט ער געקייכט פון געלעכטער. — שויען זי, ביטע, דאָס קליינע. עס איסט דאָך שוואַרץ, איין ציגיינערכען, וועהרענד איך בין דאָך ראָטה (אַ רויטער) — האָט ער גע'טענה'ט.

דער ריכטער אָבער, האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט אין אַזוינע דעבאַטעס. דאָס געזעץ איז אויף דער זייט פון דער מוטער פון קינד און ניט אויף דער זייט פון דעם וואָס ווערט באַשולדיגט, אַז ער איז דער פאָטער, ווייל אַפּלייקענען קאָן דאָך יעדער איינער.

— זי זינד קיין מאָראַלישער מענש, הערר שעריל, — זאָגט דער ריכטער. — די מיידלעך וואָלטען זיך ניט אויסטראַכטען אַזאַ נאַרישע באַשולדיגונג פון קאָפּ. וואַרשיינליך איז עס אמת, וואָס די מיידלעך זאָגען, — ערקלעהרט דער ריכטער.

דער הערר שעריל זעהט, אַז ער האַלט שלעכט, צעוויינט ער זיך מיט ביטערע טרעהרען. ער ערקלערט, אַז ער איז יאָ אַ מאָראַלישער מענש. ער איז אַ „וואונדערמאַן“, זאָגט ער, און ער האָט קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטאָן. יעדענפאַלס, זאָגט ער, ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אויב עס איז זאָגאַר אמת'דיגע באַשולדיגונגען, האָט ער מיט די זעקס מיידלעך געפיהרט ליבעס ניט אָהן זייער ווילען און ניט אָהן זייער וויסען. וואָס זאָל ער טהאָן מיט 6 קינדער? אַז עס זענען גאָר ניט זיינע קינדער? ווי קאָן מען איהם באַווייזען, אַז די קינדער געהערען איהם? אַז ער איז דער פאָטער פון די קינדער?

די זעקס מיידלעך האָבען ווידער גע'טענה'ט זייערס. יעדע איינע האָט דערצעהלט דעם ריכטער אַלע איינצעלהייטען פון דער צייט ווען דער הערר „וואונדערמאַן“ האָט זיך צו איהר גע'שדכ'ענט און יעדע איינע האָט געדענקט, אַז דער הערר „וואונדערמאַן“ וועט מיט איהר הייראַטען און זי וועט ווערען אַ רביצין. וואָס האָט זי צו וואָס וויסען? אַבי אַ מאַן! אַבי הייראַטען!

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, דורך עדות-זאָגען, אַז דריי פון די מיידלעך טשעפּען זיך ווירקליך אומזיסט צו דעם „הערר“ שעריל. ער איז ניט דער פאָטער פון זייערע קינדער. די אַנדערע 3 אָבער האָבען געבראַכט באַווייזען און עדות, און דער הערר „וואונדערמאַן“ איז פון ריכטער אָנערקענט געוואָרען אַלס דער פאָטער פון זייערע קינדער.

— עס איסט ניכט וואָהר. עס איסט איינע ליגען! איינע פערלייםדונג! איין שקר-ובלבול, וואָס דיזע העקסען (מכשפות) האָבען אויסגעטראַכט אויף מיר! — האָט הערר שעריל גע'טענה'ט זייענס. דער געריכט האָט געשטורעמט מיט געלעכטער, ווי ביי אַ קאָמעדיע-פאָרשטעלונג אין טעאַטער.

דער סוף איז געווען, אַז דער הערר „וואונדערמאַן“ מאַריץ שעריל איז אָנערקענט געוואָרען אַלס דער פאָטער פון 3 גוי'שע קינדערלעך. מיט „קדישים“ איז ער אַלזאָ שוין באַזאָרגט. אַבי געזונט. ער איז פאַראורטיילט געוואָרען צו זיצען אין „חד-גדיא“, סיידען ער וועט טאָן אַ מופת און עס וועט זיך שפּאַלטען די סטעליע פון דער טורמע און ער וועט אַרויספליהען. טאָמער אָבער ניט, וועט ער זעהר שעהן זיצען זיינע זעקס מאָנאַטען. ווייטער איז ער פאַראורטיילט געוואָרען צו צאָהלען צו די מיידלעך אַלימאַני.

— איך ווערדע ניכט צאָהלען, — האָט ער געזאָגט צו די זשורנאַליסטען. — איך האַבע יאַ קיין געלד, מיינע העררען.

איהר מעגט איהם גלויבען, דעם „בעל מופת“. קיין ליגען זאָגט ער ניט.

ווינער אידען זיצען דאָ אין די קאַפע-הייזער און זיפצען, נעבאַך, אויף זיינע צרות:

— זאָ איין אונגליק איסט פּאַסירט דעם הערר שעריל.

— איין „וואונדערמאַן“ אונד האָט ניכט געצייגט קיין וואונדער.

— אַבגעהיטען זאָל מען גאָר ווערען פאַן „זאָלכענע זאַכען“.

— ניכט הערריינפאַלען זאָל מאַן אין די הענדע פאַן גוי'עטעס, גראָסער הערר גאָט אין הימעל! — בעטען זיי ביי גאָט מיט אַ פרומען זיפץ...

אַרטיקלען אין מאָרגענדיגען זונטאָג-„פאָרווערטס“

1) סטאַלין'ס גזירות אויף די דערפער האָבען אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די קאָלאָניעס פון סאָוועט-רוסלאַנד — פון **יעקב לעשטשינסקי**

2) די אידישע מאַמע און די קריסטליכע שנור — טיפּען פון אַן אַמעריקאַנער קליין שטעטעל — פון **ה. לאַנג**

3) דער חזיר און דער אינדיק (אַ שפּאַסיגע מעשה'לע) — פון **טונקעלער**

4) די באַדייטונג פון נעמען אין דער שפּראַך. — וואָס איז דער אונטערשיד צי אימיצער הייסט שמעריל אָדער טאַדרעס? — פון **דר. מאַקס ווייגרייך**

5) פיש זיינען מערקווירדיגע בריאות און זיי טוען אָפּ זעהר טשיקאַווע זאַכען — פון **א. גאָרזדער**

6) באַשיצען אינוועסטמענט טראַסטס די פאַר דאָלאַר וואָס מען געטרויט זיי? — פון **ד. קאַפּלאַן**

7) אַ וואָך אין האָמעל — טיפּען, בילדער, באַגעגענישען אויף אַ רייזע איבער אידישע שטעטלאַך אין סאָוועט רוסלאַנד — פון **ז. ווענדראָף**

8) די איצטיגע שווערע לאַגע אין עסטרייך — פון **ס. איוואַנאָוויטש**

9) וואָס ווערט דאָ פון די אונגעזעצליכע קינדער פון פאַראומגליקטע אידישע מיידלאַך? — פון **ב. באַלזאַם**

10) תל-אביב'ער האָרעפּאַשניקעס — פון **י. ד. בערקאָוויטש**

11) דריי טשיקאַווע זאַכען.

12) זיי קויפען אָפּ אַ גאַנצע „שאָו“ אויף בראָדוועי, אום צו געבען זייערע קאָסטומערס אַ „גוד-טאַים“ און צו טאָן ביזנעס אין דער זעלבער צייט — פון **ל. מאַלקעס**

13) קען די וויסענשאַפט פאָראויסזאָגען די צוקונפט? — פון **דר. מלך כמעלניצקי**

14) „גאָטרייסשאַפט“ (ערצעהלונג) — פון **יצחק בלום**

ליטעראַטור-פעידזש

1) נאָך אַמאָל וועגען דער ליטעראַרישער מלחמה, וואָס קומט איצט פאָר אין אַמעריקאַ — פון **הלל ראָגאָף**

2) אַ ראָמאַן וואָס האָט באַקומען אַ פּרייז פון דער ווינער סאָציאַליסטישער שטאָט-רעגירונג — פון **מאַסקוף**

3) פאַראַן אַ ליד אַזאַ — פון **דוד איינהאָרן**

4) ליטעראַרישע נייעס.

דאָס שטיף-קינד

אַזוי צי אַזוי, ליב האָט מען אונז סאַי ווי סאַי ניט

(געדאַנקען און באַטראַכטונגען)

פון דר. א. גינזבורג

עס איז געווען מיט אַ וואָך צוריק פרייטאג, — דער קריסטליכער „גוטער פרייטאג“. מיר איז אויסגעקומען צו פאָהרען אין אַ „קאַר“ (אַ „טראַמוואַי“, ווי מען רופט עס אויף אמת'ע אידיש)...

מיין שכן פון דער לינקער זייט איז געווען אַ קריסטליכער יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג. ער האָט געהאַלטען אַ בוך אין האַנט און האָט איהם געלייענט זעהר אויפמערקזאַם, געווען איינגאַנצען פאַרטיפט אין איהם.

האָט עס מיר פאַראינטערעסירט. וואָס לייענט ער? גאַנץ אָפט זעהט איהר ווי יונגע מיידלעך, וואָס זיצען אָדער שטעהען אין קאַר, קוקען אַריין אין ביכלעך. געוועהנליך זיינען דאָס שונד-ראָמאַנען אָדער געשלעכטליך-רייצענדע דערצעהלונגען. מענער לייענען זעלטען ביכער, ווען זיי פאָהרען אין קאַר. וואָס אַלזאָ לייענט ער?

איך האָב פון אַ זייט אַריינגעקוקט. ער לייענט דעם עוואַנגעליום; ער לייענט לוקס, קאַפּיטעל דריי און צוואַנציג. לוקס קאַפּיטעל דריי און צוואַנציג איז מיר באַקאַנט. דאָרטען ווערט דערצעהלט די מעשה פון יעזוס'עס מאַרטערעריי און טוידט. און דערצעהלט ווערט דאָרטען די מעשה מיט פאַרביטערטקייט און שנאה. די גאַנצע שולד ווערט געוואָרפען אויף די אידען. פּילאַטוס, דער רוימישער „האַי-קאָמישאַנער“, איז איינגאַנצען אומשולדיג. ער איז אַ צדיק-תמים. ער האָט געוואָלט באַפרייען יעזוס'ן, נאָר די אידען האָבען ניט דערלאָזען.

און ווען דער יונגערמאַן האָט געענדיגט לייענען די מעשה וועגען יעזוס'עס טוידט, ווי זי ווערט דערצעהלט אין לוקס, האָט ער אָנגעפאַנגען צו בלעטערען דעם עוואַנגעליום און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יוחנן קאַפּיטעל אַכצעהן און נייַנצעהן.

יוחנן קאַפּיטעל אַכצעהן און נייַנצעהן — ווידער די מעשה וועגען יעזוס'עס מאַרטירעריי און טוידט, כאָטש עטוואָס אַנדערש דערצעהלט. די ביידע מעשיות זיינען ניט מסכים אין פאַרשידענע פּרטים, אָבער ביידע גלייך זיינען פול מיט שנאה צו די אידען, און ביידע גלייך זוכען איינגאַנצען ריינצוואַשען דעם אמת-שולדיגען, — פּילאַטוס'ן.

איך האָב געטראַכט, ווען איך וואָלט געווען אַ פרומער און גלויביגער קריסט, — ווי וואָלט איך געפיהלט צו די אידען, לייענענדיג די זעלבע מעשה יאָהר איין יאָהר אויס פון קינדהייט אָן ביז'ן גרויען עלטער? וואָלט איך ניט געוואָרען קיין שונא פון דעם אידישען פאָלק?

און עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען די ביטערע שנאה פון דער קריסטליכער וועלט צו די אידען, וואָס ציהט זיך שוין אַזוי פיל יאָהרהונדערטע. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען די אַלע שרעקליכע גזירות און רדיפות אויף די אידען אין מיטעל-אַלטער, די אַלע שרעקליכע בלבולים. עס זיינען פאַר מיר קלאָר געוואָרען די „קרייץ-צוגע“, די אינקוויזיציע, דער בלוט-בלבול, דער בלבול פון די פאַר'סמ'טע ברונעמער און נאָך און נאָך.

אמת, די מעשה איז היסטאָריש ניט ריכטיג. וואָרים אויב עס האָט אירגענדוואַן געלעבט אַ יעזוס און אויב ער האָט געלעבט אין דער צייט פון פּילאַטוס'ן, האָבען אפילו די דאַמאָלסטיגע אידען (ניט ריידענדיג פון די איצטיגע אידען) ניט געקענט זיין שולדיג אין זיין מאַרטירעריי און טוידט. ווייל די אידען האָבען צו יענער צייט פשוט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַראורטיילען אַ מענשען צום טוידט. דער דאַמאַלדיגער אידישער „סנהדרין“ האָט געהאַט פונקט אַזוי וועניג רעכט אויף „דיני נפשות“, צו פאַראורטיילען אַ מענשען צום טוידט, ווי דאָס האָט איצטער דער בית-דין פון הרב קוק. ארץ-ישראל איז דאַמאַלט געווען אַ רוימישע פּראָווינץ, פונקט ווי זי איז איצטער אַן ענגלישע קאָלאָניע... און בנוגע טוידט-שטראָף האָט אין ארץ-ישראל דאַמאַלט געהערשט דער רוימישער געזעץ, פונקט ווי עס הערשט דאָרטען איצטער דער ענגלישער געזעץ, — דער ענגלישער געזעץ, ווי ער ווערט דורכגעפיהרט אין די ענגלישע קאָלאָניעס...

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס יעזוס זאָל האָבען הינגעריכטעט געוואָרען דורך קרייציגונג, — שוין דאָס אַליין איז גענוג צו באַווייזען, אַז די אידען האָבען מיט זיין טוידט קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט. ביי אידען איז אַזאַ מין הינריכטונג, אַזאַ מין טוידט-שטראָף קיינמאָל ניט געווען.

די אידען זיינען ניט שולדיג אין יעזוס'עס טוידט. די מעשיות וועגען יעזוס'עס טוידט און מאַרטירעריי, ווי זיי ווערען דערצעהלט אין די עוואַנגעליומס, זיינען היסטאָריש ניט ריכטיג. זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרען שפּעטער, ווען דער ריס צווישען אידען און קריסטען איז שוין געוואָרען גרויס און ווען ביידע צדדים האָבען איהם, דעם ריס, געזוכט צו מאַכען אַלץ גרעסער.

אָבער היסטאָריש ריכטיג אָדער ניט, דער פרומער און גלויביגער קריסט גלויבט מעהר אין די בבא-מעשיות פון עוואַנגעליום ווי אין אַלע היסטאָריעס צוזאַמענגענומען... פאַר איהם זיינען זיי מעהר ווי היסטאָריע. זיי זיינען אַ „ענטפּלעקונג“, געשריבען מיט דער הילף פון רוח-הקודש. אַלץ וואָס עס שטעהט דאָרטען מוז זיין קודש-קדשים. אפילו זייערע ווידערשפּרעכונגען, זייערע סתירות זיינען סודות און „רזי דרזין“....

* * *

איך האָב זיך געטרייסט: די מענשהייט פּראָגרעסירט. רעליגיע וועט ווערשיינליך קיינמאָל ניט פאַרשווינדען. מענשען וועלען שטענדיג זיין רעליגיעז, כל זמן זיי וועלען פיהלען זייער שוואַכקייט און זייער אונבאַהאָלפענקייט אין דער גרויסער אומענדליכקייט. אָבער זי, די רעליגיע, וועט אָננעמען אַנדערע און נייערע פאָרמען, וואָס וועלען זיך בעסער צופּאַסען צו די נייע באַגריפען. עס וועט קומען אַ צייט, אויב ניט באַלד, איז שפּעטער, ווען מענשען וועלען אויפהערען פיינט צו האָבען איינע די אַנדערע צוליב אַלטע זאַבאַבאָנעס, צוליב אומהיסטאָרישע, דורכאויס פאַלשע בבא-מעשיות. והא ראיה, האָב איך זיך געטראַכט, צווישען די „היינט-וועלטיגע“, צווישען די ניט-גלויביגע, אידען און קריסטען, איז מעהר ניטאָ די פאַרביסענע שנאה, וואָס הערשט צווישען די פרום גלויביגע.

איז מיר באַשערט געווען זיך צו ענטוישען אין מיין לעצטען „והא-ראיה“.

— די ראיה איז קיין ראיה ניט. די ניט-גלויביגע האָבען אונז פונקט אַזוי וועניג ליב ווי די גלויביגע, כאָטש די אורזאַכען זיינען אַנדערע.

טאַקע אין דעם זעלבען אָבענד איז מיר אַריינגעפאַלען אין האַנט אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען אָדער „עסייען“, געשריבען פון דעם יונגען זעהר טאַלאַנטפולען ענגלישען שרייבער אַ ל ד אָ ו ס ה אַ ק ס ל י. דער נאָמען פון דער זאַמלונג איז „דו וואַט יו וויל“, און דער ערשטער אַרטיקעל הייסט: „דער איינער און די פילע“.

די טעמע איז אַ גאַנץ אומשולדיגע. ער רעדט דאָרטען וועגען מאָנאָטעאיזם, איין-געטהייט, פּאָליטעאיזם, פיל-געטעריי... דער אַרטיקעל איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער. ער זאָגט דאָרטען אַרויס גאַנץ פיינע געדאַנקען, אָבער דאָרטען געפינט זיך אַ רעכט ביסעל פיינטשאַפט צום אידישען פאָלק, וואָס האָט „אויסגעטראַכט“ דעם מאָנאָטעאיזם און האָט איהם, דעם מאָנאָטעאיזם, אַרויפגעצוואונגען אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט... דערצו האָבען זיי, אַלץ די אידען, אַרויפגעצוואונגען אויף אייראָפּאַ זייער מאָראַל, וואָס האָט געפיהרט צו אַ פאַרלייקענונג פון דער איינציגער וועלט וואָס איז פאַר אונז מענשען פאַראַנען, וואָס האָט פון אַלע וועלטליכע פאַרגעניגענס און תענוגים געמאַכט אַ זינד און אַ פאַרברעך.

די טענות זיינען די זעלביגע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער דייטשער אַנטיסעמיטישער גענעראַל ל ו ד ע נ ד אָ ר ף האָט געהאַט געגען די אידען. יעזוס איז ניט מעהר ווי אַ פאַסקודנער אידליק. יעזוס'עס תורה איז די זעלבע פאַסקודנע אידישע תורה. פאַר דייטשען, פאַר דער גרויסער טעוטאָנישער ראַסע, פּאַסט ניט אַזאַ תורה. די דייטשען דאַרפען זיך צוריקקעהרען צו זייערע אַלטע נאַציאָנאַלע געטער, צו די וואָטאַנס און די אַנדערע ווי זיי הייסען דאָרטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז האַקסלי איז ניט לודענדאָרף. ער איז פריהער פאַר אַלץ ניט קיין סאָלדאַט, און זיינע מאַניערען און טענות זיינען ניט ווי פון אַ סאָלדאַט. אין איהם, אין האַקסלי'ן, האָט זיך דערוועקט דער אַלטער מענש, דער הידענישער מענש, וואָס האָט ליב דעם לעבען און האָט פיינט אַלץ וואָס שטערט דאָס פרייע לעבען און דעם גענוס פון לעבען. דער גענוס פון לעבען, די תענוגים פון עולם-הזה, איז פאַר איהם דאָס וויכטיגסטע. ער האָט פיינט דעם אידישען פאָלק און דעם אידענטום, ווייל זיי האָבען, דורך יעזוס'ן און דורך דעם קריסטענטום, אַרויפגעצוואונגען אויף דער וועלט זייער ענג-מוסר'דיגען מאָנאָטעאיזם און זייער ענג-הערציגע מאָראַל.

האַקסלי זעהט איבעראַל דעם אידענטום, און שטענדיג און איבעראַל שטעהט ער איהם אויף דעם וועג צו לעבען, אין וועג פון גענוס. „וואָס עמוס האָט געזאָגט אַ פיל יאָהרהונדערטע צוריק, דאָס זאָגען איצטער גאַנדהי און די טאָלסטאָיאַנער. די קאָמוניסטען זיינען די מאָדערנע עביאָניטען (אביונים). און די דאָזיגע עהנליכקייט צווישען דעם אַלטען און דעם נייעם איז ניט קיין צופאַל. ווען ניט די ביבעל, וואָלט טאָלסטאָי ניט געקומען צו זיינע געדאַנקען, און לענין איז געווען אַ תלמיד פון יענעם אַלטמאָדישען אידישען נביא, פאַרקליידעט אין מאָדערנע וויסענשאַפטליכע קליידער, — פון קאַרל מאַרקס'ן (ז. 18).

אַ כלל, „די גאַנצע מענשהייט ווערט פאַראידישט“ (ז. 19).

האָט ער, האַקסלי, ניט ליב די אידען מיט זייער מאָנאָטעאיזם און מיט זייער מאָראַל. זיי האָבען פשוט אומגליקליך געמאַכט די וועלט.

דאָ זאָל אָבער גלייך באַמערקט ווערען, אַז ווען איהר לייענט האַקסלי'ן געפינט איהר זיך ניט באַליידיגט. ער איז ניט אויבערפלעכליך און איז אויך ניט אַזוי גראָב, ווי דאָס איז, למשל, מענקען, וועלכער האָט אַגב אַ רעכט ביסעל פון זיינע „זאַנגעבצען“ געבאָרגט פון האַקסלי'ן. דער חילוק באַשטעהט אין דעם, וואָס ביי האַקסלי'ן זיינען ווערטער גאַנץ עדעלע אינסטרומענטען אויסצודריקען געדאַנקען, ניט פּאַטשערקעס זיך מיט זיי צו שפּילען, ווי זיי זיינען ביי מענקען'ען. האַקסלי וועט ניט געברויכען קיין שאַרפען וואָרט בלויז דערפאַר וואָס ער איז שאַרף. ער איז פאַרזיכטיג מיט זיינע ווערטער.

ביי האַקסלי'ן איז עס אַ קאַמף פון איין „וועלט-אַנשויאונג“, פון איין לעבענס-פילאָזאָפיע, געגען דער צווייטער. עס איז דער אַלטער קאַמף צווישען דעם „אידענטום“ און דעם „העלעניזם“, צווישען ירושלים און אַטהען. רעדענדיג וועגען גאַנדהי, טאָלסטאָי, קאַרל מאַרקס און לענין, זאָגט ער: „די העלעניסטישע שטאָט האָט אין די דאָזיגע אידיש-אינספּירירטע פיהרער און זייערע נאָכפאָלגער געפונען איהרע ביטערסטע שונאים“.

* * *

וויל איך זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין קיין ויכוחים מיט האַקסלי'ן. עס איז אָבער אינטערעסאַנט, וואָס וועהרענד די פרומע קריסטליכע וועלט האָט אונז ניט ליב פאַרוואָס מיר האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען יעזוס'ן, האָט די ניט-גלויביגע קריסטליכע וועלט אונז ניט ליב פאַרוואָס מיר האָבען איבערהויפּט אַרויסגעגעבען אַ יעזוס'ן...

אַזוי צי אַזוי, ליב האָט מען אונז סאַי ווי סאַי ניט.

אונזער וויצען-יאַריד

אַ גוטע עצה:

טויבער (צום לענדלאָרד): — וואָס מאַכט איהר?

לענדלאָרד: — איך האָב טראָבעל מיט די גאַז אין מאַגען.

טויבער: — פיקסט מען אין „עלעקטריק“.

דזשאָו גודמאַן.

צווישען ביזנעסלייט

ערשטער: — ווען וועלען מיר דאָך אָנפאַנגען צו האַנדלען עהרליך?

צווייטער: — איך האָב פיינט עקספּערימענטען.

דזשייקאָב דער גאָלדשמיט.

צווישען פריינדינס:

מיסעס סטיין: — פאַרוואָס האָסטו זיך צוקריגט מיט'ן דאָקטאָר?

מיסעס פיין: — וואָס רעדסטו? — אין מיטען רעדען הייסט ער מיך ווייזען איהם מיין צונג.

אַב. דרייער.

מאסקווע
ראמאן
פון שלום אש

דער משפט איבער די באל־שעוויקעס.

שפעטער אבער האט שוין געהערשט אין ביליארד — זאל אזא באלעבטע און אויפגעלעבטע שטימונג, אז עס האט זיך אויסגעדראכט, אז די מענשען דא זיינען נישט צונויפגעטריבען געווארען צופעליג דורך א נויט, נאר עס זיינען זיך פרייוויליג צוזאמענגעקומען אויף א ראט מענשען, וואס באלאנגען צו איין געזעלשאפט, נאר זיינען אנגעטאן אין ניט פאסיגע קליידער.

דער רוסישער נאציאנאלער כאראקטער און נאך מעהר דאס גלעזעלע רוסישע „וואדקע" האט באלד ברידערליך צוזאמענגעבונדען די פארשיידענארטיגע מענשען, אז עס האט זיך אויסגעדראכט, אז מען קען זיך שוין פון לאנג. נישט נאר פרויען, נאר מענער האבען זיך געהאלטען אין קושען, אין איין שליסען פריינדשאפט, אין איין קלאפען זיך אויף די פלייצעס.

ס'פארשטעהט זיך, אז צוזאמענגעגליהט אלעמען האט דער גרויסער ערנסט פון דעם מאמענט, דאס פאטריאטישע געפיהל, — די ליבע צו רוסלאנד און די שנאה צום אלגעמיינעם שונא, וואס וויל מיט דייטשיש געלד דערשטיקען די דערגרייכונגען פון דער רעוואלוציע.

עס איז אנגעגאנגען א זעהר באלעבטע, הייסע דיסקוסיע, איבער די צילען פון די באלשעוויקעס.

קיינער, פארשטעהט זיך, האט נישט געגלויבט, אז זיי מיינען טאקע ערנסט צו פארכאפען די מאכט, וועלכע זיי קענען דאך, פארשטעהט זיך, נישט האלטען. טייל האבען ערקלערט, אז עס איז נאר א וואהל־מאנעווער מצד די באלשעוויקעס, כדי צו געווינען וואס מעהר מיטגלידער צו די פארשטעהענדיגע וואהלען פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער רוסישער רעפובליק.

עס האט גערעדט א יונגערמאן אין א סטודענטישען היטעל, וואס ער האט געטראגען אויף'ן קאפ, — כאטש די מענער זיינען אלע געווען מיט אנטבלויזטע קעפ. דערביי זיינען זיין עלטער, זיין פיגור און די איבעריגע קליידונג זיינע געווען מעהר פון אן ערפאלגרייכען סוחר, איידער פון אן ארימען סטודענט. ער האט געהאלטען אין איין רעדען הויך אויף'ן קול, אז אלע זאלען הערען אז ער האט זיך נאר וואס צוריקגעקעהרט פון סיביר, פון וואנען די רוסישע רעוואלוציע האט איהם באפרייט. און האט מורא, ער זאל ווידער נישט אריינפאלען אין סיביר צוליב די באלשעוויקעס. שוין גענוג סיביר! — האט ער אויסגעשריען. — ער וויל שוין נישט מעהר קיין סיביר.

א צווייטער יונגערמאן האט זיך גענומען די אויטאריטעט צו ערקלעהרען אין נאמען פון צ. ק. פון די „עסערען". אז זיי, די סאציאל־רעוואלוציאנערען, מאכען נישט מיט די דאזיגע אוואנטורע. ער איז געגאנגען דעם איצטיגען ארויסטריט און שטעלט זיך אויף דער זייט פון דער פראוויזארישער רעגירונג. דערצו האט ער פארזיכערט מיט אן אויטאריטעטישער וויכטיגקייט, אז די גאנצע אוואנטורע וועט היינט נאך ווערען ליקווידירט אהן א טראפען בלוט ביים צווייטען צוזאמענפאהר פון'ם אלרוסישען סאוויעט, וואס קומט פאר אין פעטראגראד.

עס האט זיך אנגעהויבען צווישען איהם מיט נאך א יונגענמאן א ויכוח וועגען שטעלונג פון מארטאוו'ס גרופע, און דאס האט זיי זעהר צוהיצט. אזוי אז די בכבוד'ע רוסישע לייט, און סתם רוסען, וואס זיינען געשטאנען דערביי, האבען זיך דורכגעוואונקען מיט בליקען און איינגערוימט זיך אין די אויערן, אז די גאנצע תהונה איז ארויסגעקומען צוליב דעם, וואס די צוויי זשידעס, טראצקי און מארטאוו, האבען זיך ניט געקענט איינטיילען מיט דער רוסישער מלוכה. כאטש הויך האבען זיי עס מורא געהאט צו זאגען, ווייל דאס ווארט „זשיד" איז צייט דער רוסישער רעוואלוציע ארויס פון דער מאדע.

פארשטעהט זיך, אז די אלגעמיינע ערלייכטערטע שטימונג פון דער פארזאמלונג האט געווירקט גוט אויפ'ן געמיט פון אונזער אדוואקאט. עס האט צוריק אויפגעלעבט זיין ענערגיע, און זיין געזעלשאפטליכער חוש האט איהם מיטאמאל געגעבען א שטופ צו טאן מעשים. ער האט זיך געפונען אין זיין עלעמענט און האט זיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער. נאך די שטימונגען פון דעם מאמענט האט ער באלד זיך גענומען ארגאניזירען די „באלאגאנונג", ווי ער האט אנגערופען דאס געצוואונגענע צוזאמען־זיין אין ביליארד זאל.

ער האט זיך באלד גענומען פארוואנדלען די צופעליגע צוזאמענקונפט פון מענשען אין א „געזעלשאפטליכען קערפער", ווי ער האט ליב געהאט זיך אויסצודריקען, — אין „א געזעלשאפטליכען קערפער מיט פיל פונקציאנירענדיגע גלידער". ער מיט נאך א קאלעגע, דעם רוסישען אדוואקאט סמירנאוו, וואס האט באלאנגט צו מיליוקאוו'ס גרופע, — האבען באלד באשאפען א „פארטיידיגונגס־קאמיטעט", וואס קיינער האט אייגענטליך נישט געוואוסט אין וואס עס וועט באשטעהן זיין טעטיגקייט, אז אויף'ן פלאץ פאר'ן האטעל, וואו עס איז אנגעגאנגען די שיסעריי צווישען די באלשעוויקעס און דער ארטיגער מיליץ. — האבען זיי נישט געהאט בדעה ארויסצוגעהן, און דער קאמאנדיר, פאלקאווניק מארקאוו, וואס האט פארטיידיגט דעם טעאטער פלאץ, וואלט זיי נישט ארויסגעלאזט. דער קאמיטעט אבער האט עקזיסטירט, און האט ווערבירט וואלונטירען צווישען דער געצוואונגענער געזעלשאפט. ער האט אפילו באשאפען א סאניטאר קאמיסיע, א איינציגע דאמען, ספעציעל די אינגערע און שעהנערע. האבען אנגעהויבען צו באנוצען אלס קאפ־באקליידונג „שוועסטער־טיכלאך", וואס זיי האבען זיך מיט ווייבערישער געשיקטקייט אויף געשווינד צונויפגעשטעלט אויף'ן היימישען אופן. שוין אפגערעדט פון א „רויטען קרייץ", אין וועלכען עס זיינען געווען פארפליכטעט אריינצוטרעטען אלע עלטערע מאנספארשוינען אזוי, אז עס האבען זיך באלד אין דער פארזאמלונג באוויזען לייט מיט בענדער איבער די ארעמס און מיט אפצייכענונגען פון די טיילען, צו וועלכע זיי באלאנגען. און צווישען די דאמען האט מען געזעהן שוועסטער־הייבלאך, וואס די אינגערע האט עס נאך שעהנער געמאכט און די עלטערע — נאך מיאוס'ער.

נאר אזוי ווי עס איז דורכגעגאנגען א שטיקעל צייט, און די קאמיטעטען זיינען געבליבען אהן טעטיגקייט, און

אזוי ווי דער אדוואקאט סאלאמאן אסיפאוויטש איז געווען א מענש, וואס האט נישט געקענט זיצען רוהיג, איז ער געקומען אויף דער גליקליכער אידעע: צו ארגאניזירען אן עפענטליכען משפט איבער די באלשעוויקעס, וואס זאל ארויסברענגען די נידערטרעכטיגקייט פון זייערע מעשים פאר דער עפענטליכקייט און אפשטעמפלען זייער טרויעריגע ראל אין דער רוסישער געשיכטע. עס האט אבער געפעהלט א פארטיידיגער פון די באלשעוויקעס, וועלכען עס איז ביי דעם דאזיגען עולם, פארשטעהט זיך, געווען שווער אויסצוזוכען.

עס האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזען, אז די גאנצע מעשה איז געווען איבעריג. די שטאטישע מיליץ מיט די פרייוויליגע אפיצירען האבען פאריאגט דעם חבר גאלאנקא, וואס איז ארומגעגאנגען מיט רויטע גוואַרדיסטען איבער די בורזשואזע רעדאקציעס און צושלאגען די טיפאגראפיעס. מען האט זיי צוריקגעטריבען אין „גובערנאטארישען הויז" אריין, וואו זיי האבען זיך אויפגעהאלטען. כאטש דא און דארט זיינען נאך אנגעגאנגען אויף די גאסען איינצעלנע קאמפען, אבער אויפ'ן טעאטער־פלאץ, פאר'ן האטעל „מעטראפאל", איז שוין געווען רוהיג.

דער פארוואלטער פון האטעל האט ערלויבט די געסט צוריקצוגעהן אין זייערע צימערען, כאטש אויף דער גאס האט די מיליץ נישט ארויסגעלאזט, ווייל די גאסען זיינען נישט געווען זיכער, און עס זיינען נאך אנגעגאנגען איינצעלנע שיסערייען. א געוויסער עלעמענט, די עלטערע און רוהיגערע, האט זיך געהעריג געפרעהט מיט דער בארוהיגענדיגער ידיעה, און פון איהר אויך געצויגען נוצען. די מעהר קאמפף־לוסטיגע, די אינגערע, האבען זיך נישט געאיילט צוריקצוציהען זיך אין זייערע צימערען. מען קען אפילו זאגען, אז אינערליך האבען זיי געהאט אביסעל פארדרוס, וואס די גאנצע אויפרעגענדיגע מעשה איז עפעס אזוי שטיל אפגעלאפען, און אלץ איז שוין פארביי.

זיי האבען ערווארט עמאציאנעלע אויפטרייסלונגען, און דאס בשותפות'דיגע געזעלשאפטליכע לעבען, וואס האט זיך אנגעהויבען אזוי אינטערעסאנט איינשטעלען אין דעם ביליארד־זאל, איז זיי געפעלען געווארען, און זיי האבען עס נישט געוואלט אזוי גיך אויפגעבען. איז טאקע דער גרעסטער טייל פונ'ם עולם איבערגעבליבען ווייטער אינ'ם ביליארד־זאל, און די בופעטען. סאי־ווי־סאי איז נישט געווען וואס צו טאן. אויף דער גאס האט מען נישט געקענט ארויסגעהן.

עס איז אבער אינגאנצען צורונען געווארען דער בשותפות'דיגער, ברידערליכער גייסט, וואס דאס געצוואונגענע צוזאמענלעבען, די אלגעמיינע געפאהר האט ארויסגערופען צווישען די איינצעלנע. יעדער איינער האט שוין געהאט צוריקגעקראגען זיינע אינדיווידועלע חשיבות, און א געוויסע קאלטקייט, א אונגלייכהייט האט ווידער אנגעהויבען צו הערשען, כאטש דער עולם איז, — ווי שוין געזאגט, — ווייטער איבערגעבליבען פרייוויליג אין ביליארד־זאל, און מען האט דארטען געגעסען מיטאג. צוליב די הייסע דיסקוסיעס, וואס האבען זיך דארט ענטוויקעלט, איז דער זאל באלד פארוואנדעלט געווארען אין א מין א קלוב.

דער מעהר צוריקגעהאלטענער עולם, די רייכע גוט־באזיצער, די געוועזענע הויכע בעאמטע, די לעב־וועלט, — די שעהנע דאמעטשקעס מיט זייערע פילע באגלייטער, וואס האבען זיך אין דעם ערשטען אויגענבליק אזוי געהאט פארלארען, האבען איצט ביי דער בארוהיגונג ווידער צוריקגעקראגען זייער דזשענטעלמענישע קאלטקייט. זיי האבען זיך אפגעזונדערט פון אלע מינים פארדעכטיגע עלעמענטען. אזוי ווי עס איז אבער ניט געווען וואס צו טאן, — אויף דער גאס האט מען נישט געקענט ארויס, און אין די צימערען צוריק האט זיך נישט געגלוסט, — האט מען זיך פארקליבען

אין די „סעפאראטקעס", כדי אין זיי צו „באגיסען" די באלאגערונג מיט שאמפאניער און קאניאקען.

איבער אלע זאלען האבען זיך שוין געטראגען דאס פארשטיקטע לאכען, די ווייבערישע אויפפלאמענדיגע קולות און מענערישע שכור'ע שטימען פון די סעפאראטע צימערען. אלע זיינען געווען צופרידען. נאך קיינמאל האט די דינערשאפט נישט באקומען אזא ברייט־הענדיג טרינק־געלד; קיינמאל האט דאס הויז נאך נישט געמאכט אזעלכע גוטע געשעפטען, ווי יענעם טאג. און קיינמאל איז דער פארוואלטער נאך נישט געווען אזוי צופרידען פון דער גוטער שטימונג, וואס הערשט צווישען זיינע געסט, ווי אין יענעם געדענקליכען טאג, מיטוואך, דעם פינף און צוואנציגסטען אקטאבער אלטען סטיל, אין מאסקווע.

נישט ווייניג האט געהאלפען אריינברענגען די בארוהיגענדיגע און פרעהליכע שטימונג צווישען עולם דער זעלטענער גאסט, וואס מען האט גערופען „מישקא מאלאדיעץ", אדער מישקא „קאמבינאטאר", דער יונגערמאן מיט'ן בלייכען פנים און אויסערגעוועהנליך עלעגאנטע קליידונג.

דאס הויז איז געווען אפגעשניטען פון דער וועלט. דער פלאץ איז געווארען באזעצט פון אפיצירען פון ארטיגען גארניזאן, וואס דער שטאט גאלאווא האט געשיקט, כדי צו פארהיטען דעם צוגאנג צו דער שטאט־דומע. מען האט נישט ארויסגעלאזט און נישט אריינגעלאזט אין האטעל, אבער ער, מישקא, האט געוואוסט אלץ, וואס טוט זיך אין שטאט, וועלכע סטראטעגישע פונקטען די באלשעוויקעס האבען שוין באזעצט, און פון וועלכע מען האט זיי פארטריבען, וועלכע אינסטיטוציעס עס געפינען זיך אין די הענד פון דער שטאט־דומע און וועלכע עס זיינען געווארען פארכאפט פון די „רויטע".

ער האט געוואוסט וועגען די שלאכטען, וואס געהען אן אויף די גאסען פון שעה צו שעה. און נישט נאר האט ער געוואוסט, וואס עס טוט זיך אין מאסקווע, נאר ווי ער וואלט עפעס געווען פארמאגט אן אייגענעם, געהיימען ראדיא, אדער באקומען די ידיעות דורך א אנדערען, א מיסטישען וועג, ווי ער וואלט עס פון ווינד געשעפט, האט ער געוואוסט, וואס עס טוט זיך אין דער הויפט־שטאט, אויף דער פראווינץ, ווי עס פארהאלט זיך דער פראנט צו די געשעהענישען, ווי עס ארבייטען די באנען, וואס פאר א טייל פון דער געזעלשאפט וואס פאר סאציאלע גרופירונגען עס זיינען צוגעשטאנען צו זיי, אדער זיינען פון זיי אפגעפאלען.

אלע האבען זיך געוואונדערט, פון וואנען מישקא נעמט די דאזיגע נייעס. אלע האבען געצווייפעלט אין זייער ריכטיגקייט. נאר דאך האבען זיך אלע צוגעהערט צו זיינע אינפארמאציעס. ער פלעגט ארומגעהן און לאזען פאלען ווערטער:

„די פראוויזארישע רעגירונג איינגעשלאסען אין ווינטער־פאלאץ". „באטשקאריאווא'ס ווייבערשער באטאליאן פארטיידיגט דעם ווינטער־פאלאץ". „פונ'ם פראנט איז אפגעגאנגען א דיוויזיע קאזאקען אויף'ן וועג קיין ארשע..."

געוועהנליך פלעגט מען זאגען: „אהא, מישקא קאמבינירט". אבער דאך האט יעדער געלעכצט נאך אביסעל נייעס. דארט, וואו עס איז ניטא קיין פרישער קוואל, באנוצט מען זיך אויך מיט א נישט־ריינעם. און מישקא'ס אינפארמאציעס זיינען נישט נאר ארומגעגאנגען פון אויער צו אויער, נאר באלד איז ער געווארען דער צענטער, צו וועלכען אלע האבען זיך געווענדט.

— מישקא, וואס הערט זיך? — און מישקא פארלייגט זיך די הענד און קוקט אויף זיינע געפלעגטע נעגעל, אזוי ווי זיי וואלטען געווען זיין ראדיא אפאראט, צו וועלכען ער הערט זיך צו. און ער ווארפט ארויס א שטיקעל נייעס, וואס די אויסגעהונגערטע מענשען האבען באלד איינגעשלונגען און עס צוטראגען איבער'ן זאל.

דעם טאג און א גאנצען פארנאכט האט מישקא'ס „ראדיא" געהאלטען אין איין פארשפרייטען בארוהיגענדיגע און פרעהליכע ידיעות: „דער שטאט־גאלאווא פאררופט אויף מארגען אן אויסערגעוועהנליכע פארזאמלונג פון אלע רעכט־דענקענדיגע עלעמענטען". „דער שטאט־גאלאווא האט ארויסגעשיקט טעלעגראמעס צו אלע „דומעס" פון די ארומיגע שטעט, אז זיי זאלען שיקען פארשטארקונג צו פארטיידיגען דאס „מאמעלע רוסלאנד". און זיי זיינען שוין אויף'ן וועג". „די פראווינץ האלט זיך אויסערגעוועהנליך גוט. אומעטום ווערען גערופען פראטעסט־פארזאמלונגען געגען די „דייטשע שפיאנען", און עס ווערען ארויסגעטראגען געהעריגע פארדאמונגס־רעזאלוציעס". „דער ווינטער־פאלאץ איז נאך נישט גענומען, און פון פראנט געהען עשאלאנען מיט קאזאקען, וואס קערענסקי האט ארויסגערופען". „זיי זיינען אייזען־פעסט פאר די פראוויזארישער רעגירונג". „טשערנאוו געפינט זיך אין מאהילעוו, וואו ער אדרעסירט די סאלדאטען פון פראנט און קלעהרט זיי אויף וועגען די ריכטיגע טענדענצען פון די באלשעוויקעס, אז דאס אלץ ווערט געמאכט פאר דייטש געלד, כדי צו קאמפראמעטירען די רעוואלוציע". „מען ערווארט די ליקווידאציע פון דער אוואנטורע נאך דורך דער היינטיגער נאכט".

אזוי ווי די נייעסען, וואס מישקא האט פארשפרייט, זיינען געווען גוטע און אנגענעהמע צו הערען, איז ער באלד געווארען נישט נאר א אנגענעהמער מענש, נאר מען קען זאגען, דער ליבלינג פון אלע דאמען און א געפעהרליכער קאנקורענט פאר די אינגערע הערען.

„דער סימפאטישער מישקא", — האט מען זיין נאמען מיטאמאל איבערגע'שמד'ט. ער איז געריהמט געווארען פון אלע מיילער פון דעם שעהנעם געשלעכט. די מענער זיינען איהם מקנא געווען.

מען קען זאגען, אז מישקא איז געווארען דער צענטער פון דער גאנצער געזעלשאפט. מען האט געזוכט זיין באקאנטשאפט. אפילו עלטערע און חשוב'ע הערען האבען איהם זעהר ווארעם די האנד געדריקט. „עס פרעהט מיך זיך מיט אייך צו באקענען".

עס האבען איהם באלד ארומגערינגעלט יונגעלייט, וואס האבען מיט דער הילף פון מישקא'ס אינפארמאציעס געוואלט געווינען אנזעהן ביי זייערע דאמען אין זייערע קרייזען. מען האט מישקא'ן איינגעלאדען צו אלע טישלעך מיטצוטרינקען, און מען מוז צו זיין כבוד צוגעבען, אז ער האט עס, ווי א גוט־ערצויגענער מענש, אבער מיט פעסטקייט אפגעזאגט. דאס האט צוגעגעבען נאך מעהר חשיבות צו זיין פערזאן.

פון דער גאנצער גוט־געשטימטער געזעלשאפט, וואס האט זיך געפונען אין האטעל, האט זיך נאר א קליינע גרופע אויסגעזונדערט מיט איהר געפאלענקייט.

די דאזיגע גרופע האט זיך געהאלטען באזונדער, געזעסען באזונדער און גערעדט צווישען זיך מיט געדריקטע שטימען. די גאנצע ערנסטקייט פון דער לאגע איז געלעגען אויסגעגאסען אויף זייערע טרויעריגע פנים'ער. דאס איז געווען די גרופע פון די רייכע אידישע קאפיטאליסטען, וואס זיינען זיך צונויפגעקומען קיין מאסקווע אין האטעל אריין צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער אקציען־געזעלשאפט „ניי רוסלאנד".

דא זיינען געווען דער אלטער מירקין, דער רייכער טעי־סוחר ראזמארין און דער באקו'ער נאפט־סוחר גאלדשטיין. נאר ווען די לעצטע צוויי האט זיך געפיהלט א זיכערקייט, אזוי ווי די גאנצע זאך וואלט זיי אייגענטליך גאר נישט אנגעגאנגען, איז דער אלטער מירקין פלוצלונג געבליבען זיצען. די גאנצע לאסט פון דעם שווערען וואלקען, וואס ציהט זיך אויף רוסלאנד, האט זיך אוועקגעלייגט אויף זיינע פלייצעס. זיין פנים איז מיט איינמאל געווארען געל־בלוייליך, און די אויגען זיינען איינגעזונקען און שלאבריג געווארען, טונקעלע נעצען פון זיין הויט. שטיקער לויזע הויט, ווי מען וואלט פון זיי די לופט ארויסגעלאזט, האבען אנגעהויבען אראפצוהענגען פון זיין פנים און פון זיין האלז.

(שלוס אויף זייט 6)

מענדעל, מעגסט שוין הוסטען!
(שטיפעריי) פון ב. קאוונער

טשעפעט זיך עפעס צו צו מיר, קאן איך דערפון נישט פטור ווערען.

אלץ געדויערט ביי מיר צעהן מאל אזוי לאנג ווי ביי אן אנדערען.

בארג איך ביי אומיצען עטליכע טולער. דארף יענער צוריסען דריי פאר שיך און זיך קריגען מיט מיר צעהן מאל ביז יענער קריגט צוריק די פאר טולער.

בארג איך אמאל ביי אומיצען א בוך איז — „גוד באי" בוך! אדער איך לייה דאס אוועק אן אנדערען, אדער עס ווערט פארלארען, אדער איך לייקען עס אפ.

יענער קריגט שוין דעם בוך נישט צוריק, ער זאל זיך אפילו שטעלען אויפ'ן קאפ.

אז איך זאג אייך נישט, איז נישט; איך זאג אייך קיין ליגען נישט.

אט אזא מענש בין איך.

דאס אייגענע איז מיט א קראנקהייט: ווען איך קריג אמאל א קאפוועהטאג, איז רעכט, אז דער קאפוועהטאג זאל זיך האלטען ביי מיר וואכען לאנג.

דאס אייגענע איז מיט אנדערע חולאת'ן. מיר, אז עס נעהמט פייפען אין אן אויער, פייפט ער; עס ווייסט נישט פון קיין סטאפען; אבי געזונט. קען עס אזוי אפפייפען א חודש און צוויי.

מיט א יאהר צוריק האט זיך עפעס געיאוועט אין מיין נאז א מין ביינדעל. האב איך, פלוצים, גענומען פאנפען. האב איך אזוי, ווי איהר הערט, אפגעפאנפעט א האלב יאהר. ערשט ווען מען האט מיר אויסגעשניטען דאס ביינדעל, האב איך אויפגעהערט צו פאנפען.

איצטער קום איך ערשט צו צו דער געשיכטע וואס איך וויל אייך דערצעהלען. איהר מעגט זי הערען, נישקשה, עס וועט אייך גארנישט ערגערען; פארקערט, עס וועט אייך נאך הנאה טאן:

מיט עטליכע וואכען צוריק האט זיך צוגעטשעפעט צו מיר א שווערער הוסט. א הוסט, וואס האט געמעגט איינשטיין אפילו ביי א מיליאנער...

א הוסט, וואס לאזט אייך נישט אפ אויף איין מינוט, אויף איין רגע.

נאר איהר הוסט, נאר איהר דערבעצט. נאר איהר ווערט רויט ווי א בוריק, אדער בלוי ווי א מילץ. און די אויגען פון קאפ שפארען זיך ארויס ווי גלעזערנע באנקעס. און בשעת איהר הוסט און דערבעצט, מוזט איהר נאך אלע ווייל ארויסשטעלען דעם שפיץ צונג אויך און די אויגען טרערען אייך.

דאס איז פון די ריכטיגע הוסטלאך, אויף וועלכע מען פרעגט זיך נאך!

האט זיך, מיט עטליכע וואכען צוריק, צוגעטשעפעט צו מיר אזא מין הוסטעל און ער האט נישט געוואלט אפטרעטען פון מיר אויף קיין איין מינוט.

איך האב געגריזשעט קאנדעלצוקער, געטרונקען מילך מיט פוטער, מילך מיט האניג, געפארעט דעם גארגעל מיט פארע — עס האט קיין זאך נישט געהאלפען.

איך האב געהוסט און געהוסט און ווידער אמאל געהוסט.

נישט געגעסען, נאר געהוסט; נישט געשלאפען און געהוסט.

פשוט געהאקט האלץ!

און אז איך הוסט, קען מען מיך הערען ברייט און ווייט.

האבען די שכנים פון דער צווייטער טיהר און די שכנים וואס וואוינען איבער מיר, מיט א שטאק העכער, גענומען שרייען און פראטעסטירען: זייער טענה איז געווען, אז איך לאז זיי ניט שלאפען; אז מיט מיין דעבען וועק איך זיי אויף פון דעם שלאף, אדער איך לאז זיי אין גאנצען נישט איינשלאפען.

דער סוף איז געווען, אז זיי האבען גענומען קלאפען אין דער וואנט און טופען מיט די פיס איבער מיין שלאפצימער, אז איך זאל סטאפען הוסטען.

נאר גיעה סטאפ, אז מען קען נישט.

אז עס סטאפט זיך נישט!

זיינען זיי זיך ארונטערגעקומען קריגען מיט מיר, די אידיאטען!

— סטייטש, וואו איז דאס געהערט געווארען, אז א איד זאל אזוי דעבען און „האקען האלץ" און נישט לאזען שלאפען?

האב איך זיי נישט געקאנט ענטפערען, מחמת איך האב באדארפט הוסטען. האט זיי יענטע מיינע געענטפערט:

— ערשטענס, טוט עס מיין מענדעל נישט פאר פלעזשור; גלויבט מיר, אז ער האט דערפון מעהר ערגערניש ווי איהר. איהר זייט דאך נישט מעהר ווי צוהערער, אבער ער איז דאך דער הוסטער; און הוסטען איז א סך, א סך שווערער ווי צוהערען. און טאמער דענקט איהר, אז איך בלאף אייך, קענט איהר זיך בייטען מיט די ראלען; הוסט איהר און מענדעל וועט זיך צוהערען...

א ווארט פאר א ווארט. די שכנים האבען זיך גענומען קריגען. און יענטע האט זיי געענטפערט ווי זי קען. יענטען דארף מען, א דאנק גאט, נישט לערנען וואס צו ענטפערען אין אזא פאל; זי ווייסט וואס זי האט צו טאן...

דער סוף איז געווען, אז די צוויי שכנים, די אידיאטען, האבען מיך אנגעקלאגט: „פאר שטערען זייער רוה ביינאכט מיט מיין הוסט"...

אזעלכע אידיאטען, געהען און נעמען נאך א לאיער און זיי זאגען איהם צו 25 טולער אויב ער וועט געווינען די טרייעל פאר זיי; די פאדערונג פון דעם לאיער וועט זיין, אז דאס גריכט, דער דזשאדזש הייסט עס, זאל מיר פארווערען צו הוסטען...

יענטע איז אוועק אין קאורט אליין, אהן א לאיער; זי האט אן אייגענע מויל...

וואס דארטען, אין קאורט, איז פארגעקומען, ווייס איך נישט, און יענטע האט מיר נישט דערצעהלט.

עס איז אבער גענוג, אז יענטע האט געוואונען די טרייעל.

איז זי אהיים געקומען פון קאורט א צופרידענע, א גליקליכע, א צופלאמטע, מלא שמחה. און ווי נאר זי האט אן עפען געטאן די טהיר פון מיין צימער האט זי אויסגעשאסען:

„מענדעל, דו מעגסט הוסטען וויפיל דיין הארץ געלוסט און וויפיל די כוחות ערלויבען דיר! אפילו דיין גאנצען לעבען; איך האב געוואונען! יא, געוואונען, און זיי, די שכנים, האבען פארלארען, כאטש זיי האבען געהאט א לאיער! דער דזשאדזש האט געלאכט פון זיינע טענות: „א מענש, א סיטיזען, א בירגער פון די יונייטעד סטייטס, האט א רעכט צו הוסטען ביי זיך אין הויז וויפיל ער וויל און ווי לאנג ער וויל און ווי שטארק ער וויל; דאס איז זיין „פריווילעדזש", וואס דאס לאנד גיט איהם.

„אפילו נישט קיין סיטיזען האט אויך א רעכט צו הוסטען אין זיינע רומס"...

אט אזוי האט דער דזשאדזש געזאגט. און זיי זיינען אוועק מיט א לאנגער נאז.

— קורץ, מענדעל, הוסט און דעבע וויפיל דו ווילסט און פייף אויף אלע שכנים!...

א בינטעל בריעף
די וואס שיקען בריעף זיינען געבעטען שרייבען בלויז אויף איין זייט פון יעדען בלעטעל.

א מאן ברענגט פאר א וויכטיגע פראגע פאר'ן „בינטעל בריף". — ער דיסקוטירט די אורזאכע וואס ברענגט קריגערייען צווישען מאן און ווייב. — ער שילדערט ווי די בעסטע פרוי באפאלט דעם מאן מיט כללות און טענות ווען ער קומט אהיים פון דער ארבייט. — ער בעט דעם רעדאקטאר צו באשפרעכען די פראגע.

געעהרטער רעדאקטאר פון „פארווערטס"!

איך בין א לעזער פון אייער צייטונג, און איך לעז אויך דעם „בינטעל בריף", וואו אלע שרייבען ארויס זייערע צרות און טראבעלס, און איהר, פריינד רעדאקטאר, דארפט זיך פארטיפען אין יעדענס טראגעדיע באזונדער, דעם ענטפערען, יענע טרייסטען, און אן אנדערען א עצה געבען. איך ווייס, אז איהר האט פאר זיך גארניט קיין לייכטען דזשאב, און איך בין אייך אסור מקנא.

לעזענדיג יעדען טאג די אלע בינטלאך צרות, האב איך שוין ניט איינמאל ביי זיך געקלערט: פארוואס שרייבט מען ניט וועגען דער איינפאכער אנגעוועהטאגטער פראגע, וואס קומט פאר אין יעדער פאמיליע, ווי די פרוי באטראכט דעם מאן פאר גארניט, פאר א משה־מחויב, רעכענט זיך קיינמאל ניט מיט זיינע געפיהלען, מיט זיין שווערער ארבייט, מיט זיינע ליידען, און ווייסט מעהר ניט ווי „העגן און ברענג". ער דארף זיך דרעהען דעם קאפ אהיימצוברענגען „פעידע", און זי ווייסט מעהר ניט ווי צו זוכען בארגעינס, און קלערט נאר ווי אזוי צו ספענדען דאס געלט.

אזוי ווי די מייסטע פון אייערע לעזער האלטען פון אייך זעהר, איבערהויפט די פרויען האלטען אייך פאר דעם קלינגסטען מאן (קליגער פון זייערע אייגענע מענער געוויס), און אייער ווארט און מיינונג איז ביי זיי די העכסטע אינסטאנציע, בעט איך אייך, איהר זאלט מיר ניט אפזאגען, און דרוקען מיין בריף און גלייכצייטיג ארומרעדען די פראגע וואס איך גיב אייך דא פאר, און טאקע ארויסזאגען אייער פערזענליכע מיינונג וועגען דעם.

איך בין זיכער, אז אייער ווארט וועט געהערט ווערען און וועט האבען די נויטיגע ווירקונג.

איך וויל זיך דא ניט אפשטעלען אויף קיין איינצעלנעם פאל, אדער שרייבען וועגען מיר פערזענליך. איך וויל אנריהרען א וועהטאג, וואס קומט פאר כמעט אין יעדער אידישער פאמיליע, און עס קומען פאר אלע מאל צוליב דעם קריגערייען אין פילע פאמיליעס, וואו דער שלום בית ווערט דורך דעם אפט געשטערט.

פראגע נומער איינס:

ווען דער מאן קומט אהיים נאך א „יאנג" ארבייט אין שאפ, אדער אין די צרה'דיגע ביזנעס, אנגעשפאנט פול מיט זארג און צער פון די קלעקעדיגע ביזנעס און האט געוואלט כאטש אביסעל פארגעסען זיינע יסורים, — איז גלייך ווי ער קומט נאר אריין — איז די ווייב איהם גלייך מכבד מיט איהרע ערגערנישען וואס האבען זיך ביי איהר אנגעקליבען פאר'ן גאנצען טאג.

צוערשט נעמט זי פארקלאגען די קינדער, אז זיי פאלגען איהר ניט, דערנאך נעמט זי בארעדען איהרע שכנ'טעס, אז יענער האט דער מאן געמאכט א פארקאוט, די האט זיך געקויפט אן אטאמאביל, אן אנדערע האט דער מאן סורפרייזט מיט א גרויסען דייאמאנד רינג, און זי האט נעבאך אפילו ניט א לייטיש קליידעל אנצוטאן...

זי האט אפילו קיין צייט ניט אויסצווארטען ביז דער מאן וועט אפעסען סאפער, נאר גלייך קומט זי ארויס מיט לשון הרע, מיט קלאגען און קאמפליינטס, אזוי ווי ביים מאן ווייזט פערליבט שטעהען דער ביזנעס אין האלז.

דער מאן, ווען ער קומט אהיים פון זיין שווערען טאג ארבייט, ערווארט ער צו הערען פון זיין פרוי א ווארט פון סימפאטיע, א ווארט פון טרייסט, ער וויל זעהן א שמייכעל אויף זיין ווייב'ס פנים, א פרעהליכע מינע.

אבער אנשטאט די אלע זאכען נעמט זי איהם באלד מיט א פארזויערט פנים, און שפילט די ראלע גלייך ווי זי זאל געווען די גרעסטע מאטעריאליסטין אויף דער וועלט. און צוליב די אלע „גאנסעס" קומען ארויס די גרעסטע קריגערייען אין פאמיליען־לעבען.

איז דער מאן א נערוולדינגער, א שטילער, הערט ער אויס די אלע קלאגענישען און מסירות פון זיין פרוי, ענטפערט איהר גארניט און שווייגט. ער טראכט ביי זיך, אז ער וואלט מיט איהר צו יעדער צייט געביטען: זי זאל געהן אין שאפ ארבייטען, אדער אפטענדען צו די נאוטס און חובות, און ער וואלט געבליבען אין דער היים מיט די קינדער. עס וואלט איהם גארניט געארט וואס יענע שכנ'טע האט א שענערע דרעס אדער א גרעסערען רינג.

אבער די פרוי איז ניט צופרידען מיט זיין שווייגען און טייטשט דאס אויס, אז ער איז גלייכגילטיג צו איהר, אז איהם אינטערעסירט ניט איהרע קריגערייען מיט די שכנ'טעס. אז ער האט ניט קיין רחמנות אויף איהר. זי נעמט זיך דאן קריגען מיט איהם, און זיין הויז ווערט א רעגעלער גיהנום.

דאס איז גערעדט געווארען ווען דער מאן איז א גוטער. טאמער איז אבער דער מאן א נערוועזער, א שטרענגער, און זיין פרוי הויבט אן צושטעהן צו איהם מיט איהרע טענות, און ער זאגט איהר, אז זי זאל איהם כאטש לאזען אפעסען, און ערקלערט איהר, אז ער האט וויכטיגערע זאכען וועגען וואס זיך צו זארגען ווי וועגען איהרע דרעסעס און שכנ'טעס און אנדערע נארישקייטען, ער דארף ליידען א גאנצען טאג אין שאפ פון א פארמאן, אדער דרעהען זיך צו דעקען נאטעס, אדער ער האט דעם לענדלארד נאך ניט באצאהלט די רענט, און דער לענדלארד קומט סטראשעט איהם מיט א דיספאזעס.

דא צופיהרט ערשט די פרוי איהר מענה לשון, און צרות פעהלען שוין ניט. זי שרייט, אז ער איז א שלעכטער, און ער זאגט, אז זי האט קיין שכל ניט.

און אזוי ווערען צושטערט פאמיליען־לעבענס פשוט דערפאר, ווייל די פרוי וויל ניט בארעכענען, וואס דער מאן מוז אויסשטעהן אין שאפ אדער אין ביזנעס.

איך מיין דא ניט די פרויען, וועלכע האבען א טבע צו יאדען, אדער די פשוט'ע יענטעס, וואס האבען גלאט ליב זיך צו קריגען. פאר זיי איז שוין ניטא קיין רפואה. איך רעד וועגען די באלעבאטישע פרויען, וואס אזוי זיינען זיי גוטע באלעבאסטעס, געטריע פרויען צו זייערע מענער און גוטע מוטער'ס צו זייערע קינדער, אבער ליידער ווילען זיי ניט בארעכענען זייערע מענער, און טראכטען זיך ניט אריין אין זייערע מענערס לאגע, און דערפון קומט ארויס אומזיסטע און נישט קריגערייען אין זייערע פאמיליען־לעבענס.

פראגע נומער צוויי — אן אנדער סארט מכה, וואס ברענגט קריג און צרות אין פאמיליען־לעבען.

ווי באקאנט, הערשט איצט א קריזיס אין לאנד. מען האט געשניטען די וועדזשעס: ארבייטער געהען ארום לעדיג; ביזנעסלייט געהען געבראכען, און ס'איז צרות איבעראל.

אין די מלחמה־יאהרען, ווען יעדער האט פארדינט, האט מען זיך צוגעוואוינט צו א רייכערען לעבען: מען האט געוואוינט אין טייערע אפארטמענטס, פאר וועלכע מען האט באצאהלט הויכע רענטס. מען האט געטראגען טייערע קליידער, און די פרוי האט געלעבט א גוטען טאג.

אבער איצט, ווען די צייט איז שלעכט, ארבייט מען פיל שווערער ווי אין די מלחמה־יאהרען און מען פארדינט א סך, א סך ווייניגער. אבער די ווייבער ווילען זיך גאר ניט צופאסען צו דער איצטיגער לאגע, און פאדערען פון די מענער דיזעלבע „פעידעס" ווי אין די גוטע צייטען.

אין דער צייט וואס דער מאן געהט זיך אפ א גאנצען טאג די פיס זוכענדיג א דזשאב, און דערנאך קומט ער אהיים מיט א הארצוועהטאג א מידער, א פארצווייפעלטער, אדער ער מוטשעט זיך אין זיינע ביזנעס, און טוט אויפ'ן פייער, איז די פרוי א גאנצען טאג געווען אויף דער פרישער לופט און האט זיך אומגעגלעהנט דאס הארץ מיט א סענדוויטשעל אין די קאפעטעריעס, אדער מיט א „מאלטער", און געקוקט אין „סטארס" אויף סטאילס און געזוכט סעילס און בארגעינס.

און ווען דער מאן קומט אהיים מיט גריזאטע און הארץ־קלעמעניש, באפאלט זי איהם פארוואס ער ברענגט ניט אהיים קיין גרויסע וועדזשעס.

עס העלפט ניט זיין פארענטפערען זיך, אז די צייטען זיינען שלעכט, ס'איז ניטא קיין ארבייט, מען קען ניט פארדינען. זי וויל דערפון ניט וויסען.

און עס הויבען זיך אן קריגערייען. די פרוי פרעגט: „פארוואס האט די נעקסטדאריגע געקויפט א נייע ראדיא? פארוואס האט יענע שכנ'טע געקויפט טייערע פוירניטשור?" און נאך אזעלכע פראגען.

אנשטאט זי זאל דעם מאן אויפמונטערען און איהם ערמוטיגען, אז ער זאל האבען כח אויסצוהאלטען די שלעכטע צייטען, דערגעהט זי איהם נאך די יאהרען און פארביטערט איהם דאס לעבען.

אפשר מיינט איהר, אז די דאזיגע פרויען זיינען געבוירען אין ראשקאש און וואוילטאג, ביי רייכע עלטערען, און זיינען געוואוינט נאר צו גוטס. ניין, זיי זיינען אליין געווען ארימע שאפ־מיידלאך און האבען אפגעשקלאפט זייערע בעסטע יאהרען אין שאפ, און איידער זיי האבען חתונה געהאט האבען זיי צוגעזאגט זייערע חתנים, אז זיי וועלען העלפען טראגען דעם יאך פון פרנסה, זיי וועלען זאגאר געהן נאך דער חתונה ארבייטען אין שאפ, אויב עס וועט נויטיג זיין. אבער איצט ווילען זיי גארניט וויסען, און זיי רופען די מענער מיט אלערליי נעמען ווי: „שלימזל", „לא יוצלח", און האלטען אין איין שרייען, אז די מענער טויגען צו גארניט. מיט איין ווארט, די איצטיגע פרויען וויסען מעהר ניט ווי „העגנ און ברענג".

ווערטהער רעדאקטאר, ווען איך זאל וועלען אויסרעכענען א צעטעל פון אורזאכען, וואס צושטערען דעם שלום בית אין פאמיליען, וואלט איך דערויף באדארפט האבען א גאנצען נומער „פארווערטס". נאר אזוי ווי מיין בריף האט זיך שוין אזוי אויך צו לאנג פארצויגען, וועל איך דערפאר ענדיגען, און איך בעט אייך, אז איהר זאלט מיין בריף דרוקען אין אייער באריהמטער אפטיילונג — דאס „בינטעל בריף". און איהר זאלט זיך אביסעל מעהר אפשטעלען אויף מיינע פראגען און זיי אביסעל ארומרעדען באריכות אויף אן אייגענעם וועג, אזוי ווי איהר קענט.

האפענדיג, אז אייער ענטפער וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען און צוריקברענגען דעם שלום בית אין אידישע הייזער, דאנק איך אייך פאראויס.

א פאמיליען מאן.

צוערשט ווילען מיר אייך זאגען, אז די פראגע וואס איהר האט אנגערירט, איז א וויכטיגע, די וויכטיגסטע אין דעם פאמיליען־לעבען. מיר האבען אבער וועגען דעם שוין טויזענדער מאל געשריבען און מיר האלטען אין איין שרייבען, טאקע אין דעם „בינטעל בריף". אט אזעלכע פראגען קומען פאר כמעט יעדע וואך אין דעם „בינטעל בריף".

צווייטענס, דאס וואס איהר האט געשריבען אין אייער בריף איז ריכטיג ווי גאלד; ס'איז ריכטיג און גוט און גלאט געשריבען.

אבער...

איהר האט זעהר ריכטיג באשריבען בלויז איין זייט פון דער פראגע; ס'איז אבער דא א צווייטע זייט. די זייט, וואס איהר האט באשריבען, האט איהר זעהר לאגיש „געקאווערט", ווי מען זאגט אין אונזער אמעריקאנער אידיש; און ווען מען רעדט גארניט וועגען די צווייטע זייט פון דעם וועהטאג, קומט אויס ווי מען וואלט אויפגעשטעלט א הויז פון בלויז איין וואנט. די איינע וואנט איז טאקע גוט און ריכטיג געבויט, אבער קיין הויז איז עס נאך ניט.

דער מאן קומט אהיים פון שאפ א דערצארענטער פון פארמאן, פון באס, פון ערגערניש, פון דזשאבניש. ער האט צו קומען אהיים און געפינען אביסעלע רוה, אביסעלע טרייסט און ליבליכקייט, אבער טרעפט נאר א כעס מי שבהר פון דער פרוי'ס זארגען מיט וועלכע זי איז איהם מכבד.

איצט לאמיר נעמען די צווייטע זייט. א גאנצען טאג פוילט זי אין הויז פון די קינדער, פון די חובות. דא הוסט א קינד, דא צושלאגען זיך די קינדער, דא בעטען עפעס די קינדער; עס קומען מענשען מאהנען געלט; א שכנה האט איהר באליידיגט, זי פיהלט זיך עלענד און זי ווארט אויף איהר באשיצער, איהר מאן. זי איז א גאנצען טאג אליין אין הויז; זי טראכט וועגען אלע איהרע צרות; זי פיהלט זיך עלענד; זי האט ניט פאר וועמען אויסצוגרעצלען איהר וועהטאג. אונגעדולדיג ערווארט זי, אז דער מאן, איהר פארזארגער, דער טאטע פון איהרע קינדער, זאל קומען און טיילען זיך מיט דעם אלעם וואס זי לעבט איבער.

זי דערהערט זיינע טריט, דערפרעהט זי זיך. זיינע טריט דערצעהלען איהר, אז זי איז ניט עלענד.

ער קומט אריין, און זי איז גערן וואס ער איז שוין דא. איהר הארץ איז פול מיט איינדריקע, מיט ביטערנישען. זי פאלט צו איהם צו, און זי פיהלט ניט ווי די ביטערנישען איהרע גיסען זיך אליין פון זיך. זי ערווארטעט א טרייסט־ווארט. דער מאן אבער איז אויך באלאדען מיט צרות, און ער ענטפערט ביין: „האק ניט קיין טשאייניק, לאז אפעסען!"

אזוי ווי מיט א דובינע וואלט ער איהר איבער'ן קאפ געגעבען. אנשטאט מיטלייד, באגעגנט זי שנאה; אנשטאט א באשיצער, דערזעהט זי א רוצח.

איהרע ביטערנישען דערלאזען איהר ניט זעהן זיינע דערשלאגענקייטען; און זיינע דערשלאגענקייטען דערלאזען איהם ניט צו פיהלען איהר עלענדקייט, איהרע טעגליכע יסורים.

אט דאס, ליבער פריינד, איז די פראגע פון ביידע זייטען.

איהר זאגט, אז דער מאן דארף זיך זארגען וועגען פארדינען, און זי זיצט ווי א פרינצעסע אין הויז.

דאס איז אויך בלויז איין זייט פון דער פראגע.

דער מאן דארף באגעגענען דעם פארמאן, דעם באס, דעם באנדעל ארבייט. זי דארף באגעגענען די באדערפענישען פון די קינדער, דעם גראסערי־מאן, דעם בוטשער, דעם מילך־מאן.

מיט יסורים קומט אן דעם מאן צו פארדינען די וואך וועדזשעס; און מיט יסורים קומט אן דער פרוי צו באטיילען זיך מיט דער וואך וועדזשעס.

אויף דעם מאן ליגט דער יאך פון „רעיזען די רעווענוי" (קריגען די פארדינסטען). אויף דער פרוי ליגט דער שווערער יאך — דער בודזשעט.

איהר זאגט, אז איהר וואלט זיך מיט איהר געביטען צו יעדער צייט. זי זאל געהן אין שאפ און איהר זאלט בלייבען אין הויז.

דאס איז ווידער אן איין זייטיגער „טשאלענדזש" (ארויספאדערונג).

אויב בייטען זיך, איז בייטען זיך מיט דער גאנצער לאגע, און דאן וועט זיך יעדע פרוי אנכאפען מיט ביידע הענט, און זי וועט זיין די פראפיטירערין פון דעם בייט.

וואס עפעס בלויז בייטען זיך צווישען שאפ־ארבייט און זיצען אין הויז?

אז בייטען זיך, איז מיט אלעם, ווען דער מאן זאל דארפען טראגען די ספעציעלע קראנקהייטען, דאס האבען און קאראהאדען זיך מיט די קינדער, האבען אויף זיך די לייטישע אויגען וועגען זאכען, וואס נאר אויף פרויען קוקט מען אזוי מיט פאראכטונג. מיט איין ווארט, איבערנעמען די גאנצע דאליע פון דער פרוי, מוטער און דינסט. און די פרוי זאל איבערנעמען די קרעפטען און אלע פריווילעגיעס, וואס דער מאן האט אין לעבען, וועט יעדע פרוי מיט שמחה זיך בייטען מיט'ן מאן צו געהן אין שאפ, און לאזען איהם מיט אלע ווייבערשע אומגליקען אין הויז.

נאטירליך, עס זיינען דא פרויען, וואס טויגען אויף'ן פייער, ווי עס זיינען דא מענער, וואס טויגען אויפ'ן פייער.

אט דאס וואס איהר זאגט, אז דער קריזיס האט שווער געמאכט פאר'ן מאן די פרנסה, און די פרוי וויל פון דעם ניט וויסען, „העגנ און ברענג", איז בלויז ריכטיג וועגען געוויסע פרויען, אבער ניט וועגען אלע.

עס זיינען דא פרויען, — און א גאנץ גרויסע צאהל, — וואס זיי טראגען דעם לאסט פון קריזיס מעהר ווי דער מאן.

עס זיינען דא מענער, וואס זארגען זיך ווייניגער וועגען פרנסה ווי די פרוי זארגט זיך.

די דורכשניטליכע פרוי זארגט זיך און טראגט די לאסט פון שווערע צייטען זיכער ניט ווייניגער ווי דער מאן.

פערזענליכעס
PERSONAL

וויליאם סטיין, פריהערדיגער נאמען שאפּסאוויטש, ווערט געזוכט פון זיין מוטער וועלכע בענקט נאך איהם. שרייב אמוויינגסטענס. ווער עס ווייס פון איהם זאל מעלדען צו:
H. SAPSOWITZ,
253 Stanton St.,
New York, N. Y. (4

אפען שבת און זונטאג
עסטאבלירט 1893
שאצט אייערע דיימאנדס און דזשולערי ביי אן עקספערט

אלט־עסטאבלירטע און פארטאנטווארטליך. פרייז מעסיג
B. PUSRIN
55-59 Chrystie St., New York City.

בייסענדע הויט
געהאלפען אין א שטונדע
איינער וואס האט געברויכט רעזינאל זאלב שרייבט—„רעזינאל איז אזוי בארוהיגענד, עס האט געשטאפט מיין בייסונג גלייך און צום ערשטען מאל אין מאנאטען פון וואכען האב איך געקענט שלאפען ביי נאכט. איצט איז מיין הויט געזונט". און דאס וואס עס האט אויפגעטאן פאר איהם קען עס אויפטאן אייך פאר אנדערע. ווארום זאלט איהר נים פרובירען דיזעלבע באקוועם־מאכענדע, היילענדע זאלב אויף פארשפארען זיך שטונדען פון יסורים? רעזינאל בארוהיגט אזוי ווי עס היילט. אלע דראגיסטען פארקויפען עס.
Resinol

פוס ליידענדע
SAM'L A. MARDER, M. Cp.

שוואכע פוס ספעציאליסט
איז געווען פאר בונדען מיט דעם האספיטאל פאר דזשאינט דיזיזעס. נעמט אן פאציענטען נור אין
55 St Marks Pl., N. Y. Algonquin 2148.
פון 10 ביז 12 פריה. פון 2 נ. מ. ביז 8 אווענט.

וואכט אויף
און ווערט
דערפרישט מיט

בעסטערע ברען פלייקס
דער פיינסטער אופן ווי אנצופאנגען דעם טאג. א פולע שיסעל קעללאגג'ס פעפ ברען פלייקס. עס איז דא א פיקאנטקייט אין דעם געשמאק — געזונטהייט אין די גאנצע ווייץ — און די עקסטרא ברען העלפט אייך צו זיין געזונט און רעגולער.
געמאכט פון קעללאגג אין באטל קריק.
Kellogg's
PEP
BRAN FLAKES
קעללאגג'ס פעפ ברען פלייקס זיינען אבסאלוט כשר אונטער דער השגחה פון הרב יעקב אויסקאלסקי

אדווערטייזמענט אדווערטייזמענט

מרס. סאלאמאן דערצעהלט ווי זי האט פארלארען 47 פונט אין 3 מאנאטען
אמת'ע געשיכטע וועגען וואונדערבארע זאלץ

„איך האב גענומען קרושען זאלץ פאר כמעט 3 מאנאטען. און יעצט נעהם איך איין טהע לעפעלע אין ווארימע וואסער יעדען מארגען פאר פריה. איך האב דאן געוואויגען 217 פונט, און כ'האב שטענדיג געליטען פון שמערצען אין מיינע פלייצעס און מאגען און זייטען.

„איצט פרעהט עס מיך צו זאגען אז איך בין געזונט, כ'פיהל א סך שטארקער, מיט יאהרען אינגער און איך וועג 170 פונט. איך פיהל ניט נאר בעסער, נאר איך זעה אויס בעסער, אזוי זאגען מיינע פריינד.

„איך וועל קיינמאל ניט זיין אהן קרושען זאלץ, און איך וועל קיינמאל ניט אויפהערען דאס צו נעמען יעדען טאג. און איך רעקאמענד'ר דאס מיט גרויס פארגעניגען צוליעב דער גרויסער הילף וואס ליגט דארינען. מרס. ס. א. סאלאמאן, ניו בערן, נ. ק. יאנ. 1930. נ. ב. איהר וועט פיליייכט דענקען, אז וואס איך זאג איז איבערטריבען, ווייל איך שרייב אזא לאנגען בריעף, נאר אין אמת'ן פיהל איך אזוי דאנקבאר צו אייך, ווייל איר פראדוצירט אזא וואונדערבארע זאלץ, אז איך קען ניט זאגען גענוג".

קרושען זאלץ איז אנדערש פון אירגענד וועלכער זאלץ—קרושען איז זעקס זאלצען אין איין נעם — פונקט דיזעלבע זאלצען וואס די נאטור האט אריינגעטאן אין דעם מענשליכען קערפער ווען די וועלט איז ערשט באשאפען געווארען און פאדערט, אז איהר זאלט זיי דארט האלטען. אנים וועט איהר ניט זיין אזוי געזונט ווי איהר דארפט זיין.

אנדערש פון מעהרסטע זאלצען, קרושען איז ניט בלויז אן אבפיהר מיטעל — אויב דאס איז אלעס וואס איהר ווילט, וועט אירגענד וועלכער סארט זאלץ מיט אירגענד סארט לעבעל זיין גענוג —אבער איז דאס טאקע אלעס וואס איהר ווילט האבען?

ווען איהר נעהמט קרושען זאלץ, וועט איהר ניט נאר סטימולירען אייער איינגעווייד, לעבער און נירען צו ארבייטען ווי געהעריג און פלינקער, נאר איהר בעזארגט אויך יעדען איינערליכען ארגאן, גלענד, נערוו, און טישו אין דעם קערפער מיט נאטור'ס אייגענע קרעפטיגענדע און ערפרישענדע מינעראלען.

א באטעל קרושען זאלץ וואס דויערט 4 וואכען קאסט בלויז 85 סענט אין אירגענד וועלכען דראג סטאר אין אמעריקא — נעהמט א האלב לעפעלע אין א גלאז הייסע וואסער יעדען פריה מארגען בעפאר ברעקפעסט — עסט ניט צו פיעל — ענדערט אייער דייעט — עסט ניט קיין פעט־שאפענדע שפייזען — טוט אביסעל מילדע רעגעלמעסיגע עקסערסייז — אין עטליכע טעג ווערט פוילקייט פארוואנדעלט אין טעטיגקייט און דאס לעבען ווערט ליכטיגער.

בעפאר דאס באטעל איז נאך לעדיג וועט איהר פיהלען מיט יאהרען אינגער — אייערע אויגען וועלען זיין ליכטיגער — אייער טריט וועלען זיין גרינגער — נערווען שטארקער — איהר'ט שלאפען בעסער, וועט הנאה האבען פון אייערע מאלצייטען און נאך א שווערען טאג ארבייט, וועט איהר זיין גרייט צו פארברענגען דעם אווענט ווי איהר ווילט. א מיליאן אמעריקאנער וויסען דאס אלעס — פרעגט אייער דראגיסט.

א פרוי אין ניו יארק סטייט האט פארלארען 14 פונט איבעריגע פעטקייט מיט איין באטעל פון קרושען.

א פרוי פון אהייא שרייבט: איך גלייך קרושען זעהר פיעל — כ'האב פארלארען 10 פונט.

א פרוי פון וויסקאנסין האט פארלארען 11 פונט אין זעקס וואכען. א פרוי פון ווירדזשיניא שרייבט: „איך האלט אין איין פארלירען איבעריגע פעטקייט". א פרוי פון מאנטאנא האט פארלארען 19 פונט אין פיער וואכען לויט איהר דאנקבארען בריעף.

מאי נומער
צוקונפט
אינהאלט־פארצייכנים:
א. ליעסין — פערציג יאהר ערשטער מאי יום־טוב
י. ד. בערקאוויטש — פון יענער וועלט (דראמע)
ה. לאנג — די ארבייטס־לאזיגקייט אין אמעריקא און די יוניאנס
יהואש — לידער
פראפ. מ. קראל — דער אמת פון ביראבידזשאן (צווי יאהר קאלאניזאציע און וואס די עקספערטען און די פאקטען דערצעהלען)
י. י. שווארץ — לידער פון ר' שלמה אבן גבירול
בנימין רעסלער — מייקעל דער קארוסעלמאן (ערצעהלונג)
י. שקלאווסקי (דיאנעא) — גאנדי און דער קאמף אין אינדיע
יוסף יפה — לידער
מ. איוואנסקי — פינף יאהר גזעוערקשאפטען קאמפיין פאר ארץ ישראל (די ארגאנ־ביזירטע אידישע ארבייטער אין אמעריקא און ארץ ישראל)
ציקיע דראפקין — ביינאכט אין „עקסקורישאן טריין" (לידער)
ש. ניגער — וואס קומט פאר אין דער אידישער קולטור־געזעלשאפט? (נאך'ן ערשטען צוזאמענפאהר)
י. י. סיגאל — א מידע וועלט (ליעד)
יעקב נאכבין — די אידען אין בראזיל (און אובערבליק פון יאהר 1500 ביז יאהר 1930
א. ר. מלאכי — די העברעאיש־אידישע שפראך־פראגע מיט א זעכציג יאהר צוריק (מאטעריאלען צו דער געשיכטע פון „ישראליק")
צבי הירשקאן — פון דער ניט־לאנגאנגיגער פארגאנגענהייט (לענין און טראצקי)
א. טאבאטשניק — מלך ראוויטש (אן אבשאצונג)
יצחק בלום — לידער
אברהם רייזען — מלחמה־יאהרען (עפיזאדען פון מיין לעבען)
י. פיראזשניקאוו — ווי האלט עס מיט דער נעאנגאפטיילונג אין אונזער אידישער ליטעראטור?
ר. מאגידאוו — לידער
דניאל טשארני — די שווארצע דאמינא (בלעטלאך פון א לעבען)

פון דער ביכער־וועלט
דר. שמואל פיגין — יהואש'ס אידישע איבערזעצונג פון תנ"ך (חומש, נביאים ראשונים, נביאים אחרונים)
הלל ראגאף — ל קאבריו'ס „ארע די באדר" און „די נייע אדם און חוה": ש. זעצער'ס „מידת הרחמים" און „פיגורען"

א. ליעסין — ביים גרענעץ (פאעמע)
טשארלס יאפע — די שאר־וועלט
ביכער ערהאלטען אין רעדאקציע

אויף יעדען סטענד פרייז 25 סענט

דער
אונגעבעטענער גאסט

א ראמאן פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא

ספעציעל געשריבען פאר'ן „פארווערטס" — פון — דושוליוס הערצאג

(פארטזעצונג פון נעכטען)

אין מיטען עסען, צווישען איין שפייז און א צווייטער, האבען א סך פון די געסט געטאנצט. ביים טהיר פון דאינינג רום איז געשטאנען א פיאנא. שפילער פאר דער פיאנא, כדי די געסט זאלען קענען טאנצען אונטער טענער פון מוזיק, זיינען געווען מאנכע פון די געסט אליין. דער טאנץ איז אנגעגאנגען אויך נאך דינער. שפעטער זיינען אלע געסט געווען צוזעצט ביי טישלאך און האבען פארבראכט אין א קארטען־שפיל. מען האט געשפילט „ברידזש" און דערביי זיינען סערווירט געווארען געטראנקען, „קאק־טעיל'ס" פון גוטען ליקער. דזשאו און ראזע זיינען אויך געווען אין דער „גנים". דזשאו'ס קאפ פלעגט, אבער, יעדע ווייל'ע אוועק ערגעץ אנדערש — ערגעץ אין ניו יארק, צו אמסטערדאם עוועניו, וואו ער האט דעמועלבען טאג אין דער „יח נעהערט, אז א גרויסער טראבעל איז דא אין זיין לעבען און קען ווערען נאך א גרעסערער טראבעל — צו גלעדיס'ען איז זיין קאפ אוועק. גלעדיס מיט איהר פארלאנג, אז ער, דזשאו, מוז איהר העלפען פטור־ווערען פון א לאגע, אין וועלכער ער האט איהר אריינגעבראכט.

מיט זיין גאנצען טראכטען פון גלעדיס'עס לאגע, אויך פון זיין לאגע, דורך גלעדיס'עס בשורה צו איהם, האט דזשאו דאך אויפגעפאסט צו זיין שטאר; אויפמערקזאם צו זיין פרוי ראזע.

ער איז צו איהר געווען אזוי אויפמערקזאם, אז די ארומיגע האבען אויף זיי געקוקט ווי אויף דער גליקליכסטער יונגער פארפאלק.

דזשאו'ס אויפמערקזאמקייט צו ראזע'ן איז געווען אביסעל אויפריכטיג און אביסעל געמאכט. ער איז געווען אויפריכטיג, ווארים אין הארצען איז איהם געווען שווער; זיך שפירענדיג הילפלאז געגען דעם טראבעל, וואס איז אויף איהם געקומען, האט ער געזוכט א ספעציעלע הארציגע חבר'שאפט פון זיין יונגע פרוי. ער האט זיך אויך געפיהלט זינדיג געגען איהר, און ער איז דערפאר געווען נאכגיביג, אונטערטעניג. אין דער זעלבער צייט איז ער אבער פארט ניט געווען אויפריכטיג, ווייל אין זיין אויפמערקזאמקייט צו זיין פרוי איז אויך געווען א ספעציעלע אויסגערעכנטקייט — זי, ראזע, זאל פיהלען גוט, און ניט האבען קיין אורזאכע אריינצוקוקען אין זיין הארצען, אויף צו דערגעהן עפעס סודות'דיגעס אין איהם. ווארים דזשאו האט גוט געוואוסט, אז נאך דעם „וויק־ענד" וועט ער מוזען אפגעבען גאר א סך צייט פטור צו ווערען פון'ם טראבעל מיט גלעדיס'ען; זאל, אלזא, ראזע זיך ניט כאפען, אז עפעס קומט פאר הינטער איהר רוקען...

אין ראזע'ס געזעלשאפט האט דזשאו אנגעהויבען ווערען אויסגערעכנט מיט יעדער האנדלונג זיינער; אויך מיט יעדען ווארט, וואס ער האט ארויסגערעדט. ער האט אין אלגעמיין גענומען אויסרעכענען זאכען. עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז יעדע שפעטערדיגע מינוט קען עפעס ברענגען, וואס זאל אינטערשניידען זיין גאנצען לעבען. אזוי איז דאס בסדר געווען אין זיין קאפ. עס איז דען עפעס א קלייניגקייט, חתונה־האבען און גלייך זיך דערוויסען, אז א פרעמדע קען איהם ברענגען א קינד און איהם זאגען: „נא עס איז דיין קינד!..."

וויסענדיג, וואס עס וועט זיין גלייך נאכ'ן „וויק־ענד", ער וועט זיך מוזען אפגעבען מיט גלעדיס'ען, און אנהאלטען דעם יום טוב מיט ראזע'ן, פארטזעצען דעם „האני־מון", וועט ער שוין ניט קענען; און דאס האט ער דאך שוין ראזע'ן טאקע געזאגט; ביזנעס איז איהם אין וועג און ער וועט דעם „האני־מון" ניט קענען פארטזעצען; האט דזשאו שוין געפיהלט, אז ער דארף דאס מעלדען זיין פארטנער, אלבערט הערינסאן. דזשאו האט אויסגערעכנט, אז זיין פארטנער קען זיך עפעס אויסרעדען, ווען ראזע איז דערביי, פון וואס ראזע קען פארשטעהן, אז ווען ער, דזשאו, וואלט געוואלט, וואלטען זיי געקענט האבען אביסעל א לענגערען „האני־מון". דזשאו האט דערפאר טאקע גלייך געזאגט זיין פארטנער, אלבערט הערינסאן, אז אויף מארגען נאכ'ן „וויק־ענד" קומט ער שוין אין אפיס.

אזוי האט דזשאו גענומען איבערכענען מיט אלעס.

אז עפעס איז דער מעהר מיט דזשאו'ן האט ראזע געשפירט. עפעס האט זי באמערקט, אז ער פארטראכט זיך ווייל־וויזע, און פארטראכט זיך מיט א צושראקענקייט ביי איהם אין הארצען. זי האט איהם אבער קיין זאך ניט געפרעגט. זי האט ניט געוואלט, אז עפעס זאל ווערען צווישען זיי ווי עס איז געווען אויף זייער קורצען „האני־מון" אין אטלאנטיק סיטי...

אנשטאט איהם צו פרעגען, האט ראזע ארויסגעוויזען גאר גרויסע ליבשאפטען צו דזשאו'ען. זי האט געגעבען צו איהם די צארטעסטע ווערטער. האט איהם אין אלעמענס אנוועזענהייט אנגערופען: „טייערינקער" און „ליבינקער", און „צוקערדיג־זיסער", און „האניגדיגער". זי האט אין אלעמענס אנוועזענהייט ביים שפילען „ברידזש" אויך געשטיפט מיט איהם און זיך געטוליעט צו איהם.

ווען די „ברידזש־פארטי" איז אנגעגאנגען, און דאס איז פארגעקומען אין איינע פון די גרויסע צימערן פון „גאלף קלאב", איז אין צימער געווען האלבטונקעל. אנשטאט א העלע עלעקטרישע באלייכטונג, זיינען אויף די טישען געווען צושטעלט אנגעצונדענע ליכט. אזוי איז געווען איינגעארדענט. דאס איז די מאדע ביי א סך „ברידזש־פארטים" אין קאונטרי־קלעצער. מען טהוט עס אום עס זאל אויסקוקען ראמאנטיש. אין דעם צימער איז אויך געווען א ראדיא. איינער פון די געסט האט די ראדיא אנגעשטעלט, און עס האבען פון דער ראדיא אנגעהויבען קומען פארבענקטע געזאנגען, ליבעס געזאנגען. מאנכע פון די פרויען־געסט האבען אנגעהויבען מיטזינגען. אויך ראזע האט מיטגעזונגען. זי האט זיך דערביי נאך מעהר געטוליעט צו דזשאו'ען. — זי האט געפיהלט גוט.

שפעטער איז אוועק, גאר שפעט, ווען דזשאו און ראזע נאך זייער פארברענגען מיט אלעמען, זיינען שוין געווען אין זייער צימער פאר זיך אליין, האט ראזע געמאכט א באמערקונג וואס האט דזשאו'ען שטארק נערוועז געמאכט.

זי איז געווען שטארק צופרידען פון דעם ווי זיי האבען דעם אווענד פארבראכט, האט זי, אריינקומענדיג אין צימער, זיך אריינגעגעבען דזשאו'ען אין די הענט. דזשאו האט איהר געקושט. זי איז פון זיינע לאסקעס געווען גאר צופרידען, און פון גרויס צופרידענהייט האט זי א זאג געטאן:

— נו, כאטש דא ווערען מיר ניט געשטערט פון „יענער", פון דער „פרעמדער"...

דאס האט ראזע געמיינט גלעדיס'ען, וועלכע האט צושטערט דזשאו'ס און ראזע'ס „האני־מון" אין אטלאנטיק סיטי.

דזשאו האט זיך א טרייסעל געטאן פון גרויס אויפרעגונג, ווען ער האט דערהערט ראזע'ס ווערטער.

ראזע האט באמערקט ווי דזשאו איז אויפגעטרייסעלט געווארען. דזשאו, ווידער, האט באמערקט, אז ראזע האט איהם שטארק אנגעקוקט. ער איז נערווען געווארען.

ער האט זיך געכאפט צו אנדערע רייד.

ראזע האט איהם קיין פארוואורפען ניט געמאכט. זי האט ניט געוואלט אנהויבען קיין נייע פרעגעניש אויף „יענער". אויף דער „פרעמדער", וואס ווען זי, ראזע, דערמאנט איהר, ווערט ער, דזשאו, אזוי אויפגעציטערטער.

אין זייער צימער איז געווארען שטיל. אויך פינסטער, די שטילקייט און די פינסטערניש פון נעכט אויף פעלדער צווישען וועלכע דער „גאלף קלאב" מיט זייער צימער האט זיך געפונען. פון אנדערע צימערען האבען זיך געהערט שטילע רייד, אויך געלעכטער'לאך פארשטיקטע. צווישען ראזע'ן און דזשאו'ען איז געווען א שווייגעניש. יונגע מאן־און־פרוי, האבען זיי זיך גענומען אין די ארעמס. ראזע האט אפילו ארומגענומען דזשאו'ס קאפ. עס איז אבער געווען אין א דערדריקענדיגען שטילשווייגען. עס האט אויסגעוויזען זיי זייערע אומארמונגען וואלטען געווען מעהר פון אן אינערליכער צושראקענקייט ווי פון אויפגעבראוזטע ליבשאפטען. די ליבשאפטען זיינען גאר געווען קאלטליכע. דאס האט זיך גענומען פון'ם שאטען, וואס איז צווישען זיי ווידער אריין — דער שאטען וואס פארפאלגט זיי זינט זייער חתונה־טאג — אט „יענע", די „פרעמדע", וועמענס נאמען דזשאו האט גוט געוואוסט — גלעדיס.

דורכ'ן נעקסטען טאג האט דזשאו געזוכט צו מאכען פרייע מינעס.

אויך ראזע איז געווען אין א ספעציעל גוטער שטימונג.

„יענע", די „פרעמדע", איז פון איהר קאפ געווען אין גאנצען ארויס.

ראזע איז פארשלונגען געווארען פון דעם נייעם אינטערעס, וואס אלע געסט אין „גאלף־קלאב" האבען אין איהר און אין דזשאו'ען ווידער גענומען — ווידער א ליבליכער אינטערעס צו זיי אלס „ניו וועדס", ערשט־פארהייראטע...

(פארטזעצונג מארגען)

אידישער סטארקיפער אין קליינער שטעטעל ליידעט פון „טשעין סטארס"

(שלום פון פיידוש 3)

שטעטלאך ביים ים אין ניו־דזשוירזי, ווי לאנג בראנטש, עסבערי פארק, ברעדלי ביטש, בעהמאר, וואס דאס זיינען זומער וואקיישאן שטעטלאך. איך בין אויך געווען אין די אידישע מאונטיין שטעטלאך, ווי מאנטיסעלא, ליבערטי, מאונטענדעיל, וואודרידזש, עלענוויל. איצטער בין איך אויפ'ן וועג קיין ניו־ענגלאנד, ווי מאסאטשוזעטס, קאנעטיקוט און רהאוד איילאנד.

עס זיינען דא געוויסע אונטערשיידען פון איין געגענד צום צווייטען. דער אונטערשייד איז אין די שנעלקייט. ווי אזוי דער קריזיס קומט, און אין די מיטלען וואס די אידישע ארימע ביזנעס־לייט בענוצען אין קאמף מיט די גרויסע טראסטס. יא, די אידלאך גיבען א געוואלדיגען ווידערשטאנד. און דאס איז דאס אינטערעסאנטסטע פון דער גאנצער געשיכטע.

וועגען דעם קאמף וואס דער ארימער איד גיט דער טשיין סטאר וועט אויסקומען צו דערצעהלען א סך טשיקאוועסע, און דאן וועט מיר אויסקומען צו שילדערען יעדען געגענד בעזונדער.

דערווייל, דאס וואס איך האב דא געזאגט וועגען דער טראגעדיע פון דעם ארימען אידישען ביזנעסמאן, געהט אויף אלע שטעדט און שטעטלאך פון דער פראווינץ.

דער הויפט טראגישער אויסגוס פון די טשעין סטארס איז געקומען אויפ'ן אידישען גראסערימאן.

די דרייגודס סטאר ליידעט פון דער צעהן סענט סטאר טשעין, אבער זי האט די טייערערע גרעסערע ארטיקלען, אויף וועלכע עס איז ניטא קיין טשעין סטאר. מיט דער דעפארטמענט סטאר, וועלכע האט אלערליי דרייגודס ארטיקלען, איז דעם אידען ניט שווער צו קאנקורירען. די דעפארטמענט סטאר האט גרעסערע אויסגאבען אנצופיהרען די ביזנעס, און דער איד, וועמען די ווייב און קינדער העלפען אין די ביזנעס, קען זיך ספראווען מיט דער דעפארטמענט סטאר. און ווידער, ווען א קאסטומער קומט אריין קויפען א העמד, קויפט ער שוין אויך א נאז־טיכעל פאר פופצעהן סענט. ער וועט ניט געהן ספעציעל צוליב דער נאז־טיכעל אין דער צעהן סענט סטאר.

ווער עס ווערט צוגעדריקט איז די אידישע גראסערי סטאר.

מען קען זאגען, אז די אידישע גראסערי סטארס האלטען זיך נאך אין די קריסטליכע שטעטלאך, א דאנק דעם וואס פון א סך פאבריקען האט מען ענטזאגט ארבייטער. די ארבייטסלאזע פאמיליעס דארפען נעהמען אויף בארג; די טשעין סטאר בארגט ניט, און דער איד לייזט דערווייל און פארשרייבט אויפ'ן ביכעל.

דער אידישער גראסערימאן כאפט אריין אביסעל לעזונג מיט דעם וואס ער שטעהט אויף פריהער און מאכט צו שפעטער זיין סטאר. ער האפט אויך אויף דעם וואס ער איז אין א זייטיגער גאס. יע, דער איד רוקט זיך אין די זייטיגע געסלאך.

צו דעם וואס דער אידישער ביזנעסמאן האט אמאל געשטרעבט, פאר דעם ציטערט ער איצט ווי פאר פייער. איך מיין די הויפט סטריט, מעין סטריט.

אמאל, אז א איד האט געהאט א סטארקע אן דער זייט פון מעין סטריט, איז ביי איהם געווען דער העכסטער ביזנעס אידעאל ארויפצוארבייטען זיך אויף א סטאר אין מעין סטריט, מיט לייטען גלייך.

איצטער ציטערט דער ארימער איד פאר מעין סטריט. אויף מעין סטריט פארט מען איבער. אויף מעין סטריט זיינען דא די וועלף, די טשעין סטארס. דער אידישער ביזנעסמאן זוכט ארויסצוקוקען זיך אן דער זייט, דארט וואו די טשעין סטאר זעהט זיך ניט אזוי אן. אויב ער איז א פאר בלאקס פון מעין סטריט, און עס ווערט אמאל א רעגען, קען ער לייזען א דאלער פון א בעל־הבית'טע וועלכע וועט זיך פוילען געהן אין רעגען צו מעין סטריט.

ער ציטערט פאר מעין סטריט, דער אידישער ארימאן. אויף מעין סטריט לא'ערט אויף איהם די געפאהר.

מאסקווע

(שלום פון בינטעל בריף פיידוש)

און די שטענדיג אזוי שטאטליך אויסזעהענדיגע צוויי לאנגע שפיצען פון זיין בארד, וואס האבען ביז צום לעצט געקעמפט געגען דער עלטער און איינגעהאלטען זייער געלען קאליר, זיינען מיטאמאל גרוי געווארען. דער גאנצער הויכער און שטאלצער מירקין האט זיך געבויגען און איז קלענער און איינגעשרומפענער געווארען.

בהינם האבען אין איהם אריינגערעדט אין דער שטיל, מיט נידעריגע שטימען, די צוויי סוחרים, אז עס איז נאך נישט צו שפעט, און עס וועט זיך נאך לאזען אראנזשירען.

ער האט זיי נישט געהערט און האט זיי אפגעענטפערט, כמעט ווי פאר זיך, אזוי ווי זיי וואלטען גארנישט געווען דערביי:

— עס איז נישט דאס. נישט אין פארמעגענס געהט עס. ניין. אין רוסלאנד, איז מיין לעבען. א גאנץ לעבען געבויט. געמיינט, אז איך בוי אויף א שטארקען פונדאמענט. קיין ווינטען, קיינע זאווערוכעס האבען מיך נישט געקענט אפשרעקען. איך האב געגלויבט אין דעם פונדאמענט, איהר פארשטעהט, אין דעם פונדאמענט. — אז אונטער דער בלאטע ליגט א קיזעלשטיין, און דער קיזעלשטיין וועט אלצדינג אויסהאלטען. עס איז אבער טאקע גארנישט מעהר, נאר בלאטע, און אלץ זינקט אין איהר איין...

דער טעי־סוחר ראזמאריו, וועמעס געדאנק איז איצט געווען פארנומען מיט דעם, ווי אזוי אפצוהאלטען דעם טראנספארט מיט טעי, וואס געהט צו זיין קאנטאר פון דער כינעזישער גרענעץ, האט געזאגט הויך, ארויסזינגענדיג די ווערטער, צו מירקין'ען און געטראכט דערביי וועגען אייגענע אינטערעסען:

— ס'וועט זיך דאך מוזען געפינען א וועג זיך צו קאמוניקירען מיט אויסלאנד.

—צוליב וואס? — פרעגט מירקין.

—צוריקצוהאלטען אונזערע קאפיטאלען.

— דאס וועט זיין פארראט. — האט דער אלטער מירקין געזאגט, צובייסענדיג דאס דאזיגע ווארט מיט זיינע נאך געזונטע ציין.

— נו, נו, געגען וועמען? — האט איהם אנגעענטפערט דער סוחר גאלדשטיין.

— געגען רוסלאנד!

— פאר וועלכען רוסלאנד? וועם וועט עס נאך זיין אויסגעלעבט? איך האב אייך שטענדיג געווארענט, גבריאל הוימאוויטש, אז איהר שטעלט צופיל איין אויף איין קארט.

— מיר איז נישט קיין חילוק, וועלכעם רוסלאנד, — האט געזאגט דער אלטער מירקין. — איך האב נישט קיין אנדער היים, און צו וואנדערען בין איך צו אלט. און איך באדויער נישט, וואס איך האב אלץ איינגעשטעלט אויף איין קארט. איך האב געגלויבט אין רוסלאנד.

— נו, נו, איהר וועט נאך קליגער ווערען, אויב עס וועט שוין נישט זיין צו שפעט, — האט דער נאפט־סוחר געענטפערט מיט א זיכערען שמייכעל.

— אך, זשידי, זשידי! — האט זיך מיטאמאל דערהערט די באלעבאטע שטימע פון דעם אדוואקאט, וועלכער איז צוגעקומען צו זיי, געארעמט האנט אין האנט מיט זיין קאלעגע, דעם רוסישען קאדעט. — גיב נאר א קוק ווי זיי זיצען ווי די געשאכטענע היהנער. עס האט זיך נאר וואס אנגעהויבען און זיי זיינען שוין געפאלען! — און איך, פארקעהרט, איך ווער שטארק אין קאמף. „דער ווינט איז דאס פערד, וואס טראגט מיין זאטעל", — האט ער אנגעהויבען צו דעקלאמירען פון א רוסישען קלאסיקער. גיט נישט מיט אייער דערשלאגענקייט קיין ביישפיל די איבעריגע. מוט, מוט און מוט! — איז דער באריהמטער אדוואקאט מיטאמאל לעבעדיג געווארען.

— ווען מיר וואלטען מיט בלויז מוט געקענט פארטרייבען די באלשעוויקעס פון'ם טעאטער־פלאץ, וואלט ער אונז שוין נישט פארפעהלט.

— און מיר וועלען זיי פארטרייבען אויך. מיר וועלען זיי ווייזען, ווער שטארקער איז. מיר הויבען שוין אן דעם משפט איבער זיי, טאקע היינט אויף דער נאכט.

עס האט זיך געפונען א פארטיידיגער, סמירנאוו. וואסילי יאקאוולעוויטש האט אויף זיך גענומען די דאזיגע טרויעריגע ראלע, געאפפערט זיך פאר'ן וואויל פון דער געזעלשאפט. מיר וועלען זיי שוין היינט איינמאל אפשטעמפלען, באשטימען דעם ריכטיגען פלאץ זייערען אין דער רוסישער געשיכטע.

—יא, יא, דאס וועט זיין דער ריכטיגער שפרוך געגען טייוועל. — האט דער נאפט־סוחר נעפראוועט באמערקען מיט א שמייכעל.

נאר דער אדוואקאט האט שוין ניט געהערט די שפאטישע באמערקונג פון דעם נאפט־סוחר. געארעמט מיט זיין קריסטליכען קאלעגע, ווי ער וואלט דורך דעם ארומנעמען געוואלט געבען א סימבאלישען באווייז, אז אין דער געפאהר געהען מיר אלע האנט אין האנט, איז דער אדוואקאט ארומגעגאנגען פון איין טישעל צום אנדערען און גערופען אלעמען בייצוואוואינען דעם משפט, וואו עס וועט ארויסגעטראגען ווערען דער ריכטיגער אורטייל אויף די באלשעוויקעס פאר דער רוסישער צוקונפט. און דער עולם האט זיך אויך שוין טאקע אנגעהויבען צו קלייבען. מען האט זיך אנגעהויבען צו רייסען איבער בענקלעך. די דינערשאפט איז געווען פארנומען מיט אויסריכטען אויף געשווינד א פראוויזארישע ביהנע, וואו עס זאלען זיצען די ריכטער און די געשווארענע. מיטאמאל איז עפעס געשעהן, און דער עולם איז געשטאנען און זיצען געבליבען א חושך מצרים.

די פינסטערניש האט אין דעם ערשטען אויגענבליק ארויסגערופען א פאניק. עס האבען זיך דערהערט א פאר ווייבערשע היסטערישע אויסרופען. נאר דא און דארט האבען באלד אויפגעפלאמט אנגעצונדענע עלעקטרישע טאשען־לעמפלעך, און אייניגע בכבוד'ע שטימען האבען פון פארשיידענע ווינקעלעך גערופען זיך צו בארוהיגען:

— איינשטילען, איינשטילען זיך. איינשטילען. ס'וועט באלד זיין ליכטיג.

— וואס הייסט דאס? וואס מיינט עס, ליבינקע?

און אלע אויגען האבען זיך געווענדעט צו דעם איינציגען, וואס קען געבען אויפקלערונגען, צו מישקא'ן.

— דאס מיינט, אז די באלשעוויקעס האבען באזעצט די עלעקטרישע סטאנציע, — האט מישקא אפגעענטפערט.

נאר קוים האט מישקא פארענדיגט דעם זאץ, האט די עלעקטריק אנגעהויבען ווידער צו לייכטען.

— אה! — האבען אלע אויגען אויפגעשטראלט און געקוקט אויף מישקא'ן מיט פרעמדקייט און אומצוטרוי.

— און דאס מיינט, אז די באלשעוויקעס זיינען אפגעשטויסען געווארען פון דער עלעקטרישער סטאנציע, — פארלירט זיך נישט מישקא.

— אזוי גיך? — וואונדערט זיך אן עלטערער הערר.

— עפעס שטימען דא נישט אינגאנצען אייערע ידיעות, טייערינקער. — און מען מוז מודה זיין, אז דאס מאל האט מישקא געליטען א צוריקשטויס אין זיין אויטאריטעט.

— נו, מיינע הערען, מיר'ן אנהויבען דעם משפט איבער די באלשעוויקעס. אט טאקע באלד. מיר האבען געפונען א פארטיידיגער, — האט אויסגערופען דער אדוואקאט, אנגעשטעקט פון דער זיכערקייט, וואס דאס צוריקגעפונענע עלעקטרישע ליכט האט ארויסגערופען ביים עולם. — טאקע, אט אין דעם זאל, אין אונזער „געפאנגענשאפט". מיינע הערען, פארנעמט די פלעצער, ביטע.

מיר מוזען מודה זיין, אז לײדער נאר א קליינער טייל פון'ם עולם, און דאס דער אינגערער עלעמענט, אזוי צו זאגען, דער אינטעליגענטער, איז געווען פאראינטערעסירט אין דעם דאזיגען עניין. און האט ארויסגעוויזען צו דעם וויכטיגען משפט, וואס דער אדוואקאט האט פאררופען איבער די באלשעוויקעס, דעם געהעריגען אינטערעס. דער איבעריגער טייל פון עולם און דאס דער גרעסטער, האט גאר קיין אינטערעס נישט געהאט צו דעם אורטייל, וואס איז אזוי נויטיג געווען ארויסצוברענגען פאר דער צוקונפטיגער געשיכטע.

זיי האבען זיך נישט געלאזט שטערען אין זייערע אנגעהויבענע „ביטקעס", אין זייערע טרינקערייען, וואס האבען איצט צוליב דער גוטער שטימונג, וואס האט זיך נאך מעהר פארשטארקט מיט דעם צוריקגעפונענעם עלעקטרישען ליכט, זיך צופלאקערט אין א ריכטיגען ברען. זיי האבען איבערגעלאזט דעם גאנצען פארפלאנטערטען עניין פון „באלשעוויקעס און מענשעוויקעס", אין וועלכען א גרויסע מדינה איז פלוצים אריינגעצויגען געווארען פאר די אידישע קעפלעך, און זאלען זיי זיך אליין רייסען ביי די האר.

עס איז אויך געווען שווער זיך פארנאנדערצוקלייבען אין דעם דאזיגען גאנצען עניין. אויב די דיסקוסיעס און רעדעס האבען ביים אנהויב פון דער רעוואלוציע נאך ארויסגערופען נייגעריגקייט און אינטערעס ביים ברייטען עולם און מען איז געקומען צושטראמען אין די מאסען צו הערען א פאליטישען רעדנער, זיינען זיי שוין איצט אזוי דערעסען געווארען, אז קיינער האט מעהר נישט געוואלט הערען קיין פאליטישע רעדעס.

דער עולם איז זיך צוקראכען פון דעם ביליארד־זאל, וועלכער צוריק אין זיין האטעל־צימער, וועלכער אין אלגעמיינעם בופעט, אפגעשטעלט האט זיך נאר א קליינע גרופע פון מענשען מיט „אריענטאציעס" און „פאליטישער באפארבונג". אבער דער באריהמטער אדוואקאט האט זיך נישט געלאזט אפשרעקען פון די ליידיגע שטולען. ער האט נאר באדויערט געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף דער איגנאראנץ פון דעם רוסישען עולם און געבראמט פאר זיך מיט א קרעכץ:

— אך, רוסלאנד, רוסלאנד!

די דינער האבען אויפגעשטעלט א לאנגען טיש, לויט דעם גייסט פון דער צייט, האבען זיי איהם באדעקט ניט מיט א גרינעם טוך, נאר מיט א רויטען. זיי האבען געשטעלט אויפ'ן טיש צוויי מיט ליכט אנגעצונדענע קאנדעלאבערעס, און מען מוז מודה זיין, אז ווען דער באריהמטער אדוואקאט האט זיך געזעצט הינטער'ן טיש, אויף דעם הויכען גאלדענעם פאטער־שטול, וואס איז צוליב דעם צוועק אוועקגעשטעלט געווארען, און פון ביידע זייטען זיינען געזעסען זיינע צוהעלפער, האט זיין גרויער, באוואקסענער קאפ האר, באשיינט פון דער יום־טוב'דיגער באלייכטונג פון דעם ליכט, ארויסגערופען צו זיך רעספעקט און אכטונג.

דער רויט־באדעקטער טיש מיט די לייכטענדע קאנדעלאבערעס האט צוגעגעבען דעם פראצעס חשיבות און שטימונג, אז מען האט געקענט מיינען, אז מען געפינט זיך מיט אן אמת אויף א היסטארישען משפט. עס האט נאר געפעהלט אויף דער וואנד, הינטער'ן טיש, א פאסיג בילד פון א רעגירענדיגער פערזענליכקייט. אבער דעם אדוואקאט'ס גרויער קאפ האט דאס אויך פארטראטען, און מיט א געריהרטער שטימע און פייערליכקייט אין טאן האט דער אדוואקאט אנגעהויבען זיין רעדע.

— מיינע הערען, דאס געריכט זיצט.

ניין, ניטא קיין געפאהר פאר א שפאלטונג אין ענגלישע לעיבאר פארטיי

(שלום פון פיידוש 2)

זיי האבען אויפגעוויזען מיט קלארע ציפערען די עולה וואס ווערט געגען זיי באגאנגען.

ביי די לעצטע וואהלען איז דער סך הכל פון די שטימען, וואס דאס פאלק האט געגעבען פאר פארלאמענט, געווען צוויי־און־צוואנציג מיליאן און 639 טויזענט, הונדערט מיט זיבעצעהן. פון דעם סך־הכל האבען אכט מיליאן, 664 טויזענט מיט 243 געשטימט פאר דער קאנסערוואטיווער פארטיי; אכט מיליאן, 362 טויזענט און 594 האבען געשטימט פאר דער לייבאר פארטיי; פינף מיליאן, 300 טויזענט מיט 947 האבען געשטימט פאר דער ליבעראלער פארטיי, און 311 טויזענט, 333 פאר די אנדערע פארטייען. ווען מען נעהמט אט די ציפערען אויסרעכענען אויף פראצענטען, געפינט מען אז די קאנסערוואטיווע פארטיי האט געצויגען אונגעפעהר עטוואס ווייניגער ווי פערציג פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל שטימען, די ארבייטער פארטיי — עטוואס מעהר פון 35 פראצענט, און די ליבעראלע פארטיי האט געקראגען עטוואס ווייניגער פון 25 פראצענט.

יעצט ווען מען זאל נעהמען די צאהל פון די 615 דעפוטאטען וואס שטעלען צוזאמען דעם פארלאמענט, און מען זאל עס אויך צוטיילען אויף פראצענטען, לויט דער צאל שטימען וואס זיינען געגעבען געווארען, וואלט די ליבעראלע פארטיי, וועלכע האט געצויגען כמעט א פערטעל פון דער אלגעמיינער צאהל שטימען, אויך בעדארפט האבען כמעט א פערטעל פון דער אלגעמיינער צאהל דעפוטאטען. ד. ה. אז פון די 615 דעפוטאטען וואלט די ליבעראלע פארטיי געדארפט האבען אן ערך 153 דעפוטאטען, די קאנסערוואטיווע פארטיי 242, די ארבייטער פארטיי אן ערך 215. דאס וואלט צוזאמענגעשטעלט די 610 דעפוטאטען פון די דריי באטרעפענדע פארטייען, אחוץ די 3 אינדעפענדענטס און צוויי (אירישע) נאציאנאליסטען. וועהרענד אין דער ווירקליכקייט האט די ליבעראלע פארטיי נור 59 דעפוטאטען, די קאנסערוואטיווע פארטיי האט 262 און די ארבייטער פארטיי האט 289 דעפוטאטען, און מיט די פינף אנדערע דעפוטאטען מאכט עס די צאהל 615.

אט די עולה, וואס די ליבעראלען האבען געליטען ביי די לעצטע וואהלען, האט געצוואונגען ללאיד דזשארדזש'ן פארזיכטיגער צו זיין אין זיין שטעלונג צו דער רעגירונג אין פארלאמענט. אמת טאקע, אז ללאיד דזשארדזש איז אין יעצטיגען פארלאמענט א תקיף, דערמיט וואס זיין הייפעלע דעפוטאטען האלטען דעם באלאנס פון די אנדערע צוויי פארטייען און דעם שיקזאל פון דער רעגירונג אין זייערע הענט. אבער זיין לאגע איז יעצט אזא, אז ער וואלט פאר קיין פאל ניט געוואלט ארונטערווארפען די יעצטיגע ארבייטער רעגירונג און פאראורזאכען נייע וואהלען, ווייל ער ווייסט אז אונטער די יעצטיגע אומשטענדען, ווען עס זאל זיין אן עלעקשאן, וואלטען די ליבעראלען געליטען נאך א גרעסערע נידערלאגע ווי ביי די לעצטע וואהלען.

ללאיד דזשארדזש, וויסענדיג אז די לייבאר פארטיי איז געאייניגט אויף דעם, אז וואהל־רעפארמען זאלען געמאכט ווערן, און אז די יעצטיגע רעגירונג איז זעהר שטארק פאראינטערעסירט אז אזא געזעץ זאל וואס גיכער אריינגעבראכט ווערען אין פארלאמענט, זעהט אין דעם די בעסטע געלעגנהייט צו פארווירקליכען זיין חלום וועגען „פראפארשענעל ־ רעפרעזענטעישאן", וועלכע ער האלט פאר דעם איינציגען מיטעל צו ראטעווען זיין פארטיי. ער ווייסט, אז ביי א קאנסערוואטיווער רעגירונג וועט ער אזא „טשענס" ניט האבען. און אז אויך א ליבעראלע רעגירונג וועט ער דארפען זעהר לאנג ווארטען. דערפאר וויל ער בעסער אויפהאלטען אן ארבייטער רעגירונג, וועלכע איז גערן געוויסע רעפארמען איינצופירען. אבער ערקלערען עס עפענטליך פאסט דאך נים, ווייל דאס וואלט דאך אינגאנצען אפגעשוואכט דעם איינפלוס וואס זיין פארטיי האט אין פארלאמענט, שפילט דאריבער דער כיטרער ללאיד דזשארדזש די ראליע פון איינעם וואס סטראשעט, אז ער וועט שלאגען, אבער וואס וואגט ניט א האנד אויפצוהויבען, מורא האבענדיג פאר דער אייגענער פעל.

דערפאר, ווען מיט עטליכע וואכען צוריק איז געקומען דער קריטישער מאמענט, ווען די קאנסערוואטיווע פארטיי איז ארויסגעטראטען געגען א וויכטיגען פונקט פון קויהלען־ביל, וואס די רעגירונג האט אריינגעטראגען, האט ללאיד דזשארדזש צוריקגעצויגען זיין געגען־רעזאלוציע, אבי ניט צו שטעלען די רעגירונג אין געפאהר, כאטש מיט עטליכע טעג פריהער האט ער אויף א געוויסען פונקט געשטימט מיט די קאנסערוואטארען, און די רעגירונג איז טאקע נידערגעשטימט געווארען. ללאיד דזשארדזש האט כלומרשט אנגעגעבען א תירוץ, אז ער וויל ניט שאפען קיין קריזיס אין דער רעגירונג אום ניט צושטערען דעם פלאטען קאנפערענץ. אבער אלע האבען זיך אויסגעלאכט דערפון. ווייל אלע ווייסען, אז ללאיד דזשארדזש קען פארלויפיג נור וואגען צו שטשירען מיט די ציינער אויף מעקדאנאלד'ן, אבער ניט צו בייסען, ווייל ער ווייסט, אז עס איז ניט צו גונסטען פון זיין פארטיי יעצט צו מאכען נייע וואהלען.

צוליב דיזע מאטיווען און בלויז צוליב די אויבענדערמאנטע אורזאכען, היט זיך די ליבעראלע פארטיי פון צו שאפען א קריזיס אין דער ארבייטער רעגירונג און צו מאכען נייע וואהלען. ניט ווייל עס איז דא אירגענד וועלכער אפמאך צווישען ללאיד דזשארדזש'ן און מאקדאנאלד'ן. קיין פארטיי וויל יעצט ניט האבען א נייע עלעקשאן, און דאס פאלק אליין וויל עס געווים ניט. די ברייטע ארבייטער מאסען באגרייפען גאנץ גוט, אז אונטער די אומשטענדען האט די ארבייטער רעגירונג געטאן נור דאס, וואס זי האט געקענט, ניט וואס זי האט געוואלט. און אויף ווי ווייט מעקסטאן'ס „רעוואלוציע" איז ממשות'דיג, קען מען זעהן דערפון, וואס פון די צוויי הונדערט ארבייטער דעפוטאטען אין פארלאמענט וואס זיינען מיטגלידער פון דער „אי־על־פי", זיינען נור 22 מיט מעקסטאנען, און אפילו די זיינען אויך ניט אויף אלע פונקטען איינשטימיג מיט איהם.

פונקט אזוי ווי עס איז איבערגעטריבען די זאגענאנטע פריינדשאפט צווישען דער ליבעראלער פארטיי מיט דער לייבאר־פארטיי, אזוי איז אויך איבערגעטריבען די זאגענאנטע פיינדשאפט צווישען דער לייבאר פארטיי און די „אי־על־פי". מיינונגס־פארשידענהייטען זיינען געווים דא, אבער פון א שפאלטונג אין דער באוועגונג איז עס ווייט, ווייל די ארבייטער באוועגונג איז צו שטארק זי זאל זיך לאזען שפאלטען פון יעדען איינעם...

ענדליך איז ערשינען

די מערקווירדיגע לעבענסגעשיכטע פון

מאיר לאנדאן

די ביאגראפיע פון דעם באליבטען אידישען סאציאליסט און ארבייטער־פיהרער איז געשריבען פון הלל ראגאף — די ביאגראפיע ערשיינט גלייכצייטיג אין אידיש און אין ענגליש — פראכטפולע אויסגאבען פון דעם לעבען פון א בארימטער פערזענליכקייט — ספעציעלער פרייז פאר די לעזער פון „פארווערטס".

קיין איין מענש איז ניט געווען אזוי איינגעבאקען אין הארצען ביי די ברייטע אידישע מאסען פון אמעריקע; קיין איין אידישער סאציאליסט און ארבייטער־פיהרער איז ניט געווען אזוי באליבט, כמעט פארגעטערט, ווי דער פארשטארבענער מאיר לאנדאן.

ווי אזוי אט דער אידישער אימיגראנטען־איינגעל איז אויסגעוואקסען צו זיין דער איינציגער סאציאליסטישער קאנגרעסמאן; ווי אזוי דער געוועזענער ארבייטער האט זיך ענטוויקעלט אין איינעם פון די גרעסטע רעדנער וואס אמעריקע האט געהאט; ווי אזוי לאנדאן'ס אידעאליזם איז בייגעשטאנען אלע נסיונות פון דעם פארגרעבטען און געלד־גייציגען ניו יארק; ווי אזוי לאנדאן האט אוועקגעגעבען זיין צייט און געלד פאר די זאכען וואס ער האט געקעמפט; זיין כאראקטער; זיין טעמפעראמענט; זיין אייגענארטיגע פערזענליכקייט; זיינע טהאטען און זיינע באריהמטע רעדעס — דאס אלעס ווערט גרינדליך און טאלאנטפול דערצעהלט אין

הלל ראגאף'ס בוך
מאיר לאנדאן
(א ביאגראפיע)

דאס בוך ענטהאלט 400 זייטען מיט דריי קינסטלערישע פארטרעטען פון לאנדאנ'ען אויף א ספעציעלען פאפיר, איז פראכטפול געבונדען און ווערט פארקויפט צו 2 דאלאר.

לעזער פון „פארווערטס" אדער סובסקרייבער פון „פארווערטס", וועלכע וועלען אויספילען דעם קופאן, קענען עס קריגען נאר פאר 1 דאלאר.

די וואס ווילען האבען דאס בוך דעליווערט דורך פאסט דארפען צוצאהלען 15 סענט.

פילט אויס דעם קופאן און שיקט עס צוזאמען מיט $1.15, אדער ברייננט עס אין אפיס פון „פארווערטס" מיט 1 דאלאר און איהר וועט גלייך קריגען דאס בוך.

קופאן

איך לעג דא אריין א דאלאר מיט פופצעהן סענט (אדער א דאלאר) און איך בעט אייך מיר גלייך צוצושיקען די לעבענס־באשרייבונג פון מאיר לאנדאן, פון ה. ראגאף.

נאמען — — — — — —

אדרעס — — — — — —

AN EAST SIDE EPIC

The Life and Work of Meyer London by H. ROGOFF.

Meyer London who was killed by an automobile nearly three years ago, was one of the most remarkable and most beloved personalities in New York. From an immigrant boy, he rose to become the only Socialist Congressman to have the whole nation listen to his fiery criticism of our economic and political system, to have his every step and utterance admired by hundreds of thousands of working people through the country to whom he gave all of his time, all of his money and all of himself.

To read his life just published by the Vanguard Press and written by a brilliant journalist, is to get education. His life is inspiring to all who have an interest in social causes and in a better world. He wasn't just a dogmatist or a teacher. He was a *most striking* personality and stamped everything he touched with the *fire of his temperament*, with the brilliancy of his thought, with the depth of his human experience.

The book contains over 300 pages, is printed on good paper, is beautifully bound and jacketed and its retail price is three dollars. Readers or mail subscribers of the Forward who wish to get this book, have got to fill out the coupon printed below, with $1.15 to cover the cost of the book and postage.

A BRILLIANT BIOGRAPHY OF A BRILLIANT MAN

The late lamented MEYER LONDON was one of the most lovable and unique personalities which the East Side produced.

Teacher, orator, labor attorney, propogandist, idealist and first Socialist congressman from the lower East Side. Meyer London was loved and honored by *hundreds of thousands of immigrant* Jews as few other East Siders have been loved and honored. His tragic death a few years ago was universally mourned and his bier was followed by fully fifty thousand persons.

And now Harry Rogoff, managing editor of the Forward, has written a full length biography of London under the title: "AN EAST SIDE EPIC". The book has been issued by the Vanguard Press and is on sale wherever good books are sold. The readers of this paper will not require much coaxing to buy the new London biography. Those who knew Meyer London — and to know him was to love him — will want to own the book.

COUPON

I herewith enclose $1.15 (or one dollar) and you will please send me the biography of Meyer London "AN EAST SIDE EPIC" by H. ROGOFF.

Name.....................

Address.....................

Jewish Daily Forward
175 East Broadway, New York

אדווערטייזמענט

געבריכטע

עס איז מעהר ניט נויטיג צו געהן אין האספיטאל פאר אן אפעראציע, ליגען וואכען לאנג אין בעט, פארלירען צייט, אויסגעבען פיעל געלט און ליידען, ווען איהר קענט געהאלפען ווערען דורך אן אריגינעלע וויסענשאפטליכע מעטאדע וועלכע איז זיכער, אנשעדליך און טהוט ניט וועה.

טויזענדער האבען זיך באפרייט פון זייערע ראפטשורס דורך דיזער מעטאדע, און איהר קענט זיך באנוצען מיט דער זעלבער געלעגנהייט. הער טאקע צו ליידען און ערגערען זיך מיט דער טעגליכער ריזיקע צוזאמענצובראכען ווען דיזע טריטמענט וועט אייך געבען גרויסע און ענדגילטיגע הילף.

לאזט מיר אייך געבען פולע אינפארמאציע אין מיין אפיס טעגליך (אויסער זונטאג), פון 10 מארגענס ביז 6 אוונט. מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג אוונט פון 6 ביז 8.

DR. NYE.
113 East 31st St., Near Fourth Ave.

באהאלט ניט אייער פנים אונטער א שלייער!

עס מאכט ניט אויס ווי באפלעקט אייער פנים זאל ניט זיין מיט זומער־שפרינקלאך, פינסלאך, לישאיעס, אדער אנדערע צייכענס — קען דאס אין גאנצען לויטער ווערען און עטליכע טעג. קריגט א באקס נום. 1 ליביט זאלב, געברויכט דאס א פאר מאל און אייער געזיכט וועט ווערען לויטער און באקומען א שעהנעם קאמפלעקשאן.

דיזע צופערטיגונג פאר דער באהאנדלונג פון זומער־שפרינקלאך איז געוועהנליך אזוי ערפאלגרייך אין ארונטערנעהמען די זומער־שפרינקלאך און אין געבען א לויטערען און שעהנעם קאמפלעקשאן.

ליביט זייף איז א ריינע זייף, וואס וועט רייניגען די הויט־לעכעלעך און פארהיטען פון פארניפטונגען.

ליביט זאלב 50ס.—ליביט זייף 20ס.

אין אלע דראג סטארס אדער דירעקט פון אונז. שיקט סטעמפס אדער מאני ארדער צו:

LIBIT CHEMICAL CO.
308 West 133rd Street, New York

אדווערטייזמענט

א שנעלער וועג צו אפשטעלען דער בעיבי'ס אויפרעגונג

„פונקט ווי אנדערע מוטערס, פלעג איך אויך באאונרוהיגט ווערען ווען די בעיבי האט אנגעפאנגען צו וויינען". ערקלעהרט א סיראקיוזער פרוי. „פילע מאל ווען זי איז געווען ניט אויפגעלעגט אדער פארשטאפט, האב איך פרובירט קאסטאר־איל, אבער די בעיבי האט עס ניט געקענט פארטראגען. אונזער דאקטאר האט מיר געהייסען פרובירען פלעטשער'ס קאסטאריא. ווייל ס'איז אונשעדליך און די עופה'לאך גלייכען עס.

„דאס האט געמאכט אן ענדע צו מיינע זארגען. און זייט דאן האב איך עס געברויכט פאר אלע מיינע קינדער". קאסטאריא פארפעלט קיינמאל ניט צו בארוהיגען די מוטערס דורך דעם שנעלען וועג וואס עס שטעלט אפ אלע קינדערשע טראבעלס: ווי קאליק, פארשטאפונג, קאלדס א. ד. ג. דאס איז די אורזאכע פארוואס ס'האט אזא ריזיגע פארקויף און פאפולאריטעט. און ווי אלע גוטע זאכען, ווערט דאס נאכגעמאכט. אבער די עכטע קאסטאריא — דער זויבערער וועדזשעטעיבעל פראדוקט — האט אימער דעם נאמען פלעטשער אונטערשריפט.

פרויען, זעהט אויס שעהנער

אויב איהר האט איבעריגע האר אויפ'ן פנים דאן קומט צו דער בארימטער קינסטלערין

פ. קאטץ

ספעשעליסט האט געמופט אין 395 גרענד סט. (ערשטען פלאר)

פיל יאהריגע פראקטיס אין באזייטיגען האר פון פנים דורך עלעקטריק נידעל אהן שמערצען. קיין צייכענס און בראדוועקס און נאסור פלעקען ארויסגענומען. באראטונג פריי. אלע מיינע ארבייט גאראנטירט.

F. KATZ, 395 Grand Street
Bet. Clinton and Suffolk Streets
Phone Orchard 10009

SUPERFLUOUS HAIR

ראוז קופער

גאראנטירט צו פארניכטען שנעל אויף אימער איבעריגע האר פון געזיכט דורך עלעקטרישע נידעל אהן שמערצען; קיין סמנים. הונדערטער ליידענדע קורירט אויף אימער דורך מיין פיעל־יעהריגער פראקטיק.

באראטהונג פריי

ROSE COOPER, Specialist

(גרעדזשאייט קאלעדזש און עלעקטראליסיס)

אלע מיינע ארבייט אונטער דאקטאר'ס אויפזיכט.

2 East 116th Street, cor. 5th Ave.

ערשטען פלאר. טעל. יוניווערסיטי 4958

מאדאם

בענענסאן

1346 איסטערן פארקוויי, ברוקלין

אפט. 1 „בי"

א ספעציאליסטין אין ארויסנעמען איבעריגע האר אהן שום שמערצען אויף אימער מיט א פארפילפאכטע עלעקטרישע נידעל. מיין פיל יאריגע פראקטיק איז מיין בעסטע גאראנטי.

Mme. BENENSON
1346 Eastern Parkway, Brooklyn
Apt. 1-B Tel. Slocum 10239

נייעס פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס

דער קאַמף געגען שווינדזוכט; און דער דעבאָראַ סאַניטאַריום

צו דער פינפטער יעהרליכער קאָנווענשאַן, וועלכע עפענט זיך היינט אָוונט אין פילאַדעלפיא. — א געשפּרעך מיט דזשאַדזש דזשייקאָב פענקין, טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דעבאָראַ סאַנאַטאָריום.

דזשאַדזש דזשייקאָב פענקין האָט פאַר לאַנגע יאָהרען גענומען א גרויסען אינטערעס צו העלפען שווינדזיכטיגע און ער האָט גרינדליך שטודירט די מעהרסטע אידישע קאָנסאַמפּטיוו סאַניטאַריומס. עס איז דעם שרייבער געווען זעהר אינטערעסאַנט צו הערען, וואָס דזשאַדזש פענקין האָט צו זאָגען וועגען דער סאָציאַלער זייט פון שווינדזוכט און וועגען דעם נייעם איסטערן סאַנאַטאָריום. דזשאַדזש פענקין האָט צווישען אַנדערעס געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„ווען מיר נעמען די פראַגען פון שווינדזוכט אין דעם ברייטען זין, קומען מיר צום שלוס, אַז שווינדזוכט איז מעהר ווי אַלע א סאָציאַלע קראַנקהייט. עס איז איינע פון די שרעקליכסטע קראַנקהייטען, פון וועלכער די מענשהייט ליידט איצט. און צו דער זעלבער צייט איז דאָס א קראַנקהייט, די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון וועלכער עס ליגט אין גאַנצען אויף דער געזעלשאַפט. ריכטיגער געזאָגט, איז דאָס ניט קיין קראַנקהייט, נאָר א פאַרברעכען. עס איז אן אומהייליבערע קראַנקהייט, ווייל די מעדיצינישע וויסענשאַפט האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג גאָרניט אויסגעפונען ווי אַזוי צו היילען דיזע שוידערליכע פאַרצערענדע קראַנקהייט. אין דערזעלבער צייט איז דאָס א קראַנקהייט, וועלכע מען קען פאַרהיטען. עס איז דערפאַר די שולד פון דער געזעלשאַפט, איבערהויפּט די שולד פון דער רעגירונג, וואָס שווינדזוכט איז אַזוי פאַרשפּרייט און וואָס זי נעמט יעדען יאָהר אַוועק הונדערטע טויזענדע מענשליכע קרבנות.

„דורך דער מעטאָדע צו פאַרהיטען און דורך שאַפען אַזעלכע לעבענס-באַדינגונגען פאַר דער באַפעלקערונג אין אונזערע גרויסע באַזעצטע שטעט קען די געזעלשאַפט ערפאָלגרייך באַקעמפען די ווייסע פּלאַג, די שרעקענדע ביטש פאַר מיליאָנען אויסגעצערטע אַרבייטער. שווינדזוכט וואָלט דאַן פאַליכט פאַרגעסן געוואָרען, צוזאַמען מיט אַלע איהרע שרעקען, מיט דעם עלענד און פּיין, וואָס זי פאַרשאַפט טויזענדער ליידענדע, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליען. עס איז באַוויזען געוואָרען, אַז די גרעסטע מאַיאָריטעט מענשען טראָגען אין זיך די באַצילען פון טובערקולאָזיס. און נאָר ווען אונזער קערפּער ווערט אָפּגעשוואַכט, ווערט ער א נעסט פאַר די מיקראָבען, וועלכע הויבען זיך אַן שרעקליך גיך צו פאַרמערען און זיי באַפאַלען זייער קרבן. און וואָס שוואַכער דער קערפּער איז, אַלץ וועניגער שאַנסען האָט ער זיך אויסצודרעהען פון זייערע נעגעל, די נעגעל פון דעם מלאך המות. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז מיר קענען ניט באַשולדיגען די מיקראָבען פאַר זייער טויטליכער אַרבייט, נאָר די שולד ליגט אויף דער געזעלשאַפט, וועלכע שאַפט ניט די פאַרבעסערטע צושטאַנדען און ניט ניט קיין באַוואָרענישען איהרע מיטגלידער זיי זאָלען זיין פאַרהיט פון די שרעקען פון שווינדזוכט.

„עס האָט געדאַרפט און געזאָלט זיין די רעגירונג, וועלכע זאָל מיט איהר גאַנצער מאַכט און מיט אַלע איהרע רעסאָרסען זיך שטעלען אין א גיגאַנטישען קאַמף געגען דער פּלאַג פון דער ליידענדער מענשהייט—געגען שווינדזוכט. יעדע רעגירונג האָט געדאַרפט נעמען א האַנט אין דער אַנשטרענגונג אויסצוראָטען שווינדזוכט. עס זיינען פאַראַן פילע וועגען, און די הויפּטזאַך די אויפהויבען די לעבען-סטאַנדאַרדס פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, און אַז אַרבייטער-פאַמיליעס זאָלען ניט זיין געצוואונגען צו לעבען אונטער די שוועהרסטע באַדינגונגען, אָהן לופט, אָהן זון און אָהן ריכטיגע נאַהראַפטע שפּייז.

„שווינדזוכט איז א קראַנקהייט, וועלכע הויבט זיך אַן צו אַנטוויקלען גאַנץ פריה און עס נעמט יאָהרען ביז די קראַנקהייט ווייזט זיך אַרויס, ווען זי האָט שוין ווייט פאַרגרעסערט. קיין מעהר פאַטעטישע זאַך, ווי שווינדזוכט ביי קינדער, קענען מיר זיך גאַרניט פאָרשטעלען. עס פרעגט זיך דערפאַר, פאַרוואָס זאָלען ניט די פּאַבליק סקולס זיך אָפּגעבען מיט פאַרהיטענדער אַרבייט צווישען קינדער? וואָלט דאַן ניט געווען איינע פון די ווירקזאַמסטע אויפגאַבען פון די סקולס, אַז אַלע קינדער זאָלען אָפּט און גרינדליך אונטערזוכט ווערען דורך דאָקטוירים און מיט דער הילף פון עקס-רעיס און אַנדערע מאָדערנע מיטלען זאָל אויסגעפונען ווערען, צי זיינען זיי ניט אין געפאַהר צו ווערען קאַנדידאַטען אויף סוכאָטע? עס איז דאַן די בעסטע צייט זיי צו פּראָווען ראַטעווען, און אונזערע אַנשטאַלטען וואָלטען פאַרלויפיג פון איינגע דורות זיך גאַנצען אויסגעליידיגט פון זייער באַפעלקערונג פון ליידענדע, האָפענונגסלאָזע קראַנקע אויף שווינדזוכט. מיר זעהען, אַז די רעגירונג אין וואַשינגטאָן ספּענדט יעהרליך מיליאָנען צו פאַרהיטען קיה, חזירים און טשיקענס פון צו קריגען שווינדזוכט און אַנדערע אַנשטעקענדע און פאַרצעהרענדע קראַנקהייטען. פאַר וואָס ניט געהן איין שריט ווייטער און אַנווענדען דיזעלבע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג אויף מענשען און מענשליכע קינדער?

„נאַטירליך, איז דאָס דערוויל בלויז א וואונש, און כאָטש איך דענק — האָט דזשאַדזש פענקין ווייטער געזאָגט — אַז די זאַך פאַרדינט די ברייטסטע און ענערגישסטע פּראָפּאַגאַנדע, דאַרף מען מיר איצט אונזער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט שענקען דער אויסצעהרענדער קראַנקהייט. די ליידענדע, געפעהרליך-קראַנקע מענשען קאָנען ניט וואַרטען ביז די רעגירונג וועט אַנהויבען א ברייטע פּראָגראַם פון סאָציאַלער הילף. זאָגאַר די קינדער, וועלכע זיינען גענייגט צו דער קראַנקהייט, קאָנען ניט וואַרטען. ביי היינטיגען טאָג איז די אַרבייט פון די סאַנאַטאָריומס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. און איינער פון די וויכטיגסטע אַנשטאַלטען אין קאַמף געגען שווינדזוכט דאָ אין דער איסט, און וועמעס פיהרער עס צייכענען זיך באַזונדערס אויס מיט זייער נאָבעלער און מענשענפריינדליכער אַרבייט, איז דער דעבאָראַ-סאַנאַטאָריום."

צו די איינפאַכע און דאָך איינציגע מיטלען, וואָס די מעדיצינישע וויסענשאַפט ווייס אין איהר אַנגעשטרענגטען קאַמף געגען דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט, און דאָס זיינען, נעמליך, פרישע לופט, זונשיין און ריכטיגע נאָהרונג, איז פאַראַן נאָך א וויכטיגער הילפס - מיטעל, און דאָס איז הארציגקייט און סימפּאַטיע פון די מיטמענשען. מען מוז אַלעס טאָן אום אַריינצוברענגען ליכט און וואַרעמקייט אין די הערצער פון די קרבנות פון שווינדזוכט, און דאָס איז וויכטיג ניט נאָר פאַר די, וועלכע לונגען עס זיינען צולעבערט, נאָר אויך פאַר זייערע פאַמיליען. און דאָס ווערט געטאָן פון דער דעבאָראַ סאַנאַטאָריום.

דער דעבאָראַ סאַנאַטאָריום, וועלכער געפינט זיך אין בראַון'ס מילס אין די פּיינס, איז איינער פון די יינגסטע אַנשטאַלטען אין קאַמף געגען שווינדזוכט, וועלכע אונזערע אימיגרירטע מאַסען האָבען אויפגעבויט. ער איז ערשט זיבען יאָהר אַלט און שטעלט מיט זיך פאָר די ווערטהפולע אַנשטרענגונגען און אויפטו פון אָרגאַניזירטע הילף געגען שווינדזוכט. וואָס עס צייכענט באַזונדערס אויס, דעם דעבאָראַ פון אַנדערע עהנליכע אַנשטאַלטען, איז דער פאַקט, וואָס ער איז געבויט געוואָרען נאָהענט צו די גרויסע אידישע צענטערס, ווי ניו-יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, די שטעט פון ניו דזשוירזי א. א. וו. הונדערטע קראַנקע זיינען אין צייט אָפּגעראַטעוועט געוואָרען, איידער מען האָט די קראַנקהייט פאַרנאַכלעסיגט, א דאַנק דעם, וואָס דער אַנשטאַלט געפינט זיך בלויז א פּאָר שטונדען רייזע פון ניו יאָרק און די אַנדערע גרויסע שטעט, וואו עס וואוינען די אָרימע אידישע מאַסען, וועלכע געבען, ווי באַקאַנט, א גרויסען פּראָצענט פון אַלע אונזערע אַנגעגריפענע אויף שווינדזוכט. פילע אָפּגעצעהרטע אַרבייטער זיינען באַפרייט געוואָרען פון זייער אומגעזונטען אָרט לעבען ווען מען האָט זיי גענומען אין א ריכטיגע אומגעבונג מיט די ריכטיגע סאַנאַטאָריום-טריטמענט. די קראַנקע דאַרפען וואָס וועניגער וויסען פון זאָרג און אומרוהיגקייט. די מעהרסטע דאָקטוירים האַלטען איצט, אַז עס איז פיל בעסער די קראַנקע ניט אָפּצורייסען אין גאַנצען פון זייערע ליבע און טייערע. די איינציגע שטערונג איז, וואָס דער דעבאָראַ אַנשטאַלט איז צו קליין און ער קען ניט אַריינגעמען די אַלע, וועלכע ווענדען זיך צו איהם. די דאָזיגע פראַגע האָט באַשעפטיגט די פיהרער פון דער אינסטיטושאַן כמעט פון ערשטען טאָג זינט זיי האָבען זייער איצטיגען סאַנאַטאָריום געעפענט. זיי האָבען די גאַנצע צייט געפּלאַנט צו פאַרגרעסערען דעם סאַנאַטאָריום, און צו בויען נייע געביידעס. שוין איינגע יאָהר ווי זיי גיבען אַוועק זייערע בעסטע כוחות צו פאַרווירקליכען זייערע פּלענער, און ווען ניט דער מאַנגעל אין געלט, וואָלט דער געפּלאַנטער מיליאָן דאָלאַר איסטערן סאַנאַטאָריום שוין לאַנג געווען א פאַקט. א גרויסער טייל פון דער נויטיגער סומע געלט איז שוין געשאַפען געוואָרען און די טוער פון אַנשטאַלט, מיט מרס. סאָלאָמאָן שאַפּירא, די גרינדעריון און פּרעזידענטין פון דער דעבאָראַ, אַן דער שפּיץ, האָבען דורכגעפיהרט געלד-זאַמלונגען אין פאַרשידענע טיילען פון דער איסט. נאַטירליך, דער איצטיגער קאָנווענשאַן וועט אויסקומען צו שפּילען די וויכטיגסטע ראָלע צו דערנעהנטערען דעם טאָג, ווען א גרויסער, מאָדערנער איינגעריכטעטער שפּיטאָל פאַר די איסטערן סטייטס וועט עפענען זיינע טירען פאַר די הונדערטע אָפּגעשוואַכטע, אָפּגעצעהרטע מענער און פרויען, וועלכע טרוימען שוין לאַנג וועגען איהם.

א גרויסען אינטערעס אין דעם סאַנאַטאָריום האָבען גענומען אונזערע אַרבייטער רינג ברענטשעס, טרייד-יוניאָנס, ווי אויך סאָסייעטיס, לאַנדסמאַנשאַפטען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די ערשטע פון א ריהע געביידעס, וואָס וועלען מיט זיך פאָרשטעלען דעם נייעם מיליאָן דאָלאַר סאַנאַטאָריום, וועלכען די דעבאָראַ טראַכט צו צו בויען אין בראַונס מילס, איז שוין אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען, און איז אויך באַשטעטיגט געוואָרען דורך די אַרכיטעקטאָרישע ראַטגעבער און דורך דער בילדינג קאָמיטע. מר. ש. ב. קידנער, באַקאַנטער סאַנאַטאָריום-בויער, איז אַרכיטעקט.

די קאָנווענשאַן פון דער „דעבאָראַ" סאַניטאַריום וועט ערעפענט ווערען היינט, שבת אָוונט, אין „וואַי" בילדינג, בראָאַד און פּיין סטריט, פילאַדעלפיא.

א גרופּע טוער פאַר'ן דעבאָראַה סאַניטאַריום

50 יאָהר געשיכטע פון א שטיק אידיש לעבען דערצעהלט דר. לעאָן בראַמסאָן אויף זיין אַפּשייד-אָוונט

מאָנטאָג אָוונט, דעם 28-טען אַפּריל, איז אין פּענסילווייניא האָטעל פאָרגעקומען אן אַפּשייד-אָוונט פאַר דר. לעאָן בראַמסאָן, פּרעזידענט פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון „אָרט", פאַר זיין אָפּרייזע פון אַמעריקא קיין אייראָפּא. די אַנגעזעהענסטע פּערזענליכקייטען פון דער אידישער אינטעליגענץ אין ניו יאָרק זיינען געקומען זאָגען א „זייגעזונט" דעם דר. בראַמסאָן.

אין ברייטע שטריכען און קלאָרע בילדער האָט דר. ל. בראַמסאָן דערצעהלט די געשיכטע פון „אָרט", וואָס פייערט איצט זיין פופציג-יאָהריגע עקזיסטענץ. פאַר די צוהערער איז דורכגעגאַנגען ניט בלויז די געשיכטע פון „אָרט", נאָר אויך די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין מזרח-אייראָפּא פאַר די לעצטע פופציג יאָהר, פאַרשיידענע עטאַפּען פון דער אידישער רעכטלאָזיגקייט אין דעם אַלטען רוסלאַנד.

— פינף און צוואַנציג יאָהר — דערצעהלט דר. בראַמסאָן — איז דורכגעגאַנגען ביז דער „אָרט" האָט באַקומען אן ערלויבניש פון דער רוסישער רעגירונג צו עקזיסטירען אַלס א לעגאַלע אָרגאַניזאַציע. כדי דער „אָרט" זאָל פונקציאָנירען געזעצליך אין רוסלאַנד, האָט געמוזט פאָרקומען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע אין יאָהר 1905. נאָך דעם יאָהר 1906 האָט דער „אָרט" אַנגעהויבען צו שטייגען אין אַלע הינזיכטען. וויכטיגע אַרבייט האָט דער „אָרט" אויפגעטאָן אין דער צייט פון מלחמה, בעת די הונדערטער טויזענדער אידען זיינען פאַריאָגט געוואָרען פון זייערע היימען אין טיף רוסלאַנד און מען האָט זיי געמוזט פאַרזאָרגען מיט אַרבייט, מיט געצייג. דער שטאַרקסטער אויפבליה פון „אָרט" קומט פאַר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, נאָך דער צוטיילונג פון רוסלאַנד, ווען דער „אָרט" ווערט אַן אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט דער „אָרט" 90 לאָקאַלע קאָמיטעטען. דער יעהרליכער בודזשעט פון „אָרט" באַטרעפט 900 טויזענט דאָלאַר. ניטאָ קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וואו דער „אָרט" זאָל ניט זיין טעטיג.

— די גאַנצע אידישע וועלט — זאָגט דר. ל. בראַמסאָן — דאַרף פייערען דעם 50-יאָהריגען יובילעאום פון „אָרט"; פייערען אויף א ממשות'דיגען אופן. צו דעם אַנדיינקען פון דעם דאָזיגען יובילעאום זאָלען געבויט ווערען אַרבייטס-הייזער אין די אידישע שטעט פון מזרח-אייראָפּא. די דאָזיגע אַרבייטס הייזער זאָלען זיין צענטערען פון אידישער האַרעוואַניע.

און דר. ל. בראַמסאָן דריקט אויס זיין האָפנונג, אַז אויך אַמעריקא וועט זיך באַטייליגען אויף א ווירדיגען אופן אין אָט דעם יום-טוב.

נאַוואַרידקער רעליף אַראַנזשירט א קאָנצערט פאַר הילפס אַרבייט

די היגע נאַוואַרידקער לאַנדסלייט האָבען אַראַנזשירט א גרויסאַרטיגען קאָנצערט פאַר היינט שבת אָוונט, 3טען מאַי, אין 64 איסט 4טע סטריט. די איינגאַנמע וועט געהן פאַר די אַנשטאַלטען אין דער אַלטער היים, וועלכע האַלטען זיך ביים שליסען אויס מאַנגעל אין פאָנדען.

די קאָנווענשאַן פון חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים דעם זונטאָג, 4טען מאַי

די חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים, וועלכע איז א צוזאַמענשטעל פון 32 וואָרשעווער סאָסייעטיס אין דער שטאָט נויאָרק, וועט האַלטען איהר יעהרליכע קאָנווענשאַן אין ראָיאַל האָל, 85 איסט 4טע סטריט, זונטאָג, דעם 4טען מאַי.

פאַרשיידענע פּראָמינענטע געסט און שטאַטישע בעאַמטע זיינען געלאַדען צו דער קאָנווענשאַן.

דער הויפּט פּונקט ביי דיזער קאָנווענשאַן וועט זיין: די באַלדיגע רעמאָנטירונג פון זייער בילדינג אויף 136 2טע עוועניו, און זי גלייך עפענען אַלס מושב זקנים.

נאָך דער קאָנווענשאַן, אין אָוונט, איז אַראַנזשירט א רייכער באַנקעט פאַר די דעלעגאַטען און מעמבערס און אויך געסט אין דעם זעלבען האָל, וואו די קאָנווענשאַן ווערט אָפּגעהאַלטען.

די חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים באַוועגונג האָט זיך אַנגעהויבען מיט 8 יאָהר צוריק פון א גרופּע פון עטליכע פרויען און זיינען איצט געוואָרען א פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע. מען קען זיך ריכטען, אַז מען וועט רייכער מיט נאָך א מיטגליד אין דער משפּחה פון אידישע אינסטיטוציעס אין ניו יאָרק.

א באַנקעט פון מושב זקנים בני ובנות משה פון די בראָנקס

דער מושב זקנים בני ובנות משה פון די בראָנקס וועט מאָרגען, זונטאָג, דעם 4טען מאַי, פייערען דעם גרינדונגס-יובילעאום מיט א באַנקעט און קאָנצערט, אין אַמבאַסאַדאָר האָל, 3875 דריטע עוועניו. ריכטער הערי שטעקעל וועט דורכפיהרען די צערעמאָניעס פון באַנקעט און קאָנצערט. דער אַנשטאַלט האַלט זיך איצט אין פאַרגרעסערען און א קאָמיטע אַרבייט אויס פּלענער פאַר א נייעם בנין, וואָס זאָל האָבען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע אַפּליקאַנטען.

פילע דעלעגאַטען ערוואַרטעט צו דער יעהרליכער קאָנווענשאַן פון דער דזשואיש האָום פאַר קאָנוואַלעסענטס

מר. אייזאַק ליפּמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אידישער ערהאָלונגס-היים, פון גרענד וויו, מיט איהר ניו יאָרקער אָפּיס אין 223 סעקאָנד עוועניו, האָט אַרויסגעשיקט אן איינלאַדונג צו די הונדערטע סאָסייעטיס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַנגעשלאָסען און העלפען אויסצוהאַלטען די האָום, צו ערוועהלען דעלעגאַטען פאַר דער יעהרליכער קאָנווענשאַן. אַלע סאָסייעטיס זיינען געבעטען אויפצונעמען ביי זייערע מיטינגען די פראַגע וועגען דער האָום. די פיהרער פון אַנשטאַלט ווילען אין גיכען בויען א פּאַרק און אַריינשטעלען אן עלעוויי טאָר אין די געביידע, נאָר עס פעהלט געלט פאַר די צוויי נויטיגע פאַרבעסערונגען. די דעלעגאַטען צו דער קאָנפערענץ דאַרפען דערפאַר זעהן צו קומען צו דער קאָנווענשאַן אינסטרוקטירטע פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַזוי אין גיכען דורכצופיהרען די צוויי פאַרבעסערונגען. אין אַנשטאַלט ווערען איצט אויך געמאַכט גרינדליכע אַלטעריישאַנס פאַר דער באַקוועמליכקייט פון די פּאַציענטען, און דאָס קאָסט אויך א גרויסע סומע געלט.

זונטאָג, דעם 4טען מאַי, וועט אין דער האָום פאַרקומען דער יעהרליכער באַנקעט פאַר די דירעקטאָרען פון אַנשטאַלט, און עס וועט זיי דאַרט געגעבען ווערען אַנערקענונג פאַר זייער גוטער אַרבייט אין פאַרלויף פון יאָהר. מיט א וואָך שפּעטער, דעם 11טען מאַי, וועט פאָרקומען די יעהרליכע קאָנווענשאַן, וועלכע איז די וויכטיגסטע יעהרליכע אונטערנעמונג פאַר דער האָום. די קאָנווענשאַן וועט פאַרקומען אין דער היברו טעכניקאַל סקול פאַר מיידלאַך, סעקאָנד עוועניו און 15טע סטריט.

סוכאַוואָליער לײדיס פאַראיין וועט גרינדען א לאָאַן פאָנד

דער סוכאַוואָליער לײדיס פאַראיין עקזיסטירט דריי יאָהר און זיי מיטען יעדע צווייטע וואָכען אין 175 א. בראָדוועי.

מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט דער פאַראיין געזאַמעלט א פאָנד פאַר א קינדער-שולע אין זייער געבורט-שטאָט סוכאַוואָליע, נעבען ביאַליסטאָק, גראָדנער גובערניע, און האָבען דאָרט געשיקט 400 דאָלאַר פאַר א בילדינג פאָנד.

לעצטען שבת, דעם 26טען אַפּריל, האָט דער פאַראיין געהאַט א דענס אין ראַטגערס מענשאַן, קאָרנער ראַטגערס סט. און איסט בראָדוויי. דער גאַנצער פּראָפיט פון דער אונטערנעמונג געהט פאַר א לאָאַן פאָנד, וואָס דער פאַראיין האָט געגרינדעט מיט א קורצער צייט צוריק אויף צו העלפען נויטליידענדע לאַנדסלייט דאָ אין אַמעריקא, אויסצובאָרגען געלט אויף לייכטע אָפּצאָהלונגען און אָהן פּראָצענט. די פּרעזידענטין פון דיזען פאַראיין איז מרס. פרידא מילער.

לײדיס בקור חולים סאָסייעטי פון בראָנזוויל

לעצטען שבת איז אויף דער פּעדזש פון אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון „פאָרווערטס" געוועזען געדרוקט אן אַרטיקעל וועגען דער טעטיגקייט פון דער לײדיס ביקור חולים סאָסייעטי פון בראָנזוויל.

צום שלוס פון אַרטיקעל זיינען געווען געדרוקט די נעמען פון דיזער פרויען - אָרגאַניזאַציע און עס איז צו באַדויערען, וואָס איינגע פון די נעמען פון די בעאַמטע זיינען שוין ניט מעהר קיינע בעאַמטע.

דערפאַר דרוקען מיר דאָ די ליסטע פון די יעצטיגע טעטיגע בעאַמטע פון דיזער סאָסייעטי.

די בעאַמטע זיינען: פּרעזידענטין, מרס. אַלטע יהודית הייזמאַן; וויס-פּרעזידענטינס: מיסעס סיימאַן, מיסעס איזראַעל, מרס. קוענטאַר, מרס. לעוויטין, מרס. וואַסעלבערג, מרס. סטיינבערג, מרס. אַפּטעגאַן און מרס. קליין. פינאַנס-סעקרעטעריןן, סיידי שליער; רעקאָרדינג סעקרעטערין, מרס. בערלינער; קאָרעספּאָנדינג סעק., מרס. ליפּשיץ; טרעזשורעריןן, מרס. אַבערמאַן; דירעקטאָרען: מרס. פינקעל, מיס בירענבאַך און מרס. קופּערמאַן; טראַסטיס: מרס. איטע פּלאַטניק און מרס. לוין.

יעהרליכער באַריכט פון מושב זקנים „בית זקני ישראל" אויף דער איסט סאַיד

לעצטען מיטוואָך איז אין אָדיטאָריום פון מושב זקנים „האָום און אַלד איזראַעל", אויף 70 דזשעפערסאָן סט., נ. י., פאָרגעקומען דער יעהרליכער מיטינג פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון אַנשטאַלט. עס זיינען אויסגעהערט געוואָרען וויכטיגע רעפּאָרטס פאַר דעם לעצטען יאָהר, אריינגערעכענט אן אויספיהרליכען רעפּאָרט פון דעם פּרעזידענט, לואיס זינגער, און עס זיינען ערוועהלט געוואָרען דירעקטאָרען און אָפיסערס פאַר'ן קומענדען יאָהר.

אין זיין באַריכט, האָט דער פּרעזידענט געגעבען אן איבערזיכט איבער דער מערקווירדיגער שנעלער ענטוויקלונג פון דעם מושב זקנים, וועלכער האָט פּונקט מיט א יאָהר צוריק געמופט פון 204 הענרי סטריט, מיט 62 זקנים און זקנות, אין די גרויסע געביידע פון דעם אַלטען בית ישראל האָספּיטאַל, וואו די צאָהל איז פאַרגרעסערט געוואָרען ביז 187 ביי היינטיגען טאָג, פון וועלכע 102 זיינען מענער און 85 פרויען. פון די מענער זיינען 23, און פון די פרויען — 17, אונהיילבאַרע פּאַציענטען, וועלכע ווערען אויפגעהאַלטען אין דעם ספּעציעלען שפּיטאָל פאַר אינקיורייבעלס ביי דעם מושב זקנים. עס זיינען אויך דאָ 10, וועלכע זיינען ניט ביים פאַרשטאַנד און 6 — איינגאַנצען בלינד. דיזע אונגליקליכע ווערען געהאַלטען אין באַזונדערע וואָרדס און ווערען אַטענדעט דורך ספּעציעלע אַנגעשטעלטע אויפזעהער. דער איינגסטער זקן פון אַנשטאַלט איז 65 יאָהר און דער עלטסטער — 102; דער דורכשניטליכער עלטער איז 76 יאָהר. דער טאָטאַל יאָהרען פון אַלע זקנים איז 14,960. די מעהרסטע אַלטע לייט זיינען איינגאַנצען עלענד און האָבען קיינעם ניט אויף דער וועלט. צווישען די אַלטע לייט אין אַנשטאַלט זיינען דאָ 5 פאַרהייראַטע פּאָרלעך, און פון דער צאָהל איז דאָ איין פּאָרל, וועלכע האָבען לעצטענס געהייראַט אין אינסטיטושאַן גופא. דער אַנשטאַלט בעשעפטיגט 35 אַנגעשטעלטע, וואָס דאָס מאַכט אויס איין אַנגעשטעלטער אויף יעדע 5 זקנים. מר. לואיס זינגער, דער פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע, וועלכער געניסט דעם גרעסטען צוטרוי און אַכטונג פון די מיטגלידער און פיהרער פון אַנשטאַלט, האָט אויך איבערגעגעבען, אַז די אַלטע בית ישראל האָספּיטאַל געביידע איז אָפּגעקויפט געוואָרען פאַר דער סומע פון 125,000 דאָלאַר און אַרכיטעקטען האָבען שוין אויסגעאַרבייט די פּלענער פון איבערבויען און פאַרגרעסערען די געביידע אַזוי, אַז דער אַנשטאַלט זאָל זיך פאַרגרעסערען און צו ווייזען און אַריינגעמען 400 בעטען. דער מושב זקנים וועט דאַן באַזאָרגען אַלע אונגליקליכע אונהיילבאַרע אַלטע לייט, וועלכע ווענדען זיך צו איהם און ווענדען. אויך בלינדע און גייסטיג קראַנקע. און פאַר דעם צוועק וועט דער מושב זקנים ענטהאַלטען א שפּיטאָל פאַר זקנים-פּאַציענטען. מר. זינגער האָט אויך דערצעהלט, אַז דער אַנשטאַלט שיקט אַרויס קאָמיסיעס צוויי מאָל א יאָהר, פאַר ראש השנה און פאַר פּסח, אין די קריסטליכע שטאַטישע האָספּיטאַלער, און מען נעמט פון דאָרט אַרויס אומגליקליכע פאַרלאָזענע אַלטע לייט, זיי זאָלען קאָנען די לעצטע יאָהרען פון זייער לעבען זיך געפינען אין א היימישער און אידישער אַטמאָספערע. דער אַנשטאַלט האָט אויך דעם ערב פּסח ערפאָלגט זיין פּלאַן צו די פאַרלאָזענע אַלטע לייט און די שטאַטישע אַנשטאַלטען און די קראַנקע זקנים האָבען געהאַט דאָס פאַרגעניגען צו פאַרברענגען דעם פּסח אין מושב זקנים און איינגעם מיט די קנאַפּע 200 זקנים און זקנות זיך צו בעטייליגען אין די סדרים, וועלכע זיינען געפּראַוועט געוואָרען אויף א זעהר פייערליכען אופן. ביי יום-טוב'דיגע געגרייטע טישען, אַלע אין נייע קליידער און אין זעהר א געהויבענער שטימונג. די מעהרסטע אַלטע לייט זיינען, נאָך די פילע שווערינקייטען און יסורים וועלכע זיי האָבען איבערגעלעבט אין זייער פאַרוואָגעלטקייט פון זייערע ברידער, געווען טיף גערירט ביז טרערען און איינגע פון זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטען רעדעס וועגען דער גוטער און האַרציגער פיהרונג פון זייער נייער היים, וועלכע פאַרגיטיגט זיי איצט פאַר אַלע שווערע איבערלעבענישען.

נאָך זיין לאַנגען רעפּאָרט, האָט דער פּרעזידענט אויפגעפאָדערט דעם סופּעראינטענדענט פון אַנשטאַלט, מר. אַלעקסאַנדער קראַוויץ, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן וואוילזיין פון די הונדערטע אַלטע לייט און פאַר דער ריכטיגער פיהרונג פון אַנשטאַלט, אָפּצוגעבען זיין באַריכט. מר. קראַוויץ האָט זיך געגעבען אָפּגעזאָגט אויף דער זעלטענער אַרבייט פון דעם פּרעזידענט און זיינע אויפטועס די לעצטע יאָהרען גרויס צו מאַכען דעם אַנשטאַלט. ער האָט אויך דערצעהלט פון דער אַרבייט פון די דירעקטאָרען און טעטיגע מעמבערס פון אַנשטאַלט, אויסשפּרעכענדיג זיין דאַנקבאַרקייט צו אַלע טוערס פון האָום, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין גרויסען ערפאָלג.

עס איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען דער רעפּאָרט פאַר'ן יאָהר 1929 פון דעם סוירטיפייד פּאַבליק אַקאַונטענט, וועלכער בעווייזט, אַז די הוצאה פאַר'ן יאָהר האָט באַטראָפען 99,872.18 דאָלאַר. און מר. קראַוויץ האָט אַנגעוויזען, אַז ווען ניט די איבערגעגעבענע אַרבייט פון די דירעקטאָרען און מעמבערס, וועלכע ברענגען אַריין מאַסען שפּייז-פּראָדוקטען און קליידונג, וואָלט די הוצאה באַטראָפען זיכער מיט דרייסיג טויזענד דאָלאַר מעהר.

די פאָלגענדע זיינען די ערוועהלטע דירעקטאָרען: דזשאַדזש לואיס ב. בראָדסקי, לואיס סינגער, דאָראַ שטראַוס, סאָפיע קיסעלגאָף, בעקי מרגליות, אסתר קופּערמאַן, ס. שפּינעלבערג, ב. דיימאַנד, פראַנק זיפּס, מ. פּאַזניק, מערי גילמאַן, ב. ראָזען, יעקב פוקס, מרס. פעני דילאָף, אסתר שפּינעלבערג, קייט סאַמעט, קייט מרגליות, היירמאַן געלער, סעמועל דזשייקאָבסאָן, ס. ב. קופּערמאַן, מאַקס בוים, באַרים שאַפּירא, דזשאָזעף שינדערמאַן, א. וועלטמאַן, דזש. סינעל, שרה בייקער, סעם ביליק, בלומע ביליק, איידא קאַהען, מאַלי דיימאַנד, סאָפיע עבנער, ראָוז פרידמאַן, דאָראַ פוקס, עני געלער, ראָוז גאַניקמאַן, ש. גאָלדענבערג, מאיר גאָלדמאַן, אסתר הענדלער, אַלבערט מ. קאַהן, ר. קאַפּלאַן, ס. מרגליות, זלאַטע קעסלער, י. ראַבינאָוויץ, אידיט ראַטמאַן, טילי זינגער, א. ספּאַנדער, אַמעליא שימעל, יעטא שולץ, אסתר ווינער, מאָריס ווייסגראַ, מ. יאַדוויץ, ר. גודמאַן, מ. דובינסקי, פּאָלין קאַהען, עני זאַלצבערג, י. רובינשטיין, לינא מעדאָוו, ה. שולץ, א. האַנדלער, גאָלדע ראַטמאַן, י. זיידמאַן, רבי ליבער כהן, עני געליס.

פאַר אַסאָשיאייט דירעקטאָרען: ניירטען ברויז, קלאַראַ פּולער, ה. דובאַק, רעוו. אַבראַמסאָן, מ. סימאַנאָוו, ס. באַראַש, א. בלייער, ב. געליס, י. פּירסאָן, ל. פּערלמאַן ה. זאַקס, ס. סטראַוס, ה. ווייצמאַן, הערי ווייצמאַן, ס. וואַרטסמאַן, ע. לואיס, א. ראָזענטאַל, ד. אַבעל, מ. ביליק, ש. כהן, ב. גוטשניידער, ש. הורוויץ, פּ. מאָרגענשטיין, קלאַראַ זינגער, איידאַ סאַסקין, ס. אַלינוק און ב. לפידות.

היינט אָוונט דער באַנקעט פון היברו לײדיס דעי נורסערי פון בראָנזוויל

היינט אָוונט וועט פאָרקומען דער יעהרליכער באַנקעט פון דער היברו לײדיס דעי נורסערי פון 521 האָפּקינסאָן עוועניו, בראָנזוויל, אין דעם טעמפּעל פּתח תקוה. יעדע אינסטיטושאַן פון בראָנזוויל וועט זיין פאַרטראַטען. עס ווערט ערוואַרטעט, אַז דער באַנקעט וועט זיין איינער פון די שעהנסטע אונטערנעהמונגען, וואָס די נורסערי האָט ווען געהאַט.

דער 15-יאָריגער יובילעאום פון די סיסטערס און שטראַוס רעליף

די בראָנקסער פרויען סאָסייעטי „סיסטערס און שטראַוס רעליף" האָט לעצטען זונטאָג, דעם 27טען אַפּריל, געפייערט איהר 15 יעהריגען יובילעאום פון דער גרינדונג פון דיזער טשאַריטי-אָרגאַניזיישאַן. דער יום טוב איז געפייערט געוואָרען דורך א באַנקעט אין בולעוואַרד פּלאַזא האָל, 1292 סאַוטהערן בולעוואַרד, בראָנקס, וואו עס זיינען אַנוועזענד געווען איבער 600 פּערזאָן, מענער און פרויען. צווישען די רעדנער זיינען געווען: סענאַטאָר ב. אַנטין, דר. ראַבי דזש. קאַטץ, דר. סאַלאָמאָן רייכמאַן, א. לאַבאַרס, ס. וו. קאַהען, רעוו. דזש. ל. פישער און אַנדערע. דער טשערמאַן פון באַנקעט איז געווען א. ניומאַן. אַלע רעדנער האָבען געלויבט די גוטע אַרבייט פון די פרויען פון דיזער סאָסייעטי.

עס איז אויך געזאַמעלט געוואָרען אויפ'ן באַנקעט א פאָנד פון 500 דאָלאַר. דיזע סאָסייעטי שטיצט נויטליידענדע אידישע פאַמיליעס, אָרימע קראַנקע פון בראָנקס און אויך פון איינציגע סעקשאַנס פון האַרלעם. לעצטען ערב פּסח האָט די סאָסייעטי געזאַמעלט שטיצע און באַזאָרגט קנאַפּע 600 אָרעמע פאַמיליעס מיט שפּייז, קליידער און מיט קעש געלט.

די סאָסייעטי האָט זיך אָרגאַניזירט אין יאָהר 1915. די אָרגאַניזערס זיינען געווען אַרבייטער-פרויען, וועלכע האָבען געוואוינט אין דעם געגענד פון פולטאָן עוועניו, בראָנקס. די ערשטע צייט האָבען די מעמבערס געצאָהלט בלויז 5 סענט א וואָך דויס. דעם ערשטען יאָהר פון זייער עקזיסטענץ, ווען די סאָסייעטי האָט געהאַט בלויז 25 מעמבערס, האָבען זיי געזאַמעלט א סומע פון 450 דאָלאַר און דערמיט געשטיצט אָרעמע אידישע פאַמיליעס. היינט האָט די סאָסייעטי 800 מעמבערס. לעצטען יאָהר האָט די סאָסייעטי געזאַמעלט 15 טויזענד דאָלאַר און דיזע סומע איז פאַרטיילט געוואָרען צווישען אָרעמע, קראַנקע און אַרבייטסלאָזע אידישע פאַמיליעס אין די בראָנקס און האַרלעם.

די באַנקעט קאָמיטע איז באַשטאַנען פון מרס. טשאַרלס ב. גאָלדשטיין, טרעזשורין, און סאָפיע גלאַבערמאַן, סעקרעטאַרין, צוזאַמען מיט די אַנדערע, ווי מאַן, מרס. קאַוואָוויץ, מרס. מיזלער, מרס. שניידער, מרס. ביערהאַוז, מרס. באַואַרסקי, מרס. ניומאַן, מרס. גרינבערג, מרס. וואַלאַרסקי, מרס. ראָזען, מרס. גרינבערג, מרס. קאַטצמאַן, מרס. בריק, מרס. העלמאַן, מרס. בעלאָף, מרס. גאַרבוס, מרס. בראָנשטיין, מרס. סמיטה, מרס. לעווין, מרס. קאַמינסקי, מרס. עלבערג, פּרעזידענטין, איוואַ נעלסאָן, וויס פּרעזידענטין, מרס. קוקלען, מרס. מייקלסאָן, מרס. פרענק, מרס. ראָזען, מרס. געלב, מרס. וויסמאַן, מרס. אָגוסט, מרס. וואָלף און מרס. מאַסקין.

די באַנקעט קאָמיטע און בעאַמטע פון דער סיסטערס און שטראַוס רעליף סאָסייעטי.

די גרויסע פאַרבערייטונגען פאַר דער 22-טער קאָנווענשאַן פון פוילישען פאַרבאַנד

צוויי טויזענד דעלעגאַטען און געסט ערוואַרטעט צו דער ערעפנונג.

די פאַרבערייטונגען צו דער 22 יעהרליכער קאָנווענשאַן פון דער פעדעריישאַן פון די פוילישע אידען אין אַמעריקא געהען אין זעהר טיכטיג. ביז איצט זיינען שוין אַריינגעקומען די נעמען פון הונדערטער דעלעגאַטען פון ניו יאָרק און א ריהע אַנדערע שטעדט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען און קאַנאַדע. ספּעציעלע פאַרבערייטונגען ווערען געמאַכט צו דער ערעפנונג פון דער קאָנווענשאַן וועלכע קומט פאַר דעם 10טען מאַי, אין אָבענד, אין פּיטיען טעמפּעל, 35 וועסט 70טע סטריט, ניו יאָרק. צו דער ערעפנונג זיינען אויך איינגעלאַדען געוואָרען עטליכע טויזענד איינצעלנע מעמבערס פון דער פעדעריישאַן און ווערען ערוואַרטעט ניט וועניגער ווי צוויי טויזענד פּערזאָן, דעלעגאַטען און מיטגלידער צו דער ערעפנונג.

די קאָנווענשאַן וועט באַגריסט ווערען פון די פאַרטרעטער פון די וויכטיגסטע אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאָ אין לאַנד, ווי דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, די דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטע, דער פאַראייניגטער אידישער קאַמפּעין, „אָרט", די פאַרשטעהער פון די פעדעראַציעס, וואָס באַשטעהען פון לאַנדסמאַנשאַפטען, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקא, די האַיאַס און אַנדערע. עפענונגס-רעדנער וועלען געהאַלטען ווערען, ווי ווייט מען ווייס איצט, פון דר. סטיפען ס. וויז, בענדזשאַמין ווינטער, דזשיימס נ. ראָזענבערג, דר. דזשאָזעף טעננענבוים, ז. טירגאַל, דזשייקאָב לייכטמאַן. די קאָנווענשאַן וועט ערעפענט ווערען פון טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, ס. ראָזענפעלד.

די וואַראַנאַווער לײדיס אָקזילערי שטיצט אינסטיטוציעס אין דער אַלטער היים

די וואַראַנאַווער לײדיס אָקזילערי האָט אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ באַוויזען צו שיקען 200 דאָלאַר נאָך וואַראַנאַווע, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען א פאָלקס שולע און א גמילות חסד און נאָך איינגע אינסטיטוציעס. די לײדיס אָקזילערי האָט זיך פאַרפליכטעט אויפצוהאַלטען די פאָלקס-שולע און אויך שטיצען די נויטליידענדע לאַנדסלייט דאָ אין אַמעריקא. פאַר דיזען צוועק האָט די סאָסייעטי אַראַנזשירט א פּעקעדזש פּאַרטי און דענס פאַר דעם 18טען מאַי, אין ראַטגערס מענשאַן. אַלע לאַנדסלייט פון ניו יאָרק וועלען זיכער מיטהעלפען צו מאַכען די אונטערנעמונג פאַר אן ערפאָלג. די סאָסייעטי פירט איצט אן א דראַיוו פאַר נייע מעמבערס. אין דער קאָמיטע זיינען אַריין: מיסעס ליפּמאַן, פּרעזידענטין; מיסעס ברעם, וויס פּרעזידענטין; מיס לינא שולטץ, סעקרעטעריין, און מיסעס קאַמענעצקי, טראַסטי.

א באַזאַר פאַר דער אינפּענטס האָום פון ברוקלין

ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער אַלגעמיינער קאָמיטע, וועלכע געהט דורכפיהרען א 100 טויזענד דאָלאַר באַזאַר אַלס דעם אַנהויב פון דעם דראַיוו פאַר א פאַרגרעסערטען אינפּענטס האָום, האָט דר. לואיס וואָלפּבערג, וועלכער איז פאַר-א-יאָהרען געווען דער אַלגעמיינער טשערמאַן פון יעהרליכען באַזאַר, אַנגענומען צו זיין טשערמאַן פון דער וויכטיגסטער קאָמיטע, וועלכע וועט זאָרגען אַלערליי סחורות פאַר'ן באַזאַר. דזשעק גאָרדאָן האָט אַנגענומען צו זיין טשערמאַן פון דעם סואוועניר זשורנאַל, וואָס ווערט צוגעגרייט. פיליפּ קאַוויץ, דער הייאָהריגער אַלגעמיינער טשערמאַן פון באַזאַר, האָט ערקלערט, אַז מיט דער הילף פון די צעהנדליגע ענערגישע טשערלייט און פון די קאָמיטעס פון די אָקזילעריס, איז דער ערפאָלג פון באַזאַר פאַרזיכערט. סעמיועל לפידות איז דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון באַזאַר.

היינט אָוונט א מיטינג פון דער במעלניקער סאָסייעטי

די במעלניקער סאָסייעטי רופט אַלע מיטגלידער צו א ספּעשעל מיטינג שבת אָבענד, דעם 3טען מאַי, 7.30, אין לאַפּאָיעט קאַסינאָ, 10-8 עוועניו „די", ניו-יאָרק, וואו עס וועט פאַרהאַנדעלט ווערען דער טעקס פאַר אונזער סעמעטערי, וואָס א פריהערדיגער מיטינג האָט אַנגענומען, און איצט דאַרף דאָס גוטגעהייסען ווערען.

מאָריס מינטץ, פּרעזידענט.
חיים שניטצער, וויס-פּרעז.

ווילנער לײדיס רעליף גיט 100 דאָלאַר פאַר די אידישע שולען אין ווילנע

מיטוואָך, 30טען אַפּריל, ביי אַן אַבשידס-אָוונט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרען פאַר איינעם פון די טוער פון דער „ווילנער לײדיס רעליף", מיסטער הערי קימעל, וועלכער פאָרט אָפּ קיין ווילנע, מאַי דעם 10טען. צוזאַמען מיט נאָך איינגע פרויען-מיטגלידער פון דער רעליף, איז אויך געווען א גאַסט דער באַוואוסטער שרייבער און רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג", זלמן רייזען, וועלכער האָט אָפּגעגעבען א גרוס פון ווילנע און געמאַכט אַן אַפּיל פאַר די אידישע קינדער-שולען אין ווילנע. און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו געבען גלייך 100 דאָלאַר, און די פּרעזידענטין מיסעס זיידמאַן האָט צוגעזאָגט אויף ווייטער צו שאַפען מעהר געלט פאַר דיזע אינסטיטוציעס.

ביים מיטינג זיינען אויך אַנוועזענד געווען איינגע ווילנער טוער און האָבען פאַרשפּראָכען מיטצוהעלפען אין דער אַרבייט פאַר אונזער שטאָט ווילנע.

דער באַנקעט פון ברייטאָן ביטש אָקזילערי פון בראָנזווילער בית יתומים

די ברייטאָן ביטש אָקזילערי פון דער פּראַיד און דזשודעא בית יתומים, איז געגרינדעט געוואָרען ערשט מיט א יאָר צוריק און האָט פאַר דער קורצער צייט פיל אויפגעטאָן. דער פּראָגראַם פון דער אָקזילערי איז לעצטענס געפייערט געוואָרען מיט א באַנקעט, וועלכער איז געגעבען געוואָרען אַלס אַנערקענונג פאַר דר. טש. און מרס. ראַבינסאָן, געטרייע טוער פון אָקזילערי, און מרס ראַבינסאָן האָט איבערגעגעבען א טשעק פון 1,000 דאָלאַר פאַר די יתומים פון האָום.

די מאָהליווער פּאָדאָליער לײדיס סאָסייעטי שטיצט נויטליידענדע

די פּוירסט מאָהליווער-פּאָדאָליער לײדיס סאָסייעטי פון גרייטער ניו יאָרק, וועלכע עקזיסטירט שוין זעקס יאָהר, שיקט געלט-שטיצע צו די נויטליידענדע לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים, אין מאָהליוו-פּאָדאָליע.

דיזע סאָסייעטי האָט איצט אַראַנזשירט דעם 7 יעהריגען סטראַבערי פעסטיוואַל און דענס, וואָס וועט פאָרקומען שבת אָבענד, דעם 10טען מאַי, אין קלינטאָן האָל, 151 קלינטאָן סט., ניו יאָרק. די סאָסייעטי ערוואַרטעט, אַז די מאָהליווער-פּאָדאָליער לאַנדסלייט פון גרייטער ניו יאָרק וועלען קומען צו דער אונטערנעמונג אין מאַסען.

יאָהרעספּעסט פון לעידיס אָקזילערי פון פּאָלאָצקער סאָסייעטי

די פרויען אָקזילערי פון דער פּאָלאָצקער סאָסייעטי, וועט פייערען איהר ערשטען יאָהרעספּעסט זונטאָג דעם 25-טען מאַי, אין אַסטאָריאַ מענשאַן, 62 איסט פּערסט סטריט. פאַר דעם יאָהר צייט וואָס די פּאָלאָצקער לעידיס אָקזילערי עקזיסטירט האָט זי אויפגעטאָן גוטע אַרבייט, זיי האָבען געשטיצט זייערע מעמבערס אין צייט פון נויט און אויך אַנדערע וואָלטעטיגע אָרגאַניזאַציעס. די פּרעזידענטין מרס. פרייפעלד, איז איינע צווישען די, וועלכע האָבען פיל געהאָלפען אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אָקזילערי. דער יאָהרעספּעסט וועט געפייערט ווערען אין דעם אויבענדערמאָנטען האָל, מיט א שעהנעם סאַפּער און דענס וואו די מעמבערס און זייערע פריינד וועלען זיך גוט אַמוזירען. די לעידיס אָקזילערי איז א טייל פון דער פּאָלאָצקער סאָסייעטי וועלכע וועט דעם יאָהר פייערען דעם 25 יאָהריגען עקזיסטענץ פון ערפאָלגרייכער אַרבייט.

קאַפּיטלעך פון דעם לעבען פון אַ מיידעל

אַ ראָמאַן

— פון —
מרים קאַרפּילאָוו

(פאָרזעצונג פון נעכטען)

די פאַרשטעלונגס־קראַפט איז איהר באַראויסגעלאָפען. זי איז נאָכגעלאָפען איהר אייגענער פאַנטאַזיע. זי איז געזוען בלויז דער שאָטען פון איהר גייסט...

אם שטאַרקסטען האָט זי ליב געהאַט די לאַנגע ווינטער־אָוונטען.

אין די מאַרק־נעכט איז געווען איינגעפיהרט, אַז אימיצער זאָל אויף־זיין אַ גאַנצע נאַכט. „האַלטען אַן אויג" אויף אַלץ און אַלעמען. מימאַ האָט זיך איינגעבעטען מ'זאָל איהר לאָזען זיין אויף דער וואַך. זי פלעגט זיך אַנגרייטען אויף אַ גאַנצע נאַכט וואָס צו לייענען.

לייענען און שרייבען.

זי האָט עס ביז אַ געוויסען גראַד אַרויסגעבראַכט אין דעם „ליד":—
און וועב מיר אויס אַ שעהנע וועלט.

אַ נאַכט אין ווינטער.
— פינסטער, שטיל.
אין הויז איז וואַרים.
אין דרויסען קיהל.
קיינער שטערט מיך ניט צו קלערען,
פליהען אין די הויכע ספערען.
איך זיץ אַליין אין מיין געצעלט,
„און וועב מיר אויס אַ שעהנע וועלט".

כ'האָב ליב די שטילקייט מיר אַרום.
נאַטור און מענשען—שטיל און שטום.
עס שפּילען שאָטענס אויף די ווענט.
איך האַלט די נאַכט אין מיינע הענט.

כ'האָב ליב די הויז, די רוה, די ווענט,
ווי אין אַ מאַמע'ס גוטע הענט
דריקט זי צאַרט איהר איינציג קינד,
פאַרהיט פון רעגען, שטורם, ווינט.

דו שטילע נאַכט, איך האָב דיך ליב
ס'איז ווייט פון דיר די זאָרג פון טאָג.
די וואָכעדיגקייט—זי פאַרשווינדט,
עס שלאָפען איין אי זאָרג אי קלאָג.

מיט ליבע קוק איך אויף דער פען
ווי גרינג זי געהט אויף'ן פּאַפּיר.
נאָר די צייט — זי וויל ניט שטעהן,
עמעץ קלאַפּט שוין דאַרט אין טיר.

ערגעץוואו שוין קרעהט אַ האָן.
אַ צווייטער ענטפערט איהם פון ווייט;
ס'פאַרגעהט אין בילען זיך דער הונט,
אַ גלעקעל קלינגט. אַן אורח קומט.

דער זייגער קלאַפּט איינס, צוויי און דריי,
פיר. פינף און זעקס—די נאַכט פאַרביי.
דער טאָג צורייסט דער נאַכט'ס געוועב
צושטערט דאָס אַלץ און וואָס איך לעב...

„זי איז דאָך טאַקע אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט!" האָט מימאַ געהערט טאַטע־מאַמע זאָגען: „אַז דאָס נעמט נאָר קיין שלאָף ניט. ס'לייענט. נאָר דאָס לייענט!"

און זיי האָבען איהר געטריבען אין בעט, צולעגען זיך שלאָפען. ניט אומזיסט זעהט זי אויס עס ווי אַ סקעלעט. אַז ס'שלאָפט קיין נעכט ניט. מאַרעט זיך ווי אַ נאַוואַבראַנע כאַר'ן פריזיוו.

„געה שוין שלאָפען!"—האָט דער טאַטע מיט געמאַכטע שטרענגקייט באַפוילען, און די מאַמע אויך האָט זיך גוטמוטיג אויף איהר געבייזערט:

„ס'איז אַרויסגעוואָרפען די גאַנצע אַרבייט און אַלץ וואָס ס'קאָסט אָפּ כדי צו מאַכען זי פאַר אַ מענשען... ניט דאָס עסט און ניט דאָס שלאָפט. ס'געהט אַרום אַ שאָטען איבער'ן שטוב. איז דאָס עפּעס אַ וואונדער וואָס דאָס זעהט אַזוי אויס? ווי די מתים עסען, אַזאַ פּנים האָבען זיי!"

נאָר ווען מימאַ האָט „ניט געהערט", האָבען זיי געזאָגט: דאָס איז אַ קינד וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכען. מיט אַזאַ חשק צום לערנען וואָלט זי, זייענדיג אַ אינגעל, געווען אַן עלוי, אַ גאון בישראל. זי שרייבט און לייענט און רעכענט, און וואָס ניט. דאָס קען אַלץ. אַלץ קען דאָס. דער רבי ווינט אַזש וואָס זי איז געבאָרען געוואָרען אַ מיידעל, ניט קיין אינגעל. דער קלויזניק זאָגט, דאָס מ'וועט פאַר איהר אינגיכען מוזען זעהן נעהמען אַ בעסערען לעהרער, אַ גרעסערען. אַז וויפיל ער גיט איהר אַרויס אין אַן אוראָק, מאַכט זי דריי מאָל אַזוי פיל. זי פאַרלויפט איהם דעם וועג פריהער.

אָפּרעדענדיג וועגען מימאַ'ן, די מוזינקעלע זייערע, פלעגען זיי אָפט אַריבערגעהן אויף די עלטערע קינדער.

מימאַ האָט וועגען דעם אין איהר טאָגבוך אַריינגעשריבען:

„שווערע צייטען", זאָגען אַלע,
„אויף ירדען נייע גזרות פיל".
דאָך—איין שוועסטער ווערט אַ כלה,
אַ צווייטע זוכט אַ ליבעס־שפּיל...

איין ברודער פייפעלט אויף אַ פייפעל,
אַ צווייטער טרובעט אין קאָרנעט,
איין שוועסטער וואַרפט זיך אויס אין קאָרטען,
אַ צווייטע בעט זיך אויס די בעט.

און דער זיידע מיט דער באָבען
גרייטען זיך צו יענער וועלט:
טוען ביידע „מעשים טובים"—
טיילען אויס פיל צדקה־געלט.

נאָר די מידע טאַטע־מאַמע
רעדען דורך די נעכט גאָר שטיל—
וועגען תכלית פאַר די טעכטער,
פאַר די זיהן אַ פּלאַן, אַ ציעל.

מימאַ האָט געלייענט און איבערגעלייענט אַ סך מאָל דאָס, וואָס זי האָט אָנגעשריבען. ריכטיגער: דאָס וואָס עס האָט זיך ביי איהר אַליין אָנגעשריבען, און האָט עס פאַרגליכען צו די זאַכען וואָס זי האָט געלייענט.

זי האָט זיך ניט געוואָלט נאָכגעבען דורך זאָגען זיך, דאָס איהרע זאַכען זיינען אַזוי גוט... ווי די זאַכען וואָס פון די אַנדערע. אָבער—

זי האָט פאַר זיך ניט געקענט אָפּלייקענען, דאָס אייגענע זייגען איהרע... טייערער...

זאָגען זיך אפילו אַזוי פיל, איז געווען ווי געבען זיך אַליין אַ קוש... און דאָס איז געווען קאָמיש. לעכערליך, ביז אַ געוויסע שטופע אפילו אומגעלונגען.

„שרייב זיך", האָט זי צו זיך געזאָגט. „נאָר נעם זיך דערמיט ניט איבער. זעה בעסער באַהאַלט דאָס אַזוי, אַז קיינער זאָל דאָס ניט געפינען..."

זי איז אומגעגאַנגען צייטענווייז ווי אַ פאַרטשאַדערטע. פאַרגעסען וועגען אַזאַ זאַך ווי עסען. און עס איז געווען זעלטען ווען אימיצער פלעגט זיך וועגען דעם דערמאָנען. די באַצאַהלטע געסט האָבען אויף זיך געהייסען אַכטונג געבען. די ניט־באַצאַהלטע אויך. די שטוביגע —די זיינען געווען פאַרנומען צו ביסלעך מיט אַלעמענס און נאָך מעהר מיט זייערע אייגענע אינטערעסען. דער טאַטע איז אַרויסגעקראָכן „ביז איבער'ן קאָפּ" אין חובות איבער דער נייער שטוב, אויף וועלכער די פריצ'טע האָט איהם דאָס געהאָלפען געגעבען. דאָס האָט „אויפגעגעסען" אַ שלל מיט געלט. די אַרבייטער האָבען פאַרצויגען די אַרבייט, געבעטען העכערונגען און געמאַכט אַזוי, אַז מ'האָט עס באַדאַרפט איבערמאַכען.

ער האָט צו זיך, צום אייגענעם פּאַדריאַד פאַר זיך, ווי צו אַן אַנדערען, אַ פרעמדען, צוגעלעגט.

איז ער געווען מיט זיך אונצופרידען און זיך דערפאַר געבונדען צו דער מאַמע: ווער האָט עס איהר געבעטען זאָגען דער פריצ'טע, אַז ער האָט ניט גוט אויסגערעכענט וויפיל עס האָט איהם איהרע פּאַסטראַיקעס באַדאַרפט קאָסטען? ווען זי שווייגט, וואָלט ער איצט ניט געהאַט די גאַנצע קאָפּדרעהעניש מיט דער הויז!

אַז די מאַמע האָט איהם געזאָגט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער הויז אַזוי גרויס, האָט ער געפרעגט, זינט ווען זי ווייסט דאָס אויף ווי גרויס מ'דאַרף זיך פאַרנעמען: אַז מ'בויט שוין, טאָ זאָל כאָטש זיין אויף וואָס אַ קוק צו טאָן, וואָס צו פאַרדינגען. באַדאַרפט מאַכען אַ שטאַל, אַ שטעלכעל אַז קיין רעכטער מענש זאָל דאָס ניט וועלען דינגען? ניין, ער אַז ער בויט, בויט ער ניט פאַר פערד, נאָר פאַר מענשען.

האָט די מאַמע איהם אָפּגעוויזען דורך פאַקטען, דאָס אַ טייערע דירה איז אַ סך שווערער צו פאַרדינגען ווי אַ ביליגע. האָט ער געזאָגט:

„דאָס מעג ביי מיר שטעהן לעדיג, ס'מעג פּוסטעווען ביז שדים זאָלען זיך אפילו אין דעם פאַרקלייבען—וועל איך דאָס אָבי־וועמען ניט אַרויסלאָזען! —

איז די הויז געשטאַנען לעדיג. האָט ער געזאָגט, אַז איהר טוט דאָס הנאה... האָט זי געלאַכט:

וואָס פאַר אַ נאַר ער איז. ווי אַזוי קען דאָס איהר הנאה טאָן!?

האָט ער געזאָגט, אַז—

ס'איז איהר גוט צו לאַכען: ס'איז א י ה ר מאַיאַנטיק, אַלץ איז אויף איהר נאָמען. נאָר אויב זי מיינט דאָס ער וועט זיך לאָזען טרעטען מיט די פיס, האָט זי אַ טעות. ער און נאָר ער איז פּאַקטיש געווען, איז, און וועט פאַרבלייבען דער פולשטענדיגער בעל הבית!

און אַזוי איז די לופט אין שטוב געווען פול מיט „פּולווער". אַ פונק אונצופרידענהייט—און עס פלעגט קומען אַן אויפרייס, אַ קריג, איבער וועלכער די קינדער האָבען זיך שטאַרק געשעמט און שטיל געליטען...

22.

דער אַנדער זיידע.

דער באָבע'ן (דער מאַמע'ס מאַמע) איז גאָר ניט געווען אַזוי אומעטיג, ווי זי האָט געזאָגט אַז עס וועט איהר זיין, ווען דער זיידע, ע"ה, איז געשטאָרבען.

דער זיידע (דעם טאַטענ'ס טאַטע) איז געוואָרען אַן אַלמן. איז ער פון דאָרפישען זוהן געקומען צום שטאָטישען, און עס איז איהם געווען צו גוט אַז ער זאָל וועלען פון איהם אָוועקפאָהרען.

זיינען די ביידע (די באָבע מיט דעם זיידען) אָפט געזעסען און גערעדט. מעהרסטענס וועגען יענער וועלט.

דער זיידע איז געווען דער היפך פון יענעם. אין דעם איז געווען צו זעהן אַ סך עגאָאיזם. ער האָט זיך געהייסען אָפּגעבען כבוד. ער איז געווען נאָר פרימער פון יענעם, אָבער—ניט בעסער. אַ דעספּאָט.

מימאַ האָט דעם זיידען געדולדעט. טאַטע־מאַמע האָבען געהייסען אָפּגעבען כבוד צו עלטערע, און זיי אָפּזאָגען אין דעם, האָט געמיינט אַזוי שלעכט ווי זיי אַליין צו פאַרשאַפען אום־כבוד, אַ זאַך, וואָס זיי אַליין האָבען דאָס איינס געגען אַנדערען געמעגט. נאָר די קינדער האָבען עס ניט געטאָרט...

די ביידע אַלטע פלעגען זיך אָפט זיצען ווי „צוויי טייבעלעך", און די אייניקלעך האָבען פון ווייטען „געקליבען נחת".

זיי האָבען געזאָגט נביאות, אַז צווישען די צוויי וועט זיין אַ שידוך: „זיי פיהרען אַ ליבע..."

די באָבע האָט דאָס דערהערט און געמאַכט צו זיי מיט אַ פינגער: זי'ט זיי געבען, די לצים! לאַכען פון אַלטע לייט? האָ? איז דאָס שעהן? שמייסען, אָפּשמייסען דאַרף מען זיי! אַ שידוך! זאָל זי בעסער דערלעבען צו טאַנצען אויף זייערע חתונות. און דערלעבען נחת פון זיי מיט זייערע קינדער לעד און דערלעבען „נקמה" אין זיי דורך הערען אַזעלכע רייד פון זייערע אייניקלעך!...

און זי האָט אָפּרעדענדיג שטאַרק אָפּגעזיפצט, דערמאָנט איהרען, עליו השלום, וועמעס פוס־בענקעלע זי האָט בלויז געוואָלט זיין.

און זי האָט צו דעם זיידען געזאָגט:

— ריכט זיך, מחותן, ריכט זיך. מ'וועט אונז באַלד צושיקען אַ פּאַוועס־קעלע... מיר'ן דאַרפען צונויפנעמען אונזער פּעקעל ביינער און געהן... געהן אהינצוצו...

האָט דער זיידע געמאַכט מיט'ן האַנט:

— געהט אייך אהינצוצו אַליין, מחותנת'טע. שלעפּט מיך ניט אהין. לאָזט מיך לעבען...

(פאָרזעצונג מאָרגען)

דער ביאַליסטאָקער פּיקניק

די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט פון גרייטער ניו יאָרק האָט איצט ווידער אויפגעלעבט אַן אַלטע אונטערנעמונג, וואָס איז שוין ביי פילע לאַנג פאַרגעסען געוואָרען. עס ווערט איצט אַראַנזשירט אַ גראַנדיעזער פּיקניק אין אַלמער פּאַרק, אויף זונטאָג, דעם 8טען דזשון, וואו 10 טויזענט מענשען וועלען דעם טאָג פאַרברענגען ביי פאַרשידענע אינטערעסאַנטע און אַמוזירענדע פאַרוויילונגען.

דער גראַנדיעזער פּיקניק ווערט אַראַנזשירט פון דער לייזער אַקזיל־די פון ביאַליסטאָקער צענטער און בקור חולים, און דער פּראָפיט פון דער אונטערנעהמונג געהט פאַר'ן ביאַליסטאָקער האָם, וואָס ווערט געבויט אויף איסט בראָדוויי.

ראַדיאָ

היינטיגע ראַדיאָ פּראָגראַם

526 M—WNYC—570 Kc.
6:00 אָוו.—בענד פון דעפּאַרטמענט און סאַניטיישאַן.
6:40 אָוו.—די קאַרטלאַנד פּלעיערס.
7:00 אָוו.—בען לעוויטצקי, פידעל שפּילער.
7:10 אָוו.—פּוילישע לעקטשור.
7:25 אָוו.—בעיסבאַל באַריכטען.
7:30 אָוו.—ריכטיגע צייט; פּאָליס אַלאַרמס; אינפאָרמאַציעס.
7:35 אָוו.—„לאָז פאַר יעדען איינעם", לעקטשור פון פּראָפעסאָר דזשוזעפּ מאַרטיניסיאָ.
7:55 אָוו.—„פּיער קאָרנעיל", לעקטשור פון פּראָפעסאָר ס. מ. דעלסאָן.
8:10 אָוו.—די קאָונטי מעיאָ באָיס.
9:00 אָוו.—די באַנדענהיימער, קאָמאַנדיר פון „אַמעריקען לידזשאַן"—רעדעס פון ליוטענאַנט גאָווערנאָר לעהמאַן, סענאַטאָר קאָפּעלאַנד און אַנדערע.

526 M—WMCA—570 Kc.
12:00 מיטאָג—די „ריידיאָ אַקשאַנירס".
12:15 נאָכמ.—העיוואָוד ברון'ס „גיט־אַ־דזשאַב" פּראָגראַם.
1:00 נאָכמ.—גאַרבער'ס אָרקעסטער.
12:30 נאָכמ.—סטאַק באַריכטען.
1:30 נאָכמ.—סילבערט־ווילקאַן פּראָגראַם.
2:00 נאָכמ.—די וועיז בראָדערס און סיסטער דזשאַן, זינגער.
2:15 נאָכמ.—לעקטשור פון אַלאַן פּרעסקאַט.
2:30 נאָכמ.—קאָהן'ס סערענעידערס.
3:00 נאָכמ.—סילבערט־ווילקאַן פּראָגראַם.
3:45 נאָכמ.—סטענליס „דזשועלס".
4:00 נאָכמ.—די „סאַטורדיי עפטערנונערס".
4:30 נאָכמ.—אַהרבאַך פּראָגראַם.
5:00 נאָכמ.—די לוכטיגע גאָלדבורגס.
5:45 נאָכמ.—די „רעד רעווילס".
8:30 אָוו.—קאַרוסאָ מעניו.
8:45 אָוו.—לעקטשור פון ריוען דזשיימס.
10:00 אָוו.—נאַוואַוד'ס ספּאָרט רעוויו.
10:05 אָוו.—וואַוועלעט טריאָ.
10:15 אָוו.—טשאַרלז ראַטהמאַן, קאָמיקער.
10:30 אָוו.—„קאָפּי קליפּס" אָרקעסטער.
11:00 אָוו.—מעקאַלפּין אָרקעסטער.
12:00 מיטען־נאַכט—לענאָקס קלוב אָרקעסטער.
12:30 פריה.—קאָקאָנאַט גראָוו אָרקעסטער.

500 M—WGBS—600 Kc.
11:45 פאַרמ.—„נייע מאָדעס", פון מרס. בוירט טעילאָר.
12:00 מיטאָג—די ריכטיגע צייט; נייעס.
12:15 נאָכמ.—לאַנטש־מוזיק.
12:30 נאָכמ.—די סיוואַרו סאַנשיין קידדים.
12:45 נאָכמ.—נייעס.
1:00 נאָכמ.—אַרנאָלד אָרקעסטער.
1:45 נאָכמ.—ווינסענט און זוהעילע, אונטערהאַלטער.
2:00 נאָכמ.—סווייטמאַן אָרקעסטער.
2:30 נאָכמ.—פּראָגראַם פון מוזיקאַלישע וואונדער־קינדער.
3:00 נאָכמ.—סטודיאָ פּראָגראַם.
5:30 נאָכמ.—רייען'ס אָרקעסטער.
6:30 אָוו.—מעלווין און מאָזן.
6:45 אָוו.—בעיסבאַל באַריכטען.
6:55 אָוו.—„ספּאָרט", פון א. דזש. פּאָלאַדזש.
7:00 אָוו.—די באַקוואַלד דזשוגלערס.
7:30 אָוו.—אינדישער פּראָגראַם.
8:00 אָוו.—וואַנדערבילט אָרקעסטער.
8:30 אָוו.—רוטה קאָוען, פּיאַניסטקע.
8:45 אָוו.—ווערטהיים טריאָ.
9:15 אָוו.—אַלעקסיס פּאָוולאָווסקי, פּיאַניסט.
9:30 אָוו.—רידזשוואָוד באָקסינג באַוטס.
11:00 אָוו.—סטרינג אַנסאַמבעל.
11:30 אָוו.—אַרקאַדיאַ אָרקעסטער.

455 M—WEAF—660 Kc.
11:15 פאַרמ.—הויזווירטשאַפט אינסטיטוט.
11:30 פאַרמ.—פּראָגראַם וועט אַנאָנסירט ווערען.
12:00 מיטאָג—טריאָ.
1:00 נאָכמ.—האַי סטעפּפערס בענד.
2:00 נאָכמ.—די „מעלאָדי טהרי".
3:00 נאָכמ.—מאַריאַנעטען בענד.
4:00 נאָכמ.—פּראָגראַם וועט אַנאָנסירט ווערען.
4:30 נאָכמ.—ווהאַיט אָרקעסטער.
5:00 נאָכמ.—קינדער'ס פּראָגראַם.
5:30 נאָכמ.—„טיה־טאַימערס" מוזיק.
5:45 נאָכמ.—אָרגעל רעסאַיטעל.
6:05 אָוו.—בלעק און גאָלד אָרקעסטער.
6:30 אָוו.—קלינטאָן אָרקעסטער.
6:55 אָוו.—בעיסבאָל באַריכטען.
7:00 אָוו.—פלאָיד וויליאַמס, טענאָר.
7:15 אָוו.—„די דזשיימסעס", סקעטש.
7:30 אָוו.—ספּיטאַלני'ס מוזיק.
8:00 אָוו.—„די נייע ביזנעס וועלט", לעקטשור פון מוירל טהאָרפּ.
8:30 אָוו.—דעל מאָנטע פּראָגראַם.
9:00 אָוו.—דזשענעראַל עלעקטריק סימפאָני אָרקעסטער, דירינירט פון וואַלטער דאַמראָש; וויסענשאַפט־לעקטשור פון פלאָיד גיבאָנס.
10:00 אָוו.—לאַקי סטרייק אָרקעסטער.
11:00 אָוו.—לעני ראָס, טענאָר; אינסטרומענטאַלע טריאָ.
11:15 אָוו.—קלוב ריטשמאַן אָרקעסטער.
12:00 מיטען־נאַכט—וואָללי אָרקעסטער.

422 M—WOR—710 Kc.
9:30 פריה.—אָנקעל דאָן, אונטערהאַלטער.
10:00 פאַרמ.—כאַקכאַפאָן לעסאָנס, פון מוירל דזשאָהנסאָן.
10:15 פאַרמ.—מעשות פון האָוואַרד פּאַיל.
10:30 פאַרמ.—„זיבער שטונדע", פון דאָראָטהי לואָיס.
11:00 פאַרמ.—רימאַ רעגאַרט, זינגערין.
11:45 פאַרמ.—סטודיאָ אַנסאַמבעל.
12:15 נאָכמ.—„דער טעאַטער", פון האַריעט מענקען.
12:30 נאָכמ.—בעצנער'ס אָרקעסטער.
1:00 נאָכמ.—דזשענסען'ס אָרקעסטער.
2:30 נאָכמ.—העיז אָרקעסטער.
3:00 נאָכמ.—גאָלדען ליהף קוואַרטעט.
3:15 נאָכמ.—„טין־פּאַן־עלי".—קאָנצערט.
3:45 נאָכמ.—וואָולף'ס אָרקעסטער.
4:10 נאָכמ.—גיטאַר לעסאָנס, פון ראַי סמעק.
4:30 נאָכמ.—פּרימאַק־פּריהמען רעסאַיטעל.
4:45 נאָכמ.—די פּיער „מעררימעיקערס".
5:00 נאָכמ.—גאַלאַסי אָרקעסטער.
5:30 נאָכמ.—„וואו איהר געפינט זיך אַסטראָנאָמיש", לעקטשור פון וועלד אָניאַלד.
6:00 אָוו.—אָנקעל דאָן, אונטערהאַלטער.
5:50 נאָכמ.—דזשאָזעף מעק'קעררען, טענאָר.
6:30 אָוו.—מאָנטקלעיר אַנסאַמבעל.
7:00 אָוו.—„ספּאָרט".
7:15 אָוו.—קאָנצערט פון ראַי סמעק.
8:15 אָוו.—קראָסלי אָרקעסטער.
9:00 אָוו.—דזשענסען'ס אָרקעסטער.
9:30 אָוו.—דינער פון דער „טאַימס" כאַר געזעלשאַפט.
10:30 אָוו.—מאָסקווער קונסט קלוב פּראָגראַם.
11:00 אָוו.—די ריכטיגע צייט; נייעס; וועטער באַריכטען.
11:05 אָוו.—אַסטאָר אָרקעסטער.
11:30 אָוו.—„לבנה־שטראַהלען".—קאָנצערט.

395 M—WJZ—760 Kc.
11:00 פאַרמ.—די רעסאַיטעליסטס.
12:00 מיטאָג—די „לאַנטשען פּאַיוו".
1:00 נאָכמ.—גאַטהאַם טריאָ.
1:45 נאָכמ.—פאַרם און היים שטונדע.
2:30 נאָכמ.—טוויזענט מעלאָדיעדיגער בענד.
3:00 נאָכמ.—קלאַסישער קאָנצערט.
3:30 נאָכמ.—שיקאַגאָ סערענעיד.
4:00 נאָכמ.—די „מעררימעיקערס".
4:30 נאָכמ.—פּראָגראַם וועט אַנאָנסירט ווערען.
5:00 נאָכמ.—סטאָק באַריכטען.
5:15 נאָכמ.—אייוווי סקאָט, סאָפּראַנאָ.
5:30 נאָכמ.—בלין עיסעס בענד.
6:00 אָוו.—פּיאַנאָ רעסאַיטעל פון זאַליטאַ געינסבאַרג.
6:15 אָוו.—גוזאַנגס־קוואַרטעט.
6:45 אָוו.—לעקטשור וועגען פּראָהיבישאָן, פון פלאָיד גיבאָנס.
7:00 אָוו.—עימאָס און ענדי, קאָמיקער.
7:15 אָוו.—טהערעמין'ס לופט־מוזיק.
7:30 אָוו.—פולער אָרקעסטער; אויזל ספּאַיסער, באַריטאָן; געזאַנגס קוואַרטעט.
8:00 אָוו.—דיקסי צירק.
8:15 אָוו.—סקעטש.
8:30 אָוו.—די „זילבערנע פּלעיטס".
9:00 אָוו.—פּיאַנאָ דועטען פון מיוריעל פּאָלאַק און וויוו לאַהנהוירסט.
9:15 אָוו.—סקעטש.
10:00 אָוו.—וויאָלין רעסאַיטעל פון נאַדפרי לאַדלאָ.
10:30 אָוו.—מיניאַטור טעאַטער.
11:00 אָוו.—„ניו יאָרקער" אָרקעסטער.

אַדווערטייזמענט

„מאַגער! געוואונען 11 פונט אין 8 וואָכען און אַ חתן"



„נאָכ'ן פּרובירען עטליכע טאָניקס, האָב איך פּראָבירט אייראָנאַיזד איסט. אין 8 וואָכען האָב איך געוואונען 11 פונט, אַ נייעם פּנים, רונדע גלידער; און בעסער ווי אַלץ—אַ חתן."—ס. מ. סאַלינאַ.

מענער און פרויען זיינען איבערראַשט מיט אַ געווינס פון 5 ביז 15 פונט אין 3 וואָכען. איינגעפאַלענע ערטער פאַרשווינדען. בייניגע גלידער רונדיגען זיך אויס. בלאַסע, פאַרפלעקטע הויט ווערט קלאָהר און ראָזעווע ווי דורך כישוף. נערוועזיטעט, אומפאַרדייאונג, פאַרשטאָפּונג פאַרשווינדען איבער נאַכט. פעסטער שלאָף. נייע ענערגיע פון ערשטען טאָג אָן.

צוויי נוצליכע טאָניקס אין איינעם—ספּעציעלע וואָג־בויענדע מאַלץ איסט (הייוון) און קרעפטיגענדע אייזען. פיל שטאַרקער ווי ניט־מעדיצינישע איסט. רעזולטאַטען אין האַלב צייט. קיין הויך־ווערדיגער טעם, קיין גאַז.

געהט ניט אַרום „מאַגער", מיאוס, אונאַנציהענד. קריגט אייראָנאַיזד איסט אין דראָג סטאָר. פיהלט זיך גוט מאָרגען. געלד צוריק פון מאַנופאַקטשורער אויב איהר זייט ניט באַגייסטערט פאַר שנעלע רעזולטאַטען.

ווייכטיגע פּיטשורס הײַנט אויף דער ראַדיאָ

קורצע ערקלערונגען וועגען די מוזיק־נומערען, סימפאָניס, דער אָפּערא, קאָמפּאָזיטאָרען און אַרטיסטען.

פון סי מיידזשאַר.

455 M—WEAF—660 Kc.

8:30 אָוו. — מערילין מילער זינגט ראַדיאָ ווערסיע פון „סאַלי".

מערילין מילער איז געווען די אָריגינעלע סטאַר פון דער היט־אָפּערע סאַלי, שפּעטער, האָט מערילין „געסטאַרט" אין דער „מואַווי", וואָס מען האָט געמאַכט פון דער זעלבער אָפּערעטע און איצט האָט מען געמאַכט אַ ראַדיאָ ווערסיע פון „סאַלי". און ווער האָט די הויפּט ראָלע? — טאַקע מערילין מילער.

אַ סברה אַז מערילין זאָל האָבען געמאַכט מעהר געלט אין איהר דריי־פאַכען סטאַרוועוען אין די דריי פּראָדוקציעס פון „סאַלי" — ביהנע, סקרין און ראַדיאָ, ווי די אַלטע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען געמאַכט אין דריי אָפּעראַס וועלכע ווערען נאָך היינט־צו־טאָג געשפּילט אויף די ביהנעס פון די אָפּערא טעאַטערס.

מען זאָגט, אַז די פאַרשטעלונגען פון „סאַלי" איז זיגפעלד'ס טעאַטער'ס „באָקס אָפיס רעקאָרד ברעיקער". ד. ה. אַז די איינגאַהמען ביי דער קאַסע זיינען געווען די גרעסטע וואָס דער טעאַטער האָט ווען געהאַט.

די ראַדיאָ ווערסיע פון „סאַלי" איז צוזאַמענגעשטעלט פון איהרע צוויי פאָרגעגנער — די ביהנע און סקרין.

צוזאַמען מיט מיס מילער וועלען זיך באַטייליגען אין דער ראַדיאָ אויפפיהרונג אַ גרויסע קאָמפּאַני זינגערס, אַקטיאָרען און מוזיקאַנטען.

עמיל פּאָלאַק וועט דירינירען די גאַנצע אויפפיהרונג.

צווייערליי מאָוווים זיינען געמאַכט פון „סאַלי" — די ערשטע אַ „שטילע", מיט קאָלין מור, און די צווייטע, אַ „טאָקי", מיט דער אָריגינעלער סאַלי, מערילין מילער. מיס מילער זאָל האָבען געקראָגען הונדערט טויזענד דאָלאַר פאַר איהר אַרבייט אין די פילם קאָמפּאַניס.

9:00 אָוו. — בראַהמס צווייטע סימפאָניע.

דאַמראָש וועט אינטערפּרעטירען בראַהמס „סימפאָניע פון ספּאָנטאַנער פרייד", ווי מען רופט דיזע קאָמפּאָזיציע אין מוזיקאַלישע קרייזען — אויף דער דזשענעראַל עלעקטריק שטונדע.

דיזע סימפאָניע איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין וויען, אין 1877 און ווענינער ווי מיט אַ יאָהר שפּעטער איז זי געגעבען געוואָרען אין ניו יאָרק, אונטער דער דירעקציע פון טעאָדאָר טהאָמאַס.

מען זאָגט, אַז דאָס איז די איינציגע סימפאָניע פון דעם גרויסען מייסטער וועלכע אַפּעלירט צו דעם ברייטען עולם; זיינע אַנדערע סימפאָניעס זיינען נאָך דערוויל ניט צוגענגליך פאַר די מאַסען.

בראַהמס האָט געאַרבייט צעהן יאָהר איבער זיין ערשטער סימפאָניע; די צווייטע, וועלכע ווערט היינט געשפּילט פון דאַמראָש'עס אָרקעסטער, האָט דער מייסטער געשאַפען אין ווענינער ווי 12 מאָנאַטען.

דער ערשטער מאָוועמענט (טייל) פון דער סימפאָניע גיט דעם איינדרוק פון אַ ליכטיגען, זומערדיגען טאָג מיט אַן אַטמאָספערע און שטימונג פון שטילער רוה.

די צווייטע שטעלע קען מען אָנרופען „אָוונט", די מוזיק מאַכט דעם איינדרוק פון נאָכדענקען און טראַכטען.

די אַלעגרעטאָ און שקערצאָ באַוועגען זיך גלאַט, וויגענדיג זיך פון איין טעמפּאָ און דער צווייטער, דער גאַנצער שלוס פון דער סימפאָניע איז אַן אויסדרוק פון האַרציגער פרייד.

די מוזיק פון דער „פינאַלע" (שלוס) פאַנגט זיך אָן שטיל, צאַרט, איינגעהאַלטען און האַלט אין איין וואַקסען ביז צו אַ קלימאַקס, אַ שטראָם וואָס פליסט מיט פריידיגקייט, מיט גרעניצלאָזער שמחה.

Station WFI Philadelphia
Station WEEI Boston

526 M—WNYC—570 Kc.

9:00 אָוו. — מעיאָר וואָקער, ליוטענאַנט גאָווערנאָר הוירבערט לעהמאַן, די צוויי יונייטעד סטייטס סענאַטאָרען פון ניו יאָרק סטייט, ראָיעל עס. קאָפּלענד און ראָבערט עף. וואַגנער, און אַנדערע באַריהמטע פּערזענליכקייטען, וועלען רעדען פון האָטעל אַסטאָר.

297 M—WRNY—1,010 Kc.

9:00 גראַנד אָפּערא, אונטער דער דירעקציע פון נינאָ ראָזיז.

395 M—WJZ—760 Kc.

6:00 נאָכמ. — אינטערנאַציאָנאַלער פּיאַנאָ רעסיטעל.

מאַדאַם גוינסבאַרג, די שפּאַנישע פּיאַנאָ קינסטלערין, וועט פּיטשורען 2 פון בראַהמס באַריהמטעסטע פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציעס: „אינטערמעצאָ אין בי. פלעט מיינאָר", און „קאַפּרישיאָ אין סי. שאַרפ מיינאָר".

12:00 מיטען־נאַכט—מוזיק פאַר'ן שלאָפען.

349 M—WABC—860 Kc.
11:30 פאַרמ.—די סאַטורדיי סינקאָפּעיטאָרס.
12:00 מיטאָג—אַדווענטשורס פון העלען און מערי.
12:30 נאָכמ.—יענג'ס אָרקעסטער.
1:00 נאָכמ.—ליטמאַן'ס אָרקעסטער.
1:30 נאָכמ.—באַרקליי אָרקעסטער.
2:00 נאָכמ.—אָרגעל רעסאַיטעל פון ען ליהף.
2:30 נאָכמ.—דאָמיניאָן געזאַנגס־קוואַרטעט.
3:00 נאָכמ.—קאָלאָמביאַ אַנסאַמבעל.
3:30 נאָכמ.—אינפאָרמאַציעס.
4:30 נאָכמ.—קלוב פּלאַזאַ אָרקעסטער.
5:00 נאָכמ.—פראַנצויזישע טריאָ; קעניאָן קאָנגדאָן, באַריטאָן.
5:30 נאָכמ.—עבאָני טווינס, אונטערהאַלטער.
5:45 נאָכמ.—„פראַנצויזיש", פון דר. טהעטשער קלאַרק.
6:00 אָוו.—שעלטאָן אָרקעסטער.
7:00 אָוו.—קעפּטיוועיטאָרס אָרקעסטער; איירין ביהזלי, זינגערין.
7:30 אָוו.—ליטמאַן אָרקעסטער.
8:00 אָוו.—„אַ וויסענשאַפטליכע רייזע איבער ווילדערנישען", לעקטשור פון דר. אַרטור טאָרענס.
8:30 אָוו.—דיקסי עכאָס.
9:00 אָוו.—סימאָנס'עס טעאַטער־שיף.
10:00 אָוו.—„פּאַראַמאַונט־פּאַבליקס" שטונדע.
11:00 אָוו.—נייעס.

231 M—WEVD—1,300 Kc.
1:00 נאָכמ.—אָנקעל אַרטור.
1:45 נאָכמ.—קלינמאַן'ס סערענעידערס.
2:15 נאָכמ.—לעאָן דזשייקאָבס, פּאַרלעזער.
2:45 נאָכמ.—יאַנג פּיפּעלס סאָשעליסט ליג.
3:00 נאָכמ.—וויליאַם דראַפּקין, זינגער.
3:20 נאָכמ.—יאַנג סוירקעל ליג.
3:40 נאָכמ.—פּאָולין זייפער, פּיאַניסטקע.
3:50 נאָכמ.—בערנאַרד באַללינער, פידעל שפּילער.
4:30 נאָכמ.—גאָלדען געיט אָרקעסטער.
5:00 נאָכמ.—„ווי אַ סאָציאַליסט זעהט עס", לעקטשור פון סעם פרידמאַן.
5:20 נאָכמ.—סאָציאַליסטישע סאָנדעי סקול.
6:00 אָוו.—די דזשאַמעיקאַ ראַיאַליסטס.

ראַדיאָ נייעס

אַ טשיקאַגאָער בראָדקעסט פון אַ מאָדערנער סטודיאָ מיט אויסטערלישע אַרטיסטען

דער לעצטער גרויסער און מערקווירדיגסטער אויפטהו פון דער ען. בי. סי. איז געווען דער בראָדקעסט פון דער „זו", דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען, (זווערינעץ) אין בראָנקס פּאַרק.

די איינוואָהנער פון די שטייגען האָבען געמאַכט זייער „דעביו" אויף דער ראַדיאָ, לעצטען מאָנטאָג נאָכמיטאָג, דעם 21טען אַפּריל.

די לייבען, טיגערס, עלעפאַנטען און זייערע קאָלעגען האָבען זיך פאַרנייגט פאַר דעם ראַדיאָ פּובליקום מיט אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען פּראָגראַם פאַר וועלכען זיי האָבען אַפילו קיין פּראָבען ניט אָפּגעהאַלטען.

דיזע אייגענאַרטיגע אַרטיסטען לאָזען זיך ניט דיקטירען; זיי האָבען זייערע אייגענע קונסט אויפפאַסונגען, זיי זיינען שטימונגס־קינסטלער, אימפּראָוויזאַטאָרס. שאַפען ספּאָנטאַן, אָהן צערעמאָניעס, ווי מען איז זיך נוהג אין דער וועלט פון צוויי־פוסיגע קינסטלער.

„דער בראָדקעסט פון די „ענימעלס" איז געהערט געוואָרען דירעקט פון די שטייגען וואו מיר האָבען זיי פאַרשפּאַרט.

די אידעע פון דיזען בראָדקעסט איז איינגעפאַלען דער „לידי נעקסט דאָר", וועמעס פּראָגראַמען אויף דער ען. בי. סי. זיינען באַקאַנט צו אַלע קינדער און אויך צו ערוואַקסענע.

„די לידי נעקסט דאָר", וועמעס פּריוואַטער נאָמען איז מיס טאַקער, און איהר קעסט פון חברה קליינוואַרג, וועלכע באַטייליגען זיך טעגליך אין איהר בראָדקעסט, האָבען באַשלאָסען צו האָבען אַ „זו פּאַרטי".

וויליאַם בוירק מילער, דער מאַן וואָס פאַרוואַלטעט מיט'ן ספּעשעל בראָדקעסטס פון דער ען. בי. סי., איז געוואָרען געוואָרען פון דיזען וואונש. ער האָט גלייך גערופען אַ קאָנפערענץ פון זיינע קאָלעגען פון דעם טעכנישען סטעף. נאָך דער קאָנפערענץ האָט מען גלייך אַוועקגעשיקט אַן עקספּעדיציע פון פאַרשידענע ספּעציאַליסטען אין דער בראָנקסער „זו", מען האָט אויסגעפאָרשט, שטודירט, פּראָבירט און געמאַכט אַלע נויטיגע פאַרבערייטונגען פאַר דעם בראָדקעסט.

ווי שוין געזאָגט: דער „קאָנצערט" איז ניט געווען קיין צערעמאָניעלער: ניט געווען קיין אַנאָנסער און מען האָט ניט פאָרגעשטעלט די אַרטיסטען.

די פויגלען, ים לייבען, מאַנקיס, לייבען, טיגערען, לעמפּערטען, עלעפאַנטען, וועלף און אַלע אַנדערע „זו" בירגער האָבען געהאַט פאָלקאָמענע פרייהייט צו רעוועזן, מרוקען, ברומען, קוויטשען און פייפען זייערע „סאָלאָס" אויף זייער אייגענעם שטייגער, אָהן אַ דיריגענט און אָהן אַ סופליאָר, פייפענדיג אויף אַלע כללים, גוזעצען און רעגולאַציעס וועגען טאַקט, ריטם, ענסעמבעל, אָדער סאָלאָ פאָרטראָג.

דאָס אַנוועזענדע פּובליקום אין פּאַרק איז באַשטאַנען פון די העכסטע בעאַמטע פון דער בראָדקעסטינג קאָמפּאַני, שטאָט בעאַמטע פון פּאַרק און „זו" אָפּטיילונג; די אַרמיי טעכניקער, אינזשענירען, עלעקטריקער און אַנדערע פאַך־לייט פון דער בראָדקעסטינג קאָמפּאַני און, זעלבסטפאַרשטענדליך, די „לידי נעקסט דאָר" און איהרע קינדער־אַרטיסטען.

מען האָט איהר פאַרבאָטען צו לאַכען

אַ באַרימטע ראַדיאָ אַרטיסטקע, אַ סטאַר פון אַ פּאָפּולערען וועכענטליכען פּיטשור בראָדקעסט, האָט אַ טבע צו לאַכען אַביסעל אָפטער ווי עס איז נויטיג.

נו, אַז זי לאַכט ביי זיך אין דער היים, אין געזעלשאַפט, אין רעסטאָראַן, אין גאַס — מאַכט ניט אויס; זאָל זי לאַכען געזונטערהייד.

טוט זי אָבער אַ לאַך אין סטודיאָ, אין דער צייט פון אַ פּראָבע, אָדער חלילה טאַקע בשעת מען האַלט אין בראָדקעסטען, דעמאָלט מאַכט איהר געלעכטער אַן אַ חורבן. זי קען פאַראורזאַכען אַ קאַטאַסטראָפע מיט איהר געלעכטער אָדער „גיגעל", ווי זיי רופען דיזען סאָרט געלעכטער אויף ענגליש.

דער „גיגעל" פון דיזער סטאַריכע איז אַזוי אַנשטעקענד, אַז אַזוי שנעל ווי עס דערהערט זיך די ערשטע נאָטע פון איהר זילבערנעם געלעכטערל, דאַן מעגען אַלע אַנוועזענדע, אַנדערע אַרטיסטען אין דער סטודיאָ זיין ווי ערנסט, מעגען זיי האַלטען אין בראָדקעסטען אַ „טיער דזשווירקינג" (טרעהרען פּאָמפּענדיגע) טראַגעדיע, פאַנגען זיי אַלע אַן מיטלאַכען, קיכענדיג אַזוי, אַז מען קען זיי גאָר ניט צוריקהאַלטען.

איבעריגער גערויש, וואָס באַלאַנגט ניט צום בראָדקעסט, מעג דער גערויש זיין ווי קליין, איז סם המות פאַר אַ בראָדקעסטינג סטודיאָ, בשעת די סטודיאָ איז „אַן די עיר". ד. ה. ווען מען בראָדקעסטעט, שוין ניט רעדענדיג פון אַ מיטען־דערינען אויספּלאַצענדען הילכיגען „גיגלען".

וואָלט דיזע אַרטיסטקע געווען אַ ניט־וויכטיגע, אָדער אַפילו אַ מיטעלמעסיגקייט, וואָלט מען זיך מיט איהר לאַנג ניט געצערעמאָניעט, זי וואָלט שוין לאַנג געווען אָהן אַ דזשאַב. אַזוי ווי זי איז אָבער אַ גרויסער שטערען אין איהר פאַך, האָט מען ניט קיין גלייכען אויף איהר געביט, האָט מען איהר אָנגעזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט:

לאַך, „גיגעל", טאָכטערקע, וויפיעל דו ווילסט און וואו דו ווילסט, אָבער ניט אין דער סטודיאָ בשעת מען האַלט אין בראָדקעסטען.

וועט זי פאָלגען, האָט מען איהר געגעבען אָנצוהערען, וועט איהר זיין גוט און וואויל, טאָמער ניט... דאָס איבעריגע פאַרשטעהט זי שוין אַליין, און מען גלויבט אַז זי וועט פאָלגען.

דיזע אייזיד קאַפע אין אָוועגד לאָזט אייך שלאָפען

קאַפעאין־פרייע קאַפע האָט דעם זעלבען טעם, אָבער האַלט אייך ניט וואַך.

איהר קענט זיך ערפרישען מיט עטליכע גלעזער אייזיד קעפּפי האַג קאַפע אין אָוועגד און דאָך שלאָפען געשמאַק. די אורזאַכע איז פאָלגענדע:

דער טייל פון קאַפע וואָס שטערט אייער שלאָף איז דער דראָג קאַפעאין. 97% פון דיזען דראָג איז באַזייטיגט פון קעפּפי האַג קאַפע בעפאַר עס ווערט איבערגעברענט. דער געשמאַק און אַראָמאַט פון דער באַ'טעמ'טער מישונג ווערען ניט געענדערט, און פון דעם טעם קענט איהר ניט וויסען אַז דער קאַפעאין איז באַזייטיגט. אָבער וויפיעל איהר זאָלט ניט טרינקען, וועט קאַפפי האַג קאַפע ניט שטערען אייער שלאָף אָדער שאַדען די נערוועז.

איהר דאַרפט ניט טרינקען די אומצופרידענע קאַפע סאַבסטיטוטס. קויפט זיך וויפיעל אייער האַרץ גלוסט מיט די ערפרישענדע מעלות וואָס בלויז עכטע קאַפע באַזיצט.

פּרובירט עס. סערווירט אין אַלע האָטעלען און רעסטאָראַנען. פאַרקויפט אין וואַקואום־פאַרזיגעלטע קענס ביי אַלע דילערס. געמאַהלען, גרייט צו קאָכען. די אָריגינעלע קאַפעאין־פרייע קאַפע. ניט קיין סאַבסטיטוט — נאָר אמת'ע קאַפע — וואָס לאָזט אייך שלאָפען.

KAFFEE HAG COFFEE

יעצט פיעל פאַרבעסערט פון קעללאָגג

קעללאָגג'ס קעפּפי האַג קאַפע איז אַבסאָלוט כשר אונטער דער השגחה פון הרב יעקב איסקאָלסקי.

באַנוצט פריזאָן
און הויבט אַרויס דעם קאָרן!

שמערץ סטאָפּט אויגענבליקליך. דער גאַנצער וויטאָג און צופּעניש הערט אויף— און די הינער־אויג ווערט גיך אַזוי לויז, אַז עס הויבט זיך אַרויס! אַט דאָס איז פריזאָן —דער מאָדערנער פאַרטרייבער פון הינער־אויגן. פאַרניכטעט קאָרנס און קאַלאָסעס אויף אייער גאַנצען לעבען. אַלע דראָג סטאָרס פאַרקויפען „פריזאָן".

FREEZONE

(טויזענדע שרייבען אונז בריעף ווי דיזער)

„די וועש קוקט אויס ווי נייע"
זאָגט מרס. איידאַ ברעסס, פון בראָנקס

„איך האָב פּראָבירט פיעלע זייפען אין מיין וואַש־מאַשין איידער איך בין געקומען צו רינסאָ. עס האָט ניט קיין גלייכען אין באַצוג צו שנעלקייט! די וועש קומט אַרויס אַזוי שעהן און שנעע־ווייס, אַז עס קוקט אויס ווי נייע. און רינסאָ איז אַזוי שפּאָרעוודיג; אַביסעל גיט אַ סך געדיכטע, דויערהאַפטיגע מולינעס. איך גלייך עס אויך פאַר שייערען —עס מאַכט לויז פעטס אין אַ רגע. לעצטענס האָב איך גענומען געברויכען רינסאָ אויך פאַר אַלערליי סאָרטען הויז־ריינינונג, עס איז אַ וואונדערבאַרע הילף".

מרס. איידאַ ברעסס,
1106 באַנטאַן עוו., בראָנקס, נ. י.

ווייסערע וועש — פון וואַש־טאָב אָדער וואַש־מאַשין

בלויז רינסאָ גיט צו אַ שטראַהלענדע, שנעע־פינקעלדיגע רינסאָ ווייסקייט! די רייכע מולינעס דערפון מאַכען לויז שמוץ ווי מיט אַ כשוף. וועש ווייקט זיך אויס אַזוי ווייס און ריין, אַפילו קאָכען איז ניט נויטיג.

רינסאָ איז זיכער פאַר אייערע פיינסטע קאָטאָנס און לינענס. די פאַבריקאַנטען פון 38 גאַנגבאַרסטע וואַש־מאַשינען רעקאָמענדירען עס. און ס'איז שפּאָרעוודיג! איין קאַפּ גיט צוויי מאָל אַזוי פיעל מולינעס ווי אַ קאַפּ פון לייכטוויכטיגע, פּוכיגע זייף... ווייל עס איז גראַנולירט, צוזאַמענגעפּרעסט. אויסגעצייכענט אויך פאַר שייערען און אַלערליי סאָרטען הויז־ריינינונג. קויפט דעם גרויסען פּעקעדזש.

גאַראַנטירט פון די פאַבריקאַנטען פון לאַקס — לעווער בראָדערס קאָ. קעמברידזש, מאַסס.

און



דער גראַנולירטער זייף

Rinso

וועש קומט אַרויס ווייסער . . . אין וואַש־טאָב אָדער וואַש־מאַשין

גאַסטפריינדליכקייט איז אַ שעהנע אויפגאַבע אין לעבען —

ווען איהר נעמט אויף געסט, מאַכט זיי זאָלען זיך פיהלען בעקוועם, זעהט דאָס זייער באַזוך זאָל זיין אַ סוקסעס.

שטעלט צום טיש

צזועטאַטשני טשאַי

„די טהעע וועלכע איז דורכאויס טהעע"

און דער סוקסעס איז געזיכערט.

צזועטאַטשני טשאַי, קאָלאַמביאַ טהעע, ווהייט לייליאַק און דאַרמאַ טהעע זיינען פאַרשפּרייט אין גאַנץ אַמעריקאַ, אין די בעסטע אידישע הייזער. עס איז אימפּאָרטירט פון דער עלטסטער, און היינט־צו־טאָג, איינציגער אידישער אימפּאָרטינג פירמע אין אַמעריקע און איז צו באַקומען אין אַלע גראָסעריס איבעראַל.

COLUMBIA TEA CO.
CONSOLIDATED TEA CO., Inc., Successors
S. Zechnowitz, President
185 DIVISION STREET, NEW YORK, N. Y.

טרינקט ווהייט לייליאַק קאַפע פאַר ברעקפעסט.

גיט די קינדער ווהייט לייליאַק דאַטש קאַקאָ.

Forward
נוארק פאָרווערטס נוארק
THE LARGEST JEWISH DAILY IN NEWARK
H. BERNSTEIN, MANAGER
Office: 87 MERCER STPEET Telephone, MITchell 4440
אָפיס: 87 מוירסער סטריט טעלעפאָן, מיטשעל 4440

מיר מוזען אויספאַרקויפען אונזער גרויסען סטאָק פאַר דעם ספּרינג סיזאָן

באַהיט אייער עסענוואַרג דורך אונזער ספּעשעל גוטען קאָרק געפּאַקטען אייזבאָקס, די בעסטע אין מאַרקעט — שעהנסטע אין אויסזעהן, ווייס ענאַמעל געלאַזירט, אין אַלע קאָלירען און סייזעס.
פון $16.50 און העכער

גאַז רעינדזש ספּעשעל
שטאַרק קאָנסטרוקטעד זעהר גוטע בעיקערס
$27.50
Krich Stove & Range Co.
"Newark Largest Variety"
436-440 Clinton Ave.
Cor. Jellif Avenue
Telephone Terrace 6649
אָפען אָוונטען ביז 10 אַזייגער

אויגען גלעזער
צו פּאַסען אייערע אויגען
און פּיטען אייער געזיכט

ניט צופיל באַלעסטיגען אייער פּאַקעט
זעהט
דר. מ. טענדלער
אָפּטאָמעטריסט
61 פּרינס סטריט
טעלעפאָן מאַלבערי 5692
פּרעסקריפּשאַנס פון אויגען ספּעציאַליסטען ווערען זאָרגפעלטיג אויסגעפילט
ספּעציעלע פּרייזען פאַר סקול קינדער

קלינינג, דייאינג
האָט איהר ווען געהאַט אייער דרעס אָדער סוט געקלינט אָדער געפאַרבט ביי
סטעמפּלער'ס?

פּרובירט עס און זעהט וואָס פאַר א שעהנע אַרבייט עס ווערט געמאַכט. — ברייננט אַריין אייערע קליידער היינט און קריגט עס צוריק מאָרגען אַזוי ווי ניי.
מאָורנינג גודס נעפאַרבט, אונזער ספּעשעלטי.
מיר קומען נאָך אַר ביים און דעליווערען עס אין שטאָדט און אויסערן שטאָדט.
א. סטעמפּלער, 939 בוירגען סט.
טעלעפאָן מערעס 0434—0435

מרס. ט.
פּרעסטאָפּ
212 פּעשיון עוו.
לעבען קלינטאָן עוו., נוארק, נ. דזש.

נעהמט אַראָפּ די איבעריגע האָר מיט אַן עלעקטריק נידעל אַזוי קינסטליך, אַז מ'קען נים דערקענען דאָס עס איז ווען געוואַקסען האָר. דאָס געזיכט בלייבט צאַרט און גלאַט — א געזיכט פון יוגענד און לעבען. אויך בראָדעוואַקעס און פלעקען פאַרניכטעט זי.
ראַטה און אונטערזוכונג פריי.
טעלעפאָן, טערעס 0962.

מיר פאַרקויפען בלויז די בעסטע
פיסק טאַיערס
אויף אָפּצאָלען
מיט א 20,000 מייל
אַנקאַנדישאַנעל גאַראַנטי
TIME TO RETIRE AT
BENJAMIN'S GARAGE

איינער פון די פיינסטע טאַיערס וואָס איז ווען געמאַכט געוואָרען, אונטער'ן שוץ פון די באַריהמטע פיסק גאַראַנטי און בענדזשאַמין'ס סערוויס. פאַרקויפט אויף די לייכטעסטע אָפּצאָלונגען. ווען איהר קויפט פון בענדזשאַמין'ס קריגט איהר אייער טאַיער סערוויס אַזוי גוט ווי מיר קענען. מיר אַדווערטייזען כדי צו קריגען נייע קאָסטומערס און צו האַלטען זיי דורך גוטע צופרידענשטעלענדע סערוויס. אונזער ליסטע פון שטענדיגע צופרידענע קאָסטומערס איז די בעסטע איבערצייגונג וואָס מיר קענען ווייזען.
קאַר גריזינג
הויכע פּרעשור

75c $1.00
בעטעריס אויף אָפּצאָלען
צוויי יאָהר גאַראַנטי
בענדזשאַמין'ס סערוויס
טאַיערס, בעטעריס, גאַז, אויל, לר בריקעיזשאַן, דזשענעראַל ריפּעירס, וואַשינג און סטאָרעדזש.
Benjamin's Garage
Quality Tires
WHOLESALE AND RETAIL TELEPHONE, TERRACE 0610
354 Avon Avenue, Corner Eleventh Street, Newark
פריי טייער מאַונטינג, פריי טייער קאָווערינג מיט יעדען איינקויף.
Open Day and Night, including Sundays
גרויסער פּאַרקינג פּלאַץ.
בראַנטשעס:
מאַקס טייער סערוויס, 390 קלינטאָן קאָר. רידזשוואוד עוו. טעלעפאָן טערעס 1335.
בענדזשאַמין'ס טייער שאָפּ, 359 אייוואָן עוועניו טעלעפאָן טערעס 0610.

סליפּ קאָווערס

פאַרשענערט אייער היים! באַשיצט אייער מעבעל!
מאַכט סליפּ-קאָווערס און באַשיצט אייער מעבעל פון זומער־שטויב און שמוץ.
סליפּ קאָווערס צו אָרדער, פאַר 3 אָדער 5 פּיעס סעט, קאָלירטע קרעטאָן אָדער דאַמאַסק, פּראַכטפולע מוסטערן, שראַנק ביינדינג
$11
SUN UPHOLSTERING CO., 106 SRINGFIELD AVENUE
Telephone, Mitchell 1890.
Branch Store: 388 Broad Street. Tel. Humboldt 4110.
רופט אָפּ פאַר אונזער מאַן. אַלע אינפאָרמיישאַנס פריי.

נוארק, נ. דזש. נוארק, נ. דזש.
פיליפּ אַפּטער און זוהן
פיונעראַל דירעקטאָרס
אָפיציעלע פיונעראַל דירעקטאָרס פאַר דעם אַרבייטער רינג
PHILIP APTER & SON
FUNERAL DIRECTORS
100 Morton Street TELEPHONE MULBERRY 4791 Newark, N. J.

איך מוף פורניטשור
און אַנדערע זאַכען אין שטאָט אָדער אויסער שטאָט. יעדער דזשאָב, קליין אָדער גרויס,
צו די ביליגסטע פּרייזען און ראַיעלסטע באַהאַנדלונג.
H. BERMAN, 169 Broome St., Newark
טעלעפאָנס: מאַרקעט 4427 : וויווערלי 2081

פיקסט אייער רוף!
א צובראָכענער רוף צוברעכט אייער סיילינג און גאַנצע געביידע. פאַרהיט עס אין צייט.
מיר נוצען די בעסטע מאַטעריאַלען.
אַלעס ראַיעל און ריזאָנעבעל.
BLACKMAN ROOFING AND TINNING CO.
518 BELMONT AVE. WAVerly 1086

THEATRES AND AMUSEMENTS

עלווינג'ס מעטראָפּאָלי־טאַן טעאַטער

לעבעדיג און פרעהליך וועט מאָרגען זיין אין עלווינג'ס מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער, עס וועט זיין געלאַכט, געזונגען און געטאַנצט. דאָס אַלעס וועט זיך נעמען דערפון וואָס עס וועט אויפגעפירט ווערען די גרעסטע ראָמאַנטישע מוזיקאַל פּראָדאַקשאַן פון היינטיגען סעזאָן; "קעניגין פון מיין האַרץ".

"קעניגין פון מיין האַרץ" וועט בלויז געשפּילט ווערען צוויי מאָל, מאָרגען מאַטינע און אָוו., פון די ערשטע קלאַס קינסטלער קאַמפּ. מיט וויליאַם שוואַרץ, מנשה סקולניק, לוסי פינקעל, חנה האַלענדער, איזידאָר האַלענדער, שרה סקולניק, סימאָר רעכטציים, פרענציס סינקאָף, הערי מילער און קלאַראַ גאָלד.

חוץ די אַלע אויסגערעכענטע אַרטיסטען נעמט אויך אַנטייל א גרויסער כאָר און א דאָבעל אַרקעסטער, ווי אויך א גרויסאַרטיגער בראָדוויי באַלעט און שעהנסטע טענצער און טענצערינס.

21 נומערען געזאַנג מיט האַרציגע מוזיק.

"קעניגין פון מיין האַרץ" איז א שאָו וואָס פאַרטרייבט אַלע זאָרגען, וואָס איז ניט נאָר די קעניגין פון האַרץ, נאָר אויך די קעניגין פון ליעבע, די קעניגין פון האַרציגען פאַרגעניגען.

ווי שוין באַמאַנט, וועט די "קעניגין פון מיין האַרץ", קעניגין בלויז איין טאָג, מאָרגען, צוויי פאַרשטעלונגען, מאַטינע און אָוונד אין עלווינג'ס מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער.

קומט אַליין אָדער מיט דער קעניגין פון אייער האַרץ, צו פאַרברענגען אן אויסערגעוויינליכען פאַרגעניגענדען אָוונד זעהענדיג די ראָמאַנטישע מוזיקאַל פּראָדאַקשאַן: "קעניגין פון מיין האַרץ".

בראָד סטריט טעאַטער

"בראָקען דישעס" — די בראָדוועי קאָמעדיע מיט דאָנאַלד מעק אין דער הויפּט ראָלע וועט זיך אָנפאַנגען שפּילען מאָנטאַג, דעם 5טען מאַי, אין בראָד סט. טעאַטער.

"בראָקען דישעס" טרייט צו בעהאַנדלען דעם פאַמיליען לעבען אויף א לייכטען הומאָריסטישען אופן.

"בראָקען דישעס" וועט געשפּילט ווערען א גאַנצע וואָך מיט מאַטינעס מיטוואָך און שבת.

ברענפאָרד טעאַטער

אין ברענפאָרד טעאַטער ווערט איצט געוויזען די מאָדערנע מאָווי בילד: — "לײדיס לאַוו ברוטס", מיט מערי אַסטאָר אין דער הויפּט ראָלע.

די בילד טרייט צו אַריינדרינגען אין דער פרוי'ס נשמה און זי איז זעהר אינטערעסאַנט און בעלערענד.

אויך איז דער סטיידזש פּראָגראַם א זעהר אינטערעסאַנטער און אַמוזירענדער.

מאַסק טעאַטער

איבער 35 פון האָלליוואָוד'ס באַרימטעסטע סטאַרס נעמען אַנטייל אין דער רעדענדיגער מאָווי בילד וואָס פאַנגט זיך אָן היינט צייגען אין מאַסק טעאַטער.

די בילד הייסט "פּאַראַמאָונט אָן פּאַרייד" און יעדער איינער פון די סטאַרס טרייט זיין בעסט צו אַריבערשטייגען דעם צווייטען מיט זינגען, טאַנצען א. ז. וו. און צוזאַמען ברענגט דאָס אַרויס א זעהר אַמוזירענדען פּראָגראַם.

ריאַלטאָ טעאַטער

די טאַקי פון היינטיגער וואָך אין ריאַלטאָ טעאַטער הייסט "העלל האַרבאַר", און זי שפּילט זיך אָפּ אויף אן אינזעל אין מעקסיקאַנער ים-אויסגוס, צווישען נאָרד אַמעריקע און זיד-אַמעריקע. מיר זעהען אין דער טאַקי אמת וואונדערבאַרע לאַנדשאַפטען און פּראַכטפולע נאַטור-סצענעס, אַבער דער ראָמאַנטישער אינהאַלט איז זעהר א סענטימענטאַלער און שטאַרק מעלאָדראַמאַטישער. עס האַנדעלט זיך וועגען א יונגער "ניטיוו"-מיידעל, האַלב א נעגערשע און האַלב א ווייסע, וועלכע שפּילט א ליבע מיט א יונגען אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן, אַבער איהר פאַטער און דער מאַן, וועלכען איהר פאַטער האָט פאַר איהר אויסגעקליבען אַלס חתן, שטעהען איהר אין וועג און טוען איהר אָן געברענטע צרות, פון וועלכע די האָר שטעלען זיך קאַפּויר. אַבער ענדליך געלינגט דער מיידעל צו אַנטלויפען מיט איהר געליעבטען קיין אַמעריקע.

די טאַקי הויבט זיך אָן ווי א ראָמאַנטישע מעלאָדראַמע און ענדיגט זיך ווי א קאָמישער בורלעסק פון הערעלד לאָיד, אין וועלכער מענשען וואַרפען זיך מיט גאַנצע טישען אין קאָפּ אַריין.

די געשפּרעכען אין דער טאַקי זיינען זעהר ניט אינטערעסאַנט און מען פאַרלירט גאָר ניט, וואָס א סך פון די רייד זיינען ניט גוט "רעקאָרדעט" און מען פאַרשטעהט זיי ניט.

דער פאַטער פון דער מיידעל און איהר חתן ווערען פאַרגעשטעלט ווי שרעקליכע אונמענשען וואָס זיינען פעהיג אויף די ערגסטע טאַטען — אַבער דער עולם דערשרעקט זיך ניט פאַר זיי. מען זעהט, אַז זיי זיינען האַנד-געמאַכטע גזלנים.

די בעסטע ראָלע אין "העלל האַרבאַר" ווערט געשפּילט פון דער שעהנער מיס לופּ וועלעז, וועלכע רעדט ענגליש מיט א מעקסיקאַנישען אַקצענט, און דאָס פּאַסט איהר דוקא זעהר גוט צו דער ראָלע וואָס זי שפּילט. די ראָלען פון די צוויי אויסוואָרפען ווערען געשפּילט פון דזשין הערשהאָלד און גיבסאָן גאָולענד.

לאָו'ס סטייט טעאַטער

אין לאָו'ס טעאַטער ווערט די וואָך געוויזען אן אינטערעסאַנטע מאָוויטאָן פיקטשור מיט'ן נאָמען "האַי סאָסייעטי בלוס", וועלכע איז א סאַטירע אויף דער הויכער געזעלשאַפט און נאָך מעהר אויף די, וועלכע ווערען מיליאָנערען איבער נאַכט און ווילען זיך אַריינרייסען אין די גאָר הויכע פענסטער, איידער זיי האָבען נאָך אויסגערייניגט זייערע נעגעל, האָבען אָפּגעטרייסעלט די שטויב פון די פיס און האָבען אָפּגעפּוצט זייערע מאַניערען.

די טעמע פון דער פיקטשור איז עהנ־ליך צו שעקספּיר'ס באַריהמטער דראַמע "ראָמעאָ און דזשוליעט". אויך אין דער בילד ווערט געשילדערט א קאַמפּף צווישען צוויי פאַמיליעס, איינע, וואָס שטעהט שוין אין די הויכע פענסטער און די צווייטע, וואָס וויל זיך אַהין אַריינרייסען. די צוויי פאַמיליעס זיינען שכנים, און עס ענטוויקעלט זיך א פלאַמענדע ליבע צווישען דער טאָכטער פון דעם אַלטען מיליאָנער מיט דעם זוהן פון דעם אויפגעקומענעם מיליאָנער. דער סוף איז אַבער א סך א פרעהליכערער אין דער מאָווי, ווי אין שעקספּיר'ס פּיעסע "ראָמעאָ און דזשוליעט". פון דער מאָווי בלייבען ביידע לעבען, זיי האָבען חתונה און נישט נאָר זיינען זיי אַליין גליקליך, נאָר זיי מאַכען שלום צווישען די צוויי פאַמיליעס און אַלעס ענדיגט זיך ווי געוואונשען.

פאָקס טוירמינאַל טעאַטער

די נייע רעדענדע מאָווי בילד וואָס פאַנגט זיך אָן היינט צייגען אין פאָקס טוירמינאַל טעאַטער הייסט: "קרעיזי דהאַט וועי".

"קרעיזי דהאַט וועי" איז א זעהר אַמוזירענדע קאָמעדיע און איז גענומען געוואָרען פון דער ערפאָלגרייכער סטעידזש שאָו: "אין לאַוו וויטה לאַוו".

נוארק טעאַטער

אין נוארק טעאַטער ווערט איצטער געוויזען די רעדענדיגע מאָווי בילד, — "לײדיס און ליזשור".

"לײדיס און ליזשור" איז די אונפאַרגלייכבאַרע סקרין פון דייוויד בעלאַסקאָ'ס ערפאָלגרייכסטע סטעידזש סוקסעס.

"לײדיס און ליזשור" איז א זעהר אינטערעסאַנטע לעבענס - בילד פון א מיידעל וואָס קעמפּט פאַר די רעכט צו א ריינער מאָראַלישער ליבע.

5 זעהר אַמוזירענדע וואָדעוויל אַקטען פילען אויס דעם פּראָגראַם.

קאָנסיל און דזשואיש ווימען זוכט קרובים

דער קאָנסיל און דזשואיש ווימען, וועמעס אָפיס איז אין 1122 פּאָרעסט עוועניו, בראָנקס, ניו יאָרק, זוכט דאָ די פאָלגענדע קרובים:

ביניש יורמאַן, געקומען איז אַמעריקא אין 1923. זיין צדרעס איז געווען 120 דילענסי סטריט. יורמאַן בראַדערס. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

מאַריס בראָזאָסטאָווסקי, געבאָרען אין קאַלאַ, פּוילען. א שניידער ביים טרעיד. ער האָט צוויי קינדער. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

י. ראַק, האָט געוואוינט 189 ריווינגטאָן סטריט. פאַר איהר איז אין קאָנסיל א נאַכריכט פון יוראָפּ.

מאַיר וואָלערשטיין האָט געוואוינט ביי רובין ווינסער איסט 110טע סטריט, ניו יאָרק. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

שלמה פּייסאַכאָוויטש גוסאָוו, געבוירען אין סלוצק, פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

נעצעל זלמן לובעצקי, 33 יאָהר אַלט, געבאָרען אין אוזליאַני. ער איז א טראַקמאַן ביים טרעיד. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

קורט פּפייפער, 32 יאָהר אַלט, געבוירען אין ריגע. איז געקומען אין אַמעריקע אין 1915, האָט געאַרבייט אין א פלאַמבינג פאַבריק. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

מר. גרינטאַל איז געווען א סטויאַרד אין א האָטעל אין 479 גרינ אָדער גרין סטריט. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

דעניעל אָדער שלום הויכמאַן, האָט געוואוינט אין 190 און 129 עלען סט. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

לייזער ראָזענטאַל, געקומען אין אַמעריקע מיט 18 יאָהר צוריק. ער איז 33 יאָהר אַלט. זיין מוטער'ס נאָמען איז רייזעל ראָזענטאַל פון ביאַליסטאָק. אין א זונטאָג אין מאָנאַט מאַרטש פון יאָהר 1916 איז ער אוועק פון זיין היים צו דר. ליבערשטיין פון איסט בראָדוויי און פון דאַן אָן האָט מען איהם מעהר ניט געזעהן. אין אָפיס פון פרויען קאָנסיל איז איצט אָנגעקומען א מעסעדזש פון יוראָפּ.

בענדזשאַמין דאַלמאַן, 50 יאָהר אַלט, פאַטער'ס נאָמען מאָטעל, האָט פאַרלאָזען וואַרשע מיט 30 יאָהר צוריק. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א נאַכריכט פון יוראָפּ.

חיים און אַלטער בלאָק, פאַטער'ס נאָמען יעקב. חיים איז 58 יאָהר אַלט, א בלעכער ביים טרעיד, איז געקומען פון ברעסט ליטאָווסק אין 1901. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

אירע גאַרפינגעל, געבוירען אין טאַרנאָוקע, רוסלאַנד, האָט געוואוינט אין פילאַדעלפיע. פאַר איהר איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

לואיס קאַרנקאַלד א שניידער ביים טרעיד, האָט געוואוינט אין 203 וועסט 172טע סטריט און אין 601 וועסט 172טע סטריט, ניו יאָרק. פאַר איהר איז דאָ אין קאָנסיל א בריוו פון יוראָפּ.

נחום-שלמה יאַסנאָגאַרדסקי, קומט פון וועסאַליטערני, פאַטערס נאָמען איז משה. פאַר איהם איז דאָ אין קאָנסיל א מעסעדזש פון יוראָפּ.

היינט דער קבלת פנים פאַר זלמן רייזען

דער קבלת פנים וועט פאַרקומען אין אַרבייטער רינג לייסעאום, 190 בעלמאָנט עוועניו.

א גייסטיג רייכער מוזיקאַלישער פּראָגראַם וועט דורכגעפירט ווערען.

א גרויסע זכיה האָט דאָס נואַרקער אידענטום. זיי האָבען די עהרע אויפצונעהמען דעם חשוב'ען גאַסט, זלמן רייזען, וואָס וועט זיין דער גאַסט פון נואַרקער אידענטום, היינט, שבת אָוונד

זלמן רייזען

דעם 3טען מאַי, אין אַרבייטער רינג לייסעאום, 190 בעלמאָנט עוועניו.

ניט נאָר וועט דאָס נואַרקער אידענטום האָבען דעם גרויסען פאַרגעניגען צו זעהן און הערען דעם ליבען גאַסט זלמן רייזען, וועלכער איז איינער פון די גייסטיגע שאַפער פון אונזער אידישער ליטעראַטור אין איראָפּע, נאָר אויך צו זעהן און הערען פיעלע אַנערקענטע ליטעראַטען פון אונזער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור.

צווישען די פילע געסט, וואָס וועלען קומען פון ניו יאָרק זיך באַטייליגען אין דעם קבלת פנים, וועלען זיין אַזעלכע פּערזענליכקייטען ווי דער פאָלקלאָריסט י. ל. כהן און זיין פרוי; דער באַריהמטער דראַמאַטורג און שריפטשטעלער לעאָן קאָברין און זיין פרוי; דער באַוואוסטער נאָוועליסט און עסעאיסט, ה. י. הײמאַוויטש; דער אויסגעצייכענטער פּאַראַדישער פון דער ענגלישער קלאַסישער פּאָעזי, דר. אברהם אייסען און פרוי; דער באַריהמטער אידישער קינסטלער-מאַהלער, דר. אברהם מאַניעוויטש און זיין פרוי; דער כלל-טוער, יצחק גראָסמאַן און זיין פרוי; די טאָכטער פון אונשטערבליכען דיכטער, עוועלין יהואש-דוואָרקין. דאָס זיינען אַלע געסט, וועלכע וועלען אַנטייל נעהמען צוזאַמען מיט די נואַרקער אידען. אַבער אחוץ דיזע חשוב'ע געסט וועלען אין אָוונט אַנטיילנעהמען אַזעלכע באַריהמטהייטען, ווי אברהם רייזען, דעם גאַסט'ס ברודער, דער גרויסער אידישער דיכטער און מיטאַרבייטער פון "פאָרווערטס"; ש. ניגער, דער באַריהמטער ליטעראַטור-קריטיקער; און דר. יעקב שאַצקי, סעקרעטאַר פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין אַמעריקע.

עס וועלען זיך אויך באַטהייליגען: בעטי סימאָנאָף, די בעסטע סאָפּראַנאָ-זינגערין פון דער אידישער ביהנע; הערי פעלד, דער באַליבטער טענאָר פון אידישען טהעאַטער; בעלא מאַלדאַווסקי, די טאַלאַנטפולע פּיאַניסטין; צבי סקולער, דער באַריהמטער אַרטיסט; די מיטגלידער פון דער ווילנער טרופּע: יוסף בולאָוו, ראָזע זשעליאַזע, שלום טאַנין, אסתר נעראָסלאַווסקי, משה פעדער, און ליובא קאַדיסאָן. זיי וועלען אויפטרעטען אין "רעגענבויגען", וואָס באַשטעהט פון סקעטשעס, איין-אַקטערס און פאַרשיידענע אידישע פאָלקס-לידער. מיט איין וואָרט, עס וועט זיין אַן אונפאַרגעסליכער אָוונט, וועלכער קיין איינער טאָר ניט דורכלאָזען.

היינט ערעפענונג פון בית יתומים באַזאַר

דער ערוואַרטעטער באַזאַר פון בית-יתומים, 12 האַמסטער פּאַרק, וואָס געפינט זיך איצט אין זייער צייטווייליגער היים, 48 אייוואָן פּלייס, וועט זיך עפענען היינט אָוונט אין קרוגער'ס אָדיטאָריום, 25 בעלמאָנט עוועניו.

דער באַזאַר וועט אָנהאַלטען 10 טעג צייט און וועט זיך שליסען מאָנטאַג אָוו. דעם 12טען מאַי.

ווי די אַרענדזשמענטס קאָמיטע פון באַזאַר מיט רבי'צין שעהר אַלס טשערלײדי געבען איבער: וועט זיין א רייכער אויסוואַהל פון פאַרשיידענע זאַכען און אַרטיקלען, אַלעס ניי וואָס מען וועט קענען באַקומען פאַר א העלפט פּרייז. און זיי לאַדען טאָקע אַלעמען איין צו באַזוכען דעם בית יתומים באַזאַר, קויפען באַרגיינס און דערמיט העלפען דער עקזיסטענץ פון דער אינסטיטושאַן.

א רייכע מוזיקאַלישע פּראָגראַם וועט דורכגעפירט ווערען היינט ביי דער ערעפענונג.

חזן הערשעלע קאַהען איינגענומען אַלס חזן אין בריסקער שול

דער יונגער טאַלאַנטפולער חזן הערשעלע קאַהען איז איינגענומען געוואָרען אַלס יעהרליכער חזן פון דער בריסקער שול, מיט א געהאַלט וואָס ער האָט אַליין פאַרלאַנגט.

מיט'ן איינעהמען חזן הערשעלע קאַהען אַלס איהר יערליכען חזן, האָט די בריסקער שוהל ווידער באַשטעטיגט איר טראַדיציע פון האָבען אַלס חזן א פערזאָן וואָס זאָל ניט נאָר זיין בארימט אַלס עמוד-קונסטלער, נאָר אויך אַלס אַזא וואָס זאָל טראָגען מיט ווירדע זיין פּאָסטען.

ווי באַוואוסט פאָהרט אָפּ איינגיכען דער פּרעזידענט פון דער שוהל מר. ב. בערגער מיט זיין פרוי פאַר א באַזוך אין איראָפּע, און זיי וועלען אויך באַזוכען די שטאָדט בריסק, דאָרום בעט ער די יעניגע וואָס ווילען שיקען דורך איהם הילף צו זייערע פריינד אין בריסק, זאָלען ברענגען צו איהם דאָס געלד ניט שפּעטער ווי ביז דעם 10טען מאַי.

מר. בערגער געפינט זיך יעדען אָוונט אין שוהל.

מיטינגען היינט אין אַרבייטער רינג לייסעאום

פאָלגענדע מיטינגען וועלען היינט שבת אָוונט אָפּגעהאַלטען ווערען אין אַרבייטער רינג לייסעאום, 190 בעלמאָנט עוועניו:

ענג אינספּעקטאָרס, רום 4.
ערשטע לובערער, רום 3.

וואָרנונג
הערט דיזע וואָרנונג
איר זייט פליכטוואוסט אייערע האָר פאַלען אויס
איר האָט דינע האָר
איהר האָט דענדראַף
איהר האָט סקאַלפּ־טראָבעל
אויב באַזוכט איינעם פון די קרידאָס אָפּיסעס
איידער עס ווערט צו שפּעט, וועט מען אייך זאָגען דעם אמת'ן קאָנדישאַן פון אייערע האָר.
טויזענטער צו אייער באַקוועמליכקייט. אויב איהר צווייפעלט, צאָהלט ווען איהר וועט זעהן דעם ערפאָלג.
פרייע עקזאַמינאַציאָן און באַראַטונג.
שטונדען: 10 פריה ביז 8 אָוו. אַלע אָפּיסעס
THE KRIDOS
awarded 1st PRIZE PARIS EXPOSITION
awarded 1st PRIZE BELGIUM EXPOSITION
Leading Hair & Scalp Specialists.
Est. 1918.
New York City: 1576 BROADWAY, at 47th St. Suites 311-15-16-17.
Downtown: 220 BROADWAY, near Fulton St. Suites 205-10.
36 PARK PLACE, NEWARK, N. J.
Opposite Hudson Tube Station.

אייער אַלט באַקאַנטער פריינד
סעם רייז
לאַדעט איין אַלעווינע באַקאַנטע
צו באַזוכען זיין ניי-ערעפענטען
רעסטאָראַנט
אין
109 בעלמאָנט עוועניו,
נוארק

פאַר נוארק און אומגעגענד.
לאָדזשעס און סאָסייעטיס
אויפמערקזאַם!
עקספּיריענסד סעקרעטער און קאַלעקטאָר.
אידיש געלערנט צו לערנען און שרייבען.
בר מצוה ערלערנט אין 10 לעקציעס
פּ ר י ז ע ן מ ע ס י נ ג.
וויווערלי 4893.

NEWARK
PANTAGES VAUDEVILLE
אונפאַרגלייכבאַרע מאָווי פון דייוויד בעלאַסקאָ'ס באַרימטער פּלעי
LADIES OF LEISURE
5—All-Star Acts—5

זונטאָג מאַטינע
2 פאַר 1
לײדיס פריי!
עלווינג'ס מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער

EDWIN A. RELKIN & SIGMUND WEINTRAUB present
וויליאַם שוואַרץ — מנשה סקולניק

איזידאָר האַלענדער לוסי פינקעל חנה האַלענדער
בלויז זונטאָג מאַט. און אָוו.,
דעם 4טען מאַי
אין
פיליפּ לאַסקאָווסקי'ס
און
וויליאַם סיגעל'ס
גרעסטע ראָמאַנטישע מוזיקאַל פּראָדאַקשאַן
קעניגין פון מיין האַרץ
אויפגעפיהרט פון וויליאַם שוואַרץ
צוזאַמען מיט:
שרה סקולניק, פרענסים סינקאָף, אייזיק ליפּינסקי, הערי טאַמאַשעפסקי, און קלאַראַ גאָלד.
21 נומערען האַרציגע געזאַנג — גרויסער כאָר און אַרקעסטער.
בראָדוויי באַלעט פון שעהנע טענצער און טענצערינס.

פאַר אייער נעבערהוד
גאַז-רעינדזשעס
צו א גרויסע סייווינג!

ווען איהר ניצט
א בענגאַל גאַז רעינדזש
קריגט איהר די בעסטע בעיקינג קוואַליטי, וואָס מען קאָן נאָר קריגען.
מיר האָבען א גרויסען אויסוואַהל פון קאָלירען און סייזעס.
Krich Stove & Range Co.
"Newark Largest Variety"
436-440 Clinton Ave.
Cor. Jellif Avenue
Telephone Terrace 6649
אָפען אָוונטען ביז 10 אַזייגער

א שטעקען פאַר די אויגען
צו טאַפּען דעם וועג
איז ביליגער
אַבער פיעל באַקוועמער
איז מיט גוט צוגעפּאַסטע
אויגען גלעזער
ביי דעם באַוואוסטען
אויגען ספּעציאַליסט
דר. לעווינגטאָן
81 פּרינס סטריט
אויגען גלעזער $3.50
אַזוי ביליג ווי — — —

זעהט מיך היינט, און זעהט בעסער מאָרגען.
דר. אננא מייזעל
אָפּטאָמעטריסט

322 קלינטאָן עוו.
ניער הילסייד עוו.
נוארק, נ. דזש.
טעלעפאָן, וויווערלי 8855.

קלינט אייערע ראַגס
לאָזט א פירמע מיט 25 יאָהר עקספּיריענס אַכטונג צו געבען אויף אייערע ראַגס.
דאַסט-קלינינג, שאַמפּואינג
און מאָטה-פּרופינג
Standard Carpet and Rug Cleaning Co.
197-199 SPRINGFIELD AVENUE
NEWARK, N. J.
Telephone, MULberry 3314
סטאָרעדזש פאַר'ן זומער פריי.

הרב ר' זונדעל לעווין
רב דקאַנג. עדת ישראל ומשניות
איז איין
241 אייוואָן עוו., נוארק,
נ. דזש.
טעלעפאָן טעררעס 5427

מיר האָבען א פולען סטאָק פון אַלערליי
גאַז ריינדזשעס

האָט וואָטער היטער'ס,
באַלטימאָר היטערס
און פילע אַנדערע.
אויך אַלערליי
ריפּעיר פּאַרטס
צו פּיטען אַלערליי מעיקס גאַז ריינדזשעס, סטאָווס, א. א. וו.
STOVE MANUFACTURERS' CORP.
182-186 Mulberry St. (near Lafayette St.)
MITchell 6968. Newark, N. J.

פאַר קוואַליטי און סערוויס
טעלעפאָנירט צו די
וואָרדעל לאָנדרי קאָ.
HELPING YOU KEEP CLEAN 33 YEARS
מיר העלפען אייך האַלטען ריין
פאַר די לעצטע 33 יאָהר.
מיר סערווירען עסעקס, יוניאָן און האַדסאָן קאַונטיס
Wardell Laundry Co.
20-38 CROSS STREET
NEWARK, N. J.
Phone Humboldt 4760

THE STAR KOSHER RESTAURANT
עסענס יעדען טאָג געשמאַק און פריש קענט איהר באַקומען ביי שעהן געדעקטע טישען אין
טולי און שניידער'ס רעסטאָראַנט
168 פּרינס סטריט.

Help Wanted — Female

פרוי פאַרלאַנגט פאַר קלינינג און קוקינג פאַר א פאַמיליע פון 4 פערזאָן. סטעדי פּאָזישאַן. טעלעפאָנירט עססעקס 1843. (6

Business Opportunities
ביזנעס טשענסעס

קאָנפעקשאָנערי און לאָנטשאָנעט, מוז פאַרקויפט ווערען א גרויסער באַרגעין, אייגענטימער געהט אין אַנדערע ביזנעס. 385 בלומפילד עוו., מאָנטקלעיר. (8

ערשטע קלאַסע רעסטאָראַנט צו פאַרקויפען ביליג אין ביזנעס סעקשאָן אין ליבערטי, נ. י. נאַכפרעגען אין „פאָרווערטס" אָפיס, 87 מוירסער סטריט, נוארק. (4

סינגער
84 ספּרינגפילד עוו.
טעל. מאַרקעט 6335 אָדער וויווערלי 0897.
דעליקאַטעסען און בעסטע סעקשאָן. — איינגאַנג $800. רענט $80. ליעס 5 יאָהר. ביליג צום שנעלען קויפער.
דעליקאַטעסען און גראָסערי, איינגאַנג $300. פּרייז $1000.
דעליקאַטעסען און גראָסערי, איינגאַנג $400. פּרייז $1,500.
סטיישאָנערי, איינגאַנג $175. פּרייז $1000.
סטיישאָנערי, איינגאַנג $300. פּרייז $3,500.

For Rent צו פאַררענטען

צו פאַררענטען א סטאָר. רענט ריזאָנעבעל. פרעגען 108 פּרינס סט. (5

328 בעלמאַנט עוו.—רום, ריזאָנעבעל, אימפּראָוומענטס, פּריוואַטע פאַמיליע, קאָר און באָס. רופט נאָך 5 קרעל, בינגלאָו 3727-דאַבליו. (8

99 פּאַסיפיק סט.—שעהנע סטאָר און 3 גרויסע רומס, פּאַסיג פאַר אַלערליי ביזנעס. $25 א מאָנאַט. מאַרקעט 3547. (8

שעהנע, גרויסע 6 רומס, סאַן פּאַרלאָר, אַלע אימפּראָוומענטס. ריזאָנעבעל רענט. 180 רידזשוואוד עוו. (4

רום ליכטיגע, לופטיגע, אַלע אימפּראָוומענטס, פּריוואַט פאַמיליע, לעבען קאַר ליין. 328 בעלמאָנט עוו. טעלעפאָן וויווערלי 6590 נאָך 6 אוהר. (13

5 רומס און סאַן פּאַרלאָר, לייטעסט אימפּראָוומענטס, היט און האָט וואָטער פּוירנישד. גוטער געגנט. זעהט דעם דזשאַניטאָר, 326 פּעשען עוועניו, אָדער טעלעפאָנירט וויווערלי 4858. (15

פרייז פון קוילען געפאַלען
שפּאָרט איצט געלט
און פאַרזאָרגט זיך פאַר'ן ווינטער מיט קוילען. געקויפט ביי דער באַוואוסטער פירמע
EASTERN SASH and DOOR CO., Inc.
COAL DEPARTMENT
HARRY K. REISEN, President
JOSEPH H. MAYZEL, Sec.-Treas.
309 Frelinghuysen Ave.
TERrace 2540—1—2
אַגענטען פאַרלאַנגט פאַר קוילען פאַרקויף. זיך מעלדען אין אָפיס.

חזן
משה'לע ערשטלינג
בעריהמטער מסדר קדושין

נעהמט אָן חתונות מיט אָדער אָהן כאָר אין אידיש און ענגליש
Rev. M. Erstling
112 Hillside Ave.
Newark, N. J.
Terrace 4685

A. WEISS
טינסמיט און רופער
מיר מאַכען בלעכענע און קופּערנע לידערס אַש-קענס, גאַרבעדזש קענס און אַלע אַנדערע צו אָרדער.
מיר ריפּערען אַלעס, רופס, לידערס, אייז-באָקסעס און אַלע הויז זאַכען.
935 בוירגען סט.
טעלעפאָן, טעררעס 3728.

E. Bernheim & Sons
פיונעראַל דירעקטאָר
אַן אַפּ-טו-דייט
פיונעראַל פּאַרלאָר
— סערוויס רום אַם פּלאַץ —
אָפען טאָג און נאַכט.
25-123 בעלמאָנט עווע.
נוארק, נ. דזש.
טעלעפאָן, טעררעס 6513.

אַדווערטייזמענט

אייראָפּעאישע וואַסער־שטאָף בעדער ביי אייך אין דער היים

אַלע אידען, וואָס האָבען געהערט און ווייסען פון די היימישע בעדער, וועלכע מען געהט נעמען אין יוראָפּ פאַר אַלערליי קראַנקהייטען, איז אונז ענדליך מיט גרויס מיה געלונגען צו קריגען צוגעשיקט אין אַמעריקע.

איהר קאָנט דיזען וואַסער־שטאָף געברויכען ביי אייך אין בעטה גראָדע דאָס זעלבע ווי אין „קאַרלסבאַד". די יעניגע וואָס זיינען געווען אין איראָפּע און גענומען די בעדער ווייסען וואָס זיי זיינען. און קענען קריגען די וואַסער־שטאָף צוגעשיקט און מאַכען דיזעלבע בעדער, וועלכע זיינען ערפרישענד און היילענד פאַר נערוועזע, האַרץ-קראַנקהייטען, היסטעריק, פאַרהאַרטע אָדערען, אַסטהמא, לונגען טראַבעל, גריפּ, דייעבעטיס, ספּעציעל פאַר שוואַכע און קראַנקע ראַן-דאַון מענשען.

דיזע בעדער זיינען גוט באַוואוסט איבעראַל און ענדאָרסד ביי די גרעסטע יוראָפּעאישע פּראָפעסאָרען.

צו ערלייכטערען זיך פון אייערע שמערצען, שרייבט פאַר אויסקונפט פון דיזע וואַסער־שטאָף בעדער צו:
S. DUKATENZALER
516 Hunterdon St., Newark, N. J.

פאַר יעצט און אַלע מאָל
אן עדיסאן ראַדיאָ איז די בעסטע פאַר אייער היים!

EDISON
LIGHT-O-MATIC
RADIO

א בליאסק—און אט איז אייער סטיישאן! שנעל ווי א בליץ. א קלוי־נעם דרעה מיט'ן דייעל פון אן "עדיסאן" ברייגנט אריין אייערע באַ־ליבטע סטיישאנס אין די גאנצע שעהנקייט פון פאלקאמענע טונינג. עדיסאן ראדיאס זיינען מעסיג געפּרייזט — אזוי ביליג ווי . . .

$175.00 (אהן טובס)

Thomas A. Edison

לייכטע בעדינגונגען אראנזשירט צוזפאסען אייער פּאקעטבוך.

Capitol Lighting Fixture Co.
379 Springfield Ave., Newark, N.J.
Max Lebersfeld, Prop. Ter. 5553
— Service by a Radio Engineer —
OPEN EVENINGS UNTIL 10 O'CLOCK

קעפּיטאָל לייטינג פיקסטשור קא.
מאקס לעבערספעלד, אייגענטימער.
379 ספּרינגפילד עוועניו
וואו איהר קריגט

דעם גרעסטען סייל פאַר דעם ספּרינג סיזאָן
פארשעהנערט אייער היים פאַר ספּרינג און זומער מיט אונזערע ספּעשעלס

$1.19

2־לייט בעדרום פיקסטשור

(ביידע פערטיג צו אינסטאלירען)

קיטשען אדער באטה פיקסטשור

5־לייט דייגינג רום אדער ליווינג רום פיקסטשורס — — $3.95
2־לייט וואל פיקסטשורס — — — — — — — — — $1.95
אויב איהר האט טראבעל מיט אייער ראדיא—
א טעלעפאָן קאלל וועט אייך ברייגנען אן עקספּיריענסד אינזשיניר צו פיקסען אייער סעט פאַר א ריזאָנייבעל פּרייז.

CAPITOL
Lighting Fixture Co.
379 Springfield Ave., Newark, N. J.
MAX LEBERSFELD, Prop. TER. 5533

גלעס טאַפּס פאַר פוירניטשור!
גלעזערנע צודעקס פאַר אייערע פוירניטשור גיט צו שעהנקייט צו אייער היים. א זיכערע פארהיטונג פון סקרעטשעס און שטויב. סאניטאריש און פארהיט דעם געזונט. גלעס טאפּס זיינען ניט טייער. מיר דעליווערען טעגליך גלעס טאפּס צו די שענסטע היימען אין עסעקס קאונטי. שרייבט צו אונז פאר א פרייען ברידזש פּעד.
טעלעפאנירט מאלבערי 6705 פאר אן עסטימייט, אדער שרייבט צו:
NEW JERSEY GLASS COMPANY, Inc.
Formerly Central Avenue—NOW
170 South 12th Street, Newark, N. J.

בעסטער פּלאַץ אין נוארק
פאַר אַלע סאָרטען לאָמבער
ראַפּע און געטרימטע
באוואוסט אלס דער ביליגסטער לאמבער יארד מיט וועלכען קיינער קען ניט קאנקורירען.
אייער קרעדיט איז גוט
מיר נעהמען ארענטליבקייט און אנבעטראכט.
EASTERN SASH and DOOR CO., Inc.
לאמבער יארד
309 Frelinghuysen Ave. Harry K. Reisen, Pres.; Joseph H. Mayzel, Sec.-Treas. Telephone, TERrace 2540—1—2
הויפּט אפיס

גרענד באַזאַר פון בית יתומים
12 האמסטעד פּארק, און איצט אין ציטווייליגער היים, 48אייוואן פּלעיס
וועט פארקומען אין קרוגער'ס אדיטאריום, 25 בעלמאנט עוו.
פון שבת אוונט, 3טען מאי — ביז דינסטאג, 13טען מאי
קומט קויפען גרויסע באַרגיינס און דערמיט וועט איהר העלפען אויסהאַל־טען עלענדע, אומגליקליכע יתומים'לעך. די וואס ווילען האבען בוטהס, זאלען זיך ווענדען צו דער באזאר קאמיטע. די וואס ווילען ברייגען פּעקע־דזשעס, קענען דאס ברייגען אין דער האם. רביצין שער, שערליידי פון באזאר

אינטערעסאַנטע נייעס אין בילדער

מוטער פאַרדעכטיגט — די 14־יעהריגע מיידעלע רוטה הארט־מאן (אונטען) איז געשטארבען פון גיפט אונטער געהיימניספולע אומ־שטענדען, און דער טויט פון איהר פא־טער און ברודער איז אויך איינגעהילט אין געהיימניס. די פּאליציי האט דערי־בער פארהאלטען די מוטער, מרס. מערי הארטמאן, און זי ווערט פאר־דעכטיגט אין דעם טויט פון אלע דריי.

QUIZZED in death puzzle.—Because her 14 year old daughter Ruth, below, died mysteriously of poisoning and mystery seems to shroud death of her son and husband, Mrs. Mary Hartman, of California, is held for questioning.


Совершенно секретно.

Пролетарии всех стран соединяйтесь.

Исполком Коминтерна.

Секретариат Американского Отдела

№ 658 сс.

Москва, Сапожковская пл. д. № 1.
Тел. 3-20-29.

Москва, 20 Декабря 1929

Через Диппочту из Парижа нарочным.

Полпред. Нью Иорк.

Адрес для телеграмм: Коминтерн, Москва.
Каблеграмм: Полякову Москве.
Код:

Служебная записка.

Уважаемый товарищ Саул.

Вновь приезжающие работники должны быть командированы на места немедленно по приезда в США. Инструкции будут выданы им тов. Борисом в Вашингтоне. Точный список приезжающих и их маршрут высылаем следующей почтой для точного исполнения.

С товарищеским приветом.

וועהילען'ס סענסאַציע. — דער ניו יארקער פּאליס קאמישאנער האט נעכטען פארעפענטליכט געהיימע דאקומענטען, וואס זאלען ציינען, אז אלע קאמוניסטישע אויסברוכען און דעמאנסטראציעס אין אמעריקע ווערען געארדערט און פינאנסירט פון מאסקווע. דער דאקומענט אויבען—א בריף פון ס. פעאדאר, אין מאסקווע, צו חבר סאול אין אמעריקע—גיט איהם ארדערס ווי אנצופירען מיט נייע מענשען וואס זיינען געשיקט געווארען קיין אמעריקע דורך פאריז און בערלין.

WHALEN SENSATION— New York Police Commissioner made public yesterday series of secret documents that are supposed to prove that Communist Party in Moscow orders and finances all outbreaks and demonstrations of their followers in the United States. Above, is one of documents—a letter from Feodorov, in Moscow, instructing Comrade Saul in disposition of new workers being sent here.



א קאנדידאטקע'ס „ביל" — מרס. רוטה מעקארמיק, וועלכע האט געוואונען די רעפּובליקאנער נאמינייישאן פאר סענאטאר אין אילינאי, ערקלערט פאר די צוויי סענאטארען (לינקס), וואו־רום דער קאמפּיין האט איהר אבגע־קאסט איבער א פערטעל מיליאן דאלאר. סענאטאר דינין (רעכטס פון מרס. מע־קארמיק), דער געשלאגענער קאנדידאט, האט אויסגעגעבען בלויז $24,000.

HER EXPENSES.— Ruth McCormick, successful candidate in Republican Senatorial primaries in Illinois, explains to members of Senate committee on left how she spent $252,572 in campaign. Her opponent, Senator Deneen (at her right), who was defeated, showed bill for a tenth of sum — $24,493.



דער פלאַטען־אבמאַך איז אפיציעל איבערגעגעבען געווארען אין די הענט פון פּרעזידענט הוווער'ען מיט עטליכע טעג צוריק. דאס בילד ווייזט דעם פּרעזידענט (רעכטס) און צוויי פון די אמעריקאנער דעלעגאטען ביי דער לאנדאנער קאנפערענץ: סעקרעטערי סטימסאן און סענאטאר ראבינסאן. דער לעצטער האט ערקלעהרט, אז א דאנק דעם אבמאך וועט אמעריקע גלייך מוזען זיך נעהמען צו בויען קריגס־שיפען אום צו ווערען גלייך מיט ענגלאנד.

FRUIT OF 13 WEEKS, the London naval treaty was officially presented several days ago to President Hoover on White House grounds. Right to left: Senator Robinson, Secretary Stimson, and the President.

עס גלויבט זיך ניט, ס'איז אָבער פּאַרט אמת!
פון דזשאהן היקס

מיט „מזל"
א בעאמטער פון אן ענגלישער שיפס־קאמפּאניע האט געקראגען פּענסיע 83 יאהר.
ווער עס גלויבט ניט קען זיך ווענדען צום פארפאסער

AND NO TWINS OR TRIPLETS!—Mr. and Mrs. J. S. Reeves, Nebraska farmers, claim record for large family in United States. They have 18 children; Mrs. Reeves is 49, and her husband 57.

א פאַמיליע־רעקאָרד — די פארמער־פאמיליע ריעווס, פון נעבראסקא, האט 18 קינדער, פון וועלכע דער עלטסטער איז 32 יאהר. מרס. ריעווס איז 49 יאהר אלט, און איהר מאן—57.

קאָמוניסטישע דאָקומענטע

(שלוס פון פיידוש 1)

גינאַלען. אויף די בריף געפינט זיך א ספּעציעלער אויפשריפט, וואס דארף ציינען, אז פון מאסקווע ווערען זיי ארויסגעשיקט מיט דיפּלאמאטישע קו־ריערען אין די לענדער, וואו עס זיינען דא סאוועטישע אמבאסאדארען, ווי לעט־לאנד, פראנקרייך אדער דייטשלאנד, און פון דארט קיין אמעריקע מיט ספּעציע־לע מעסענדזשערס.

איינער פון די דאקומענטען שטעלט מיט זיך פאר א מאנדאט (א קרעדענ־שעל) צו א רוסישען קאמוניסטישען טוער, וואס באהאלט זיך אונטער דעם נאמען „גראפּפען", וואס מאכט אים ווי־דער פארן פארטרעטער פון קאמוניסטי־שען אינטערנאציאנאל אין אמעריקע. א צווייטער — אין געשריבען פון דעם ראזינגען „גראפּפען'ען" און אדרעסירט צו איינעם: „פּאליאקאוו, אמטארג, מאסקווע", גיט אן א ליסט פון נעמען פון וויכטיגע סאוועטישע טוער, וואס געפינען זיך איצט אין אמעריקע און וועלכע „עס וועט זיין שווער צו פאר־בייטען", אויב מען זאל זיי צוריקרופען קיין מאסקווע. צווישען זיי געפינט זיך. זאנט וועהילען, דעלגאס און זיין חבר שפּעטאל, וועגען וועלכען בעסעדאווסקי, דער געוועזענער סאוועטישער אמבאסא־דאר האט אנומלטען געשריבען, אז ער איז דער געהיימער הויפּט פון די סאווע־טישע שפּיאנען אין אמעריקע.

דערזעלבער שפּעטאל ווערט דער־מאנט אין אנדער בריף, אין וועלכען מען לאזט וויסען דעם אומאפיציעלען סאוועטישען פארטרעטער אין וואשינג־טאן, בארים סקווירסקי'ן, אז שפּעטאל „ווערט צוריקגערופען קיין אייראפּע צו־ליב דעם ווילדען אויסברוך פון די פאר־רעטער"...

וועהילען'ס דאקומענטען ווייזען אויך, אז דער נייער פארטרעטער פון קאמור־ניסטישען אינטערנאציאנאל, גראפּפין, וועט אויך פארנעמען שפּעטאל'ס פּלאץ אלס דער הויפּט פון די היגע סאוועטי־שע שפּיאנען, און אז מען דארף דעם ראזינגען הויפּט פון קאמוניסטישע אר־בייט אין אמעריקע געבען דעם פּאסט פון „אמטארג"־פּארוואלטער אין סיאטעל, וואשינגטאן, וואו דער חשד אויף איהם וועט זיין קלענער, ווי אין נויארק, וואו די לאגע איז געווארען גע־פעהרליך צוליב דעם ארעסט פון די „פאר־רעטער". אין'ם זעלבען דאקומענט ווערט געארדערט, אז ער, מענעדזשער פון „אמטארג" אפּיס אין סיאטעל, זאל דארט צוזאמענרופען א בארא־טונג פון אלע „אונזערע פארטרעטער", וועמען איהר דארפט געבען אלע נויטיגע אינסטרוק־ציעס און ליטעראטור וועגען דער ארגא־ניזירונג פון די ערשטע מאי־דעמאנ־סטראציעס". די געלד־מיטלען פאר דעם „וועט איהר באקומען פון חבר סעווער־סקי, וועלכער איז נאך אלץ דער הויפּט פון פינאנס־דעפּארטמענט".

אין דעמזעלבען בריף זיינען נאך דא אנדערע אינטערעסאנטע פּונקטען, וועל־כע דער לעזער וועט געפינען אין פאלגען־דעם טעקסט, וואס מיר דרוקען דא ווייטער.

איבערזעצונגען פון נאָך בריף

א בריף פון דזשענעראל מענעדזשער פון ניו יארקער „אמטארג" קיין מאסקווע.

אמטארג טרעידינג קארפּאריישאן,
261 פינפטע עוועניו,
ניו יארק.
מארטש 10, 1930.

טייערע חברים!

מיט'ן איצטיגען בריעף ערפיל איך אייער טעלעגראפישע ביטע צוצושיקען א צעטעל פון פארטיי חברים, וועלכע עס איז שווער צו פארבייטען, און וואס זיינען קאמאנדירט געווארען אויף ארבייט אין ניו יארק: בע־ליצקי, בערלין, באגדאנאוו, גארין, דעלגאס, זיאווקין, קאגעוויץ, קאכילאוו, קאלאמאי־צעוו, קאנאוואלאוו, קאפּעלעוויטש, קאפּמאן, לאווערענטיעוו, לינדארף, מאנידסאן, מאמ־ליעוו, מארקאוו, מארקאווא, פּעטראוו, פּא־ווערמאן, פּאטרובאטש, רומענבערג, ריקאוו, סווערדלאווא, פּעטוויים, ציקערמאן, צוריופּא, שאראפּאוו, שפּעטעל און שולגא.

ווען מען זאל ארונטערנעמען וועמען ניט איז פון זיי, קען דאס ארויסרופען ביי אונז א זעהר געפעהרליכען איבעררייס אין דער ארבייט. אבער אויב די פּאליטישע לאגע וועט דאס פאדערען, בעט איך מאכען דעם איבערבייט לאנגזאם, אנזאגענדיג אונז אפריער וועניגסטענס מיט דריי מאנאטען.

צום פּאלפּרעד אין ניו יארק.

פארטיג דער פאלשטענדיגער באריכט וועגען אריבערטראגען די באזע, אבער איך אר־בייט אויף דעם זעהר אנגעשטרענגט און האף איהם אייך ארויסשיקען אין עטליכע וואכען ארום.

א קאפּיע פון דעם בריעף וועל איך אויך ארויסשיקען צו אנדערע ארגאניזאציעס, וואס זיינען אין דעם פאראינטערעסירט.

מיט חבר גרוס,
ג. גראפּפען.

געהיימער מעמאָראַנדום פון מאסקווע צו חבר סאול, אין ניו יארק.

פאלשטענדיג געהיים.

מאסקווע, דעם 16טען דעצעמבער, 1929.
מיט א ספּעציעלען שליח דורך דער די־פּלאמאטישער פּאסט פון פאריז.
צום באלפּרעד אין ניו יארק.

מעמאראנדום.

געעהרטער חבר סאול!

אין פארבינדונג מיט'ן אנקומענדען עקא־נאמישען קריזיס אין די פאראייניגטע שטא־אטען, דארפט איהר אלע געלדער, וואס געפי־נען זיך ביי אייך, איבערגעבען צו חבר ליזע צו פארשטארקען דעם פּראלעטארישען פראנט. די סומען דארף דער אמעריקאנער קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אויסגעבען אין די צווייגען, וואס זיינען מעהר געטרא־פען פון קריזיס, ווי אין דער טעקסטילער, מאיינינג, פּאר און אנדערע אינדוסטריען. מ'דארף פון די געלדער שטיצען די סטרייקער. לויט א פארשטענדניס מיט דער יאטשעיקע (קאמוניסטישע אנפיהרענדע גרופּע) פון די סטרייקער. א פאלשטענדיגער צעטעל פון די ראיאנען וועט אויך געשיקט ווערען אין פארלויף פון צוויי וואכען, צוזאמען מיט נאך געלד־מיטלען.

דעם פּראפּיט פון דער אויסגאבע פון איי־ער קאטאלאג דארפט איהר איבערגעבען צו חבר גרישע, צו פארטיילען צווישען די סוב־סידירטע אויסגאבען אויף רוסיש און אנ־דערע שפּראכען.

מיט חבר גרוס,
פיאדאראוו.

היינט פאַנגט זיך אָן דער בלומען־טאָג פון געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינער אַרבייטער

היינט, שבת אוונט, וועט זיך אין ניו יארק, ווי אויך איבער'ן גאנצען לאנד, אנפאנגען דער יערליכער בלומען טאג און פאלקס זאמלונג פון געווערקשאפטען קאמפּיין פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל, און דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטעט ערווארטעט פון אלע־מען א ברייטהארציגען אפּרוף.

אין גרייטער ניו יארק האבען זיך שוין ביז איצט רעגיסטרירט קרוב צו טויזענד וואלונטירען, וועלכע וועלען ארויסגיין פון 50 סטיישאנס אויף דער איסט סייד בראנקס, וויליאמסבורג, בראנזוויל, בא־רא־פּארק, בענסאנהוירסט און קוני איי־לענד. אין בלומען טאג באטייליגען זיך מיטגלידער פון די פּועלי ציון, צעירי־ציון, השומר הצעיר, בראנטשעס פון נא־ציאנאלען ארבייטער פארבאנד, פּיאנע־רען פרויען קלובען, לינקע פּועלי ציון, התחיה, ערוואקסענע קינדער פון די אר־בייטער פאלקס שולען און תלמוד תורות, און א ריי וואלונטירען וועלכע ווערען ערווארטעט אין די אנאנסירטע סטיי־שאנס.

דער בלומען טאג וועט אויך פארטגע־זעצט ווערען דעם גאנצען טאג מארגען. אלע אינפארמאציעס קענען ווערען געגעבען אין הויפּט אפיס פון נאציאנאלען ארבייטער קאמיטעט, 1133 בראדוויי, נ. י.

דזשאַדזש פּענקין און דר. זשיטלאָווסקי ביי געצייג פּאַרזאַמלונג נעקסטען זונטאַג אין מאַנטרעאַל

די גרויסע פאלקס־פארזאמלונג פאר'ן געצייג־קאמפּיין, וואס וועט פארקומען נעקסטען זונטאג, דעם 11טען מאי, אין מאנטרעאל, וועט האבען צוויי פון די פּאפּולערסטע אידען אין די פאראייניג־טע שטאאטען, אלס רעדנער. די צוויי זיינען: דער באוואוסטער דזשאדזש דזשייקאב פּענקין, פּרעזידענט פון אמע־ריקאנער „ארט", און דער באוואוסטער אידישער געלערנטער און מייסטער פון שפּראך, דר. חיים זשיטלאווסקי.

אויסער די צוויי וועלען אויפטרעטען א גאנצע רייהע פון גוט־באוואוסטע גע־זעלשאפטליכע טוער פון מאנטרעאל. קיין מאנטרעאלער איד טאר ניט פאר־פעלען צו קומען צו דיזער פאלקס־פאר־זאמלונג און העלפען אין דער וויכטי־גער ארבייט.

דער געצייג־דרייוו אין מאנטרעאל געהט אן מיט דעם גרעסטען ערפאלג. א שעהנער ביישפּיל קאן דינען דער טשעק פון 25 דאלאר, וואס יוסף איי־רעלבערג האט צוגעשיקט. ער שרייבט:

„איך שיק א טשעק פון 25 דאלאר צו אייער נאבעלען קאמפּיין פאר אונ־זערע געליטענע און ליידענדע ברידער און שוועסטער. גאט זאל אייערע הענט שטארקען. איהר טוט א היילינגע זאך. און יעדער איד וואס האט הארץ און נשמה דארף ניט ווארטען, אז אייערע קאמיטעטס זאלען איהם קומען באזוכען. זיין חוב איז אליין אריינצוברענגען זיין ביישטייערונג.

דאס איז באמת א שעהנער ביישפּיל פאר טויזענדער.

דזשודעא

(שלוס פון פיידוש 1)

דורך פּערלמאן און דאניעלסאן האט דער לאיער פאר דער אנקלאגע געזוכט צו קריגען באווייזע, אז אין דער קאמ־פּאני גופא איז אנגעגאנגען א ביטערע קריגעריי וועגען דעם, ווער עס זאל קאנ־טראלירען די „דזשודעא" — דער אר־דער בני ציון, וועלכער האט איהר גע־גרינדעט אדער עטליכע „דזשודעא" די־רעקטארען, און אז מאנכע דירעקטארען האבען רעזיגנירט, ווייל זיי זיינען ניט געווען צופרידען מיט דעם וועג, אויף וועלכען די ציוניסטישע קארפּאריישאן האט זיך פארקערעוועט.

ראבינאוויטש'ן, וועלכער איז איינער פון די וויכטיגסטע עדות געגען די אנ־געקלאגטע, ווייל ער איז א צייט לאנג געווען אן אסיסטענט מענעדזשער פון דער דזשודעא אינדאסטריעל קארפּא־ריישאן און איז געווען אנוועזענד כמעט אויף אלע דירעקטארען־מיטינגען, האט דער לאיער פון די אנגעקלאגטע גענומען אויף א שטרענגען קראס־עקזא־מינישאן און איהם אלץ געזוכט צו דיס־קרעדיטירען, אז ער פארדינט ניט קיין גלויבען. דערווייל איז דעם לאיער דאס ניט געלונגען, און דער עדות וועט מסתמא ווידער גערופען ווערען אויפ'ן וויטנעס־סטענד.

אינטערעסאנט איז אין דיזען מערק־ווירדיגען טראיעל, וואס ביידע צדדים זיינען ביי זיך זיכער מיט ז. זיג. די אנ־געקלאגטע דירעקטארען זיינען ביי זיך זיכער, אז אזוי שנעל ווי די אנקלאגע וועט ענדיגען איהר זייט, וועט דער דזשאדזש ניט מאכען קיין סך שהיות און גלייך ארויסווארפען די קעיס פון קאורט. אבער פונקט אזוי זיכער זיינען ביי זיך די אנקלעגער, אז זיי האבען „אייזערנע קעיס" געגען די אנגעקלאגטע און אז דער טראיעל וועט זיך נאך ציי־הען וועניגסטענס א וואך צייט און וועט זיך ענדיגען מיט א זיג פאר די מינא־ריטי סטאקהאלדערס.

נאָרדוי־טרומפּעלדאָר מעמאָריעל היינטיגען זונטאַג אין אירווינג פּלאַזאַ האָל

קומענדען זונטאג, דעם 4טען מאי, 2 אזייגער נאכמיטאג, וועט אין אירווינג פּלאזא האל, אויף דער 15טער סטריט און אירווינג פּליים, פארקומען דער נארדאו־טרומפּעלדאר מעמאריעל, אראנ־זשירט פון די ציוניסטען־רעוויזיאניס־טען. צווישען די רעדנער זיינען: פּרא־פעסאר חיים טשערנאוויץ, עליהו גינז־בורג, דזשייקאב דע־האאז, ראבאי דר. מאריס ראוז און מ. דאנציס.

ש. לעוויטאַס זונטאַג אין טרענטאָן ביי א מאי פּאַרזאַמלונג

אין טרענטאן, נ. דזש., וועט קומענ־דען זונטאג אוונט פארקומען א מאי־פייערונג, אין ליבאר לייסעאום, 159 מערסער סטריט. די פייערונג איז אראנ־זשירט געווארען פון אלע ארבייטער ארגאניזאציעס. גענאסע ש. לעוויטאס קומט ספּעציעל צו אדרעסירען די פאר־זאמלונג. איינטריט פריי.